3 0112 098844589

בעל מחשבות

שריפטען

בעל מחשבות

(דר. עליאשעוו)

שריפטען

באַנד III

דריטע אויפלאַגע

ווילנע — 1923

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.

PRINTED in POLAND

איבערזעצען און איבערדרוקען
אָהן דער ערלויבניש פון מחבר
איז פארבאָטען (געזעץ פון 19
מערץ 1911).

Dzieła Baał-Machaszowojsa.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina,
M.-Stefańska 23.

דרוקעריי „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן־גאַס 23.

PJ
5120
.B12
1923
v.3

I. קריטישע ארטיקלען.

אַזוי ווי פון דער רוסישער ליטעראַטור שמעקט אין אַלגעמיין מיט די גראָזען פונ׳ם רוסישען דאָרף, אַזוי ווי אין דער אייראָפּעאישער העלדען זיך שטימען פון די גרויסע שטעדט מיט איהרע פאַבריק־און האַנדעלס־צענטרען, — פונקט אַזוי הערט זיך אין אונזער יודישער ליטעראַטור דאָס שטילע, איינגע, פערשטיקטע לעבענס־גערויש פון אַ יודישען קליין־שטעדטיל. אונזער ליטעראַטור, ביז פאַר קורצען, איז געווי אַזאַ קליין־שטעדטילדיגע, ווי די רוסישע — אַ דאָרפישע. דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס בויען אונזערע ליטעראַטען דאָס אידעלע געבוי פון זייער קונסט, איז קאַבצאַנאָווקע, טונעיאַדאָווקע, די סביבה, וואו עס פערברייננגען זייער לעבען די העלדען פון אַ יודישער ערצעהלונג, איז דער איינגער שטח פון אַ קליין שטעדטיל, מיט הילצערנע הייזלעך און שטרויענע דעכער, מיט אַנ׳איינגעפאַלענעם בית־מדרש און אַ שלעכט ברוקירטען מאַרקפלאַץ, וואו עס דרעהט זיך אַרום אַנ׳אָרימע עדה יודען, זוכענדיג אַ שטיקעל פרנסה.

און עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין. דער רוסישער יוד האָט נאָך ביז פאַר קורצען זיך אויפגעהאַלטען צווישען שטאָדט און דאָרף, זיין היסטאָרישע ראָליע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען אַ פערמיטלער צווישען פויער און פריץ. צווישען זיי ביידען האָט זיך געשאָקעלט דאָס וויגעל פון זיין מזל, און אַזוי ווי דער פויער און דער פריץ זענען צוגעבונדען גע־

ווען צום דאָרף מיט טויזענדער שטריק — איז דער יוד אויך זעלטען ווען אַרויס פֿון זײַן אייגענעם נעסט.
בינו לבינו האָבן זיך די צײַטען געענדערט און צוגלײַך מיט זיי — אויך די לאַגע פֿון יודען אין דער רוסישער מדינה, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען שאַפֿען אַ יודישע קינסטלערישע ליטע־ראַטור. נישט לאַנג האָבן מיר געפֿײַערט 50 יאָהר, זינט דער פֿערשקלאַפֿטער פויער איז געוואָרען בעפֿרײַט, זינט דער פּריץ האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבען צו פֿערליערען זײַן פֿעסטען מעמד און האָט וואָס מיט אַ יאָהר שפּעטער זיך גענומען אַלץ ווײַטער אָבּרוקען פֿון דאָרף, וואו ער האָט אַמאָל געוועלטיגט ווי אַ מלך בכפּה און וואו ער איז שפּעטער געוואָרען אַ פּאָמעשטשיק אַ יורד, אָהן דעם כּח אויסצונוצען פֿאַר זײַנע תּאוות די אומזיסטע קראַפֿט פֿון דעם אַמאָליגען פֿערשקלאַפֿטען פויער. און דאָס האָט געבראַכט אויך דערצו, אַז נאָהנט פֿון שטעדטיל האָבען זיך אָנגעהויבען בילדען גרעסערע צענטרען, גרויסע שטעדט. אויך דער יוד מיט זײַן גרויסען כּח זיך צו־צופּאַסען צו נייע לעבענס־בעדינגונגען האָט ביסלעכווײַז פֿערלאָזען דאָס שטעדטיל, פֿון וועלכען דער פּריץ איז אַנטלאָפֿען, צוליעב דער גרויסער שטאָדט, האָט ביס־לעכווײַז בענומען זײַן נײַע פֿערמיטלונגס־ראָליע, און איז אַוועק אין די גרויסע אינדוסטריע־און האַנדעלס־צענטרען זוכען זײַן פּרנסה אויף נײַע אופנים.
דער הײַנטיגער יוד איז מעהר נישט קיין קליין־שטעדטיל'דיגער, ווי דער הײַנטיגער פּריץ איז שוין נישט דער דאָרפֿישער מענש, וואָס אַמאָל. אַ גרויסער טייל פֿון דער יודישער מאַסע לעבט שוין אין ברייטערע אַלגעמיין־קולטורעלע לעבענס־פֿאָרמען, נישט דאָס שטעדטיל איז הײַנט משפּיע אויפֿ'ן לעבען פֿון כּלל, נאָר די שטעדט, וואו עס קאָנצענטרירט זיך דער גײַסטיגסטער, קרעפֿ־טיגסטער טייל פֿון יודישען פֿאָלק.
דער, וואָס איז אייניגערמאַסען בעקאַנט מיט דעם מאָדערנעם יו־דישען לעבען, וויס, אַז אין די קליינע שטעדטליך פֿון תּחום געפֿינט מען שוין כּמעט נישט איין מענשען, וואָס האָט זיך אין אַ געווויסער צײַט ניט געריסען אַרויסצוגעהן פֿון טונעיאַדעווי־קע, אַז דער יונגער דור פֿערלאָזט די שטעדטליך מאַסענווײַז,

פערברייַנגט זייַן יוגענד אין עפּיס אַ יודישען גרויסען צענטער, אָדער עמיגרירט אויף שטענדיג קייַן אַמעריקאַ. אויך די פּוילישע שטעדטליך ווערען אויסגעליידיגט ביסלעכווייַז פון יונגען דור. און ווען דער פּראָצעס האָט דאָרט אָנגעהויבען זיך ענטוויקלען שפּעטער ווי אין ליטא און דרום-רוסלאַנד, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען אַ סך סבות, אין אַ געוויסען זין אויך דעם פערגרעבטען חסידיזם און צדיקיזם, וואָס האַלט די יודישע מאַסען אין דעם חושך פון אונוויסענהייַט, וואָס שטערט איטליכע געזונדטע ענטוויקלונג.

דאָס יודישע שטעדטיל שטאַרבט אָב. אין עטליכע דורות אַרום וועט עס נור לעבען ווי אַ היסטאָרישע ערינערונג, ווי עפּיס אַזוינס, וואָס האָט קיין איינפלוס נישט אויפ'ן יודישען לעבען, וואו אפשר דער היסטאָריקער וועט געהן זוכען פערגליווערטע סמנים פון דעם אַלטען אָבגעשטאָרבענעם אַמאָליגען יודישען לעבען. נאָר איידער נאָך דאָס שטעדטיל וועט אינגאַנצען אָבשטאַרבען, וועט שוין דער קינסטלער פיהלען זייַן פּוילניש-גערוך מיט צעהנדליגער יאָהרען פאָרויס. נאָך איידער דאָס לעבען וועט אינגאַנצען פערגליווערט ווערען, ווי דער סמבטיון פרייַטאָג-צו-נאַכטס, וועט שוין דער בעאָבאַכטער פון יודישען לעבען וויסען, אַז אין שטעדטיל איז נישט קיין לעבענס-שטראָם פאַרהאַן, נאָר שטעהענדיגע זומפּען מיט אַ גרינליכער בליהונג אויף זייערע וואַסערן. און מיט דעם ריכטיגען געפיהל פון אַ שאַפענדען קינסטלער, וועט ער זיך אָבקעהרען פון דעם גוסס'דיגען חולה און וועט ווענדען זייַן בליק אַהין, וואו עס וועבט זיך אַ נייַ לעבען, ווענדען זייַן בליק צו דעם יודען פון דער גרויסער שטאָדט.

איבעריגענס, מען דאַרף נישט זייַן קיין נביא אום דאָס פאָרויסצוזעהן. די יודישע ליטעראַטור פון די לעצטע יאָהרען גיט אונז גענוג ביישפּיעלען פון יונגע טאַלענטען, ווי אויך פון די עלטערע, וואו עס הערט זיך שוין נישט דער קול פון דעם שטעדטיל. שלום אַש, יונה ראָזענפעלד, נאָמבערג, ווייַסענבערג, ל. שאַפּירא און אַנד. בעפרייַען זיך אַלץ מעהר פון דעם שטעדטיל. בייַ איינִיגע פון זיי איז דאָס שטעדטיל נור אַ דערבייַיאָגער מאָטיוו, בייַ אַנדערע דאַגעגען טרעטען שוין אַרויס די נייַע

טיפֿען פֿון די גרויסע יודישע צענטרען, ווי וואַרשוי, אָדעס, א. א. וו. ביי אַנדערע ווידער פֿערדעקען די אַלגעמיין-מענשליכע פּראָבלעמען דאָס ספּעציעלע לעבען פֿון דעם שטעדטיל (ווייסענבערג).

די בעסטע אָבער פֿון אונזערע היינטיגע טאַלענטען האָבען נישט געקאָנט אין אָנפֿאַנג פֿון זייער שאַפֿען זיך בעפֿרייען פֿון דער סביבה, וואו זיי זענען אויסגעוואַקסען; ביי אַלעמען געפֿינען מיר שפּפּונ-גען, וואו אין צענטר פֿון דער שאַפֿונגס-פֿאַנטאַזיע שטעהט דאָס שטעדטיל.

אין די פֿאָלגענדע ציילען וויל איך זיך אָבשטעלען אויף דריי שטעדטליך, וועלכע זענען, נאָך מיין מיינונג נאָך, די בעסטע קינסט-לערישע מצבה אויף דעם קליינשטעדטיל'דיגען יודישען לעבען. איך וויל דערמיט נישט זאָגען, אַז חוץ די דריי שטעדטליך פֿון די אין-טיטעל-דערמאָהנטע שרייבער האָבען מיר נישט נאָך אָרי-גינעלע שטעדטליך, וועלכע פֿערדיענען ערנסט אַנאַליזירט צו ווע-רען. אַבראַמאָוויטש'עס קאַבצאַנאָווקע, שלום-עליכם'ס כתרילעוו-קע און אַ. רייזענס שטעדטיל פֿערלאַנגען איטליכס פֿאַר זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון איטליכען ליעבהאָבער פֿון דער ליטע-ראַטור. קאַבצאַנאָווקע און כתרילעווקע זענען ביי אונז געוואָרען אַ שם דבר און האָבען זיך אָבגעקריצט אין אונזער פֿאַנטאַזיע נִיט ווענִיגער, ווי די טיפֿען אין זיי. אָבער אין די דריי שטעדטליך געפֿין איך אַזוינס, וואָס צייגט אונז אַ נייע פֿערהעלטניש צום שטעדטיל, וואָס זאָגט נישט-ווילענדיגערהייד פֿאָרויס דעם גיכען סוף פֿון זייער קיום.

ביי פּרץ'ן (איך האָב דאָ הויפּטזעכליך אין זינען זיינע „ריי-זען איבער פּוילישע שטעדטליך") זעהען מיר צוערשט דאָס נייע פֿערהעלטניש צום שטעדטיל, וועלכעס מיר געפֿינען נאָך נישט ביי אַבראַמאָוויטש'ן און שלום-עליכם'ן.

ביי אַש'ן זעהען מיר צוערשט אַ ראָמאַנטישע בעציהונג צום שטעדטיל, וואָס ווייזט, אַז דאָס שטעדטיל, אַלס לעבעדיגע קראַפֿט, האָט שוין אויפֿגעהערט צו עקזיסטירען, אַז עס לעבט נור אין דעם זכרון, ווי אַ געליעבטער זיידע, וואָס האָט זיך שוין געשיעדען מיט דער וועלט.

ביי ווייסענבערג'ן זעהען מיר, ווי די ניי־מאָדערנע אידעען דרינ־גען אַריין אין דעם שטעדטיל, מאַכען עס איבער, נעהמען פון זיין פנים אַראָב דאָס ספּעציפיש־יודישע, ברייננגען עס אַריין אין דעם אַלגעמיינעם לעבענס־שטראָם און ליידיגען עס סוף כל סוף אויס פון אַלץ, וואָס איז יונג און קרעפטיג.

אַלע די דריי שטעדטליך זענען מיט אַנדערע ווערטער דער „אל מלא רחמים" אויף אַ לעבען, וואָס געהט בּיסלעכווייז אונטער, אָדער וואָס איז שוין אונטערגעגאַנגען. אין די פאָלגענדע קאַפּיטלען וועלען מיר זיך אויף יעדען שטעדטיל גענויער אָבּ־שטעלען.

II

אונטער דעם טיטעל: „בּילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע" האָט אונז פּרץ געגעבען (אין יאָהר 1890) אַ בּילד פון דעם פּוילישען שטעדטיל. געווידמעט האָט ער זיינע בּילדער „די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט, נור, ליידער, נישט געקאָנט העלפען". ער איז אַוועק אין שטעדטיל מיט אַ נייער בעציהונג צו איהם. נישט ווי אַבּראַמאָוויטש און שפּעטער שלום־עליכם, וועלכע זענען גע־ווען מיט דעם שטעדטיל ווי אויסגעבּונדען און האָבען עס בּע־שריבּען מיט דעם טאָן פון איינעם, „וואָס לעבּט־דורך די איינגע־נע ליידען" — איז פּרץ אַוועק אויף די פּראָווינץ, נאָר ווי אַ מענש פון אַנ'אַנדער וועלט, „וואָס האָט געוואָלט זעהן, וואָס טהוט זיך בּאמת אין די קליינע שטעדטליך, אויף וואָס מען האַפּט דאָרט, פון וואָס מען לעבּט און וואָס מען טהוט דאָרט".

אַוועק איז ער פון דעם שטעדטיל, ווען אַמעריקאַ איז געווען פון דמיון אַזוי ווייט, ווייט... „נישט איין יוד האָט זיך אַמאָל פערטראַכט, ווי אַזוי עס שטעהט דאָרט (מיט'ן קאָפּ אַראָבּ) אַ שיי־סעל גריץ, אָדער צי טראָגט מען דאָרט די יאַרמולקעס אויף די פיס". פערלאָזען האָט ער דאָס שטעדטיל אין אַ צייט, „ווען מען האָט אַזוי זעלטען געהערט פון ארץ־ישראל־אתרוגים, פון אַ בּאַראָן הירש און פון „נדיב הידוע". נאָר עס זענען געקומען שלעכטע צייטען. דער יודישער כּלל האָט זיך שוין געטיילט

איך אַ יום-טובֿ'דיגען, וואָס לעבט אַ גרויס-שטעדטיש קולטור-לעבען, און אַ וואָכֿענדיגען, וואָס ליעגט צושפּרייט אין אַ באַרבאַרישער קולטור פֿון די פּוילישע קאַבצאַנאָווקעס. פֿון דער גוי'אישקער אַנטיסעמיטישער זייט האָבען זיך געשאָטען בלבולים איבער בלבולים, און, ווי פּרץ שרייבט, „איז געבליבען ביי אונז, אַז מען דאַרף זיך בעקענען מיט'ן געוועהנליכען וואָכֿענדיגען יודישען לעבען, זעהן, וואָס טהוט זיך באמת אין די יודישע שטעדטליך“.

אַזוי איז צוגעגאַנגען פּרץ צום שטעדטיל. דער רייַכֿערער געבילדעטער קרובֿ האָט זיך צוליעבֿ פֿערשיעדענע סבות בעשלאָסען צו בעזוכען אַ מאָל דעם אָרט פֿון זיין אָבשטאַם. דער מענש, וואָס לעבט שוין אין אַ העכֿערער גייסטיגער סבֿיבֿה, האָט זיך אַראָבגעלאָזען אין אַ טישעוויץ, יאַרטשעוו, לאָשטשאָוו, א. א. וו., אום צו דערשפּירען דעם וועהטאָג פֿון אַ פֿיינער מאָראַלישער נאַטור, ווען זי זעהט מענשען פֿון אייגען בלוט אויסגעהן פֿון הונגער, שמוץ און אַלערליי שלאַפֿקייטען און צרות. דעם מענשען, וואָס פֿיהלט, אַז אין דער גרויסער שטאָדט פֿערנעהמט ער אַ בכבֿוד'יגען אָרט אין כלל'שען לעבען, האָט זיך פֿערוואָלט העלפֿען אַ באַרבאַרישען, פֿערווילדעטען כלל פֿון אייגענע מענשען. באַלד אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס פֿעהלט שוין איהם, דעם גרויס-שטעדטער, דער פּונקט פֿון אַרחימעדוס; אַז ער מעג נור וועלען, אָבער קאָנען העלפֿען קאָן ער שוין נישט. צווישען איהם און דעם שטעדטיל ליעגט שוין אַ תהום. ער קאָן נור טיעף-טיעף בעדויערן די מענשען, וואָס חושכֿ'ן דאָרט אָב זייער לעבען. ער האָט שוין אָבער קיין ווערטער נישט פֿאַר זיי, ער האָט שוין כמעט קיין שפּראַך נישט פֿאַר זיי, אַז זיי זאָלען איהם קאָנען פֿערשטעהן. ער פֿערשטעהט זעהר טיעף דעם גאַנצען פּלאָנטער פֿון זייער לעבען; איהם האָט מען שוין אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן. וואָלט ער זיין מויל נישט וואָכֿענדיג געמאַכֿט מיט דעם פּשוט'ן יודיש — וואָלט דאָס שטעדטיל פֿון איהם געווייַכֿט נאָך ערגער, ווי פֿון אַן אייגענעם היימישען גוי. ליינענדיג די „בילדער“, בעקומט דער לעזער דעם אייגענעם איינדרוק, ווי פֿון אַ רוסישען נאַראָדניק, אוספּענסקי, למשל, ווען 10

ער נעהמט אונז שילדערן דעם רוסישען היינטיגען דאָרף. דער מרחק צווישען איהם און דער געשילדערטער וועלט איז געוואלדיג גרויס. נאָר דער שריפטשטעלער פערשטעהט די וועלט; זי איהם — שוין נישט. אַנ'אינטעליגענטער מענש מיט אַ העכערער קולטור שטעהט פאַר אַ פינסטערע קרומע וואַנד, און דער וועהטאָג ווערט נאָך גרעסער, ווען דער מענש פון אַנ'אַנדער קולטור קאָן זיך נור בענוגענען מיט'ן פשוט'ן טרוקענעם קאָנסטאַטירען פון פאַקטען, קאָן אָבער נישט העלפען, קאָן נישט לינדערן די צרות חאָטש אויף אַ האָהר ווערטה.

דאָס שטעדטיל ערשיינט אין דער שילדערונג פון פרץ אין אַ צושטאַנד פון דעגענעראַציע. דאָס שטעדטיל געהט אונטער, עס פילט אויף דער זון, ווי אַ גע'פגר'ט פערד. מען טרעפט נישט אָן אויף דעם מאַרק-פלאַץ קיין איין פנים, וואָס זאָל עדות זאָגען פון אַ געזונדען גוף. עס בלאָנקען אַרום אויף די בלאָטיגע שטעגלעך דאַרע, אויסגעהונגערטע מענשען. קיינער פון די דערוואַקסענע ווייסען ניט, וואָס וועט מיט זיי מאָרגען זיין, ווען זיי וועלען אָבעסען היינט זייער אָרימע וועטשערע. די מענשען פון שטעדטיל דערנעהרען זיך מיט אַזוינע מאכלים, וואָס זענען פיזיאָלאָגיש נישט בכח צו געבען דעם נויטיגען חיות. די קינדער קומען אָב אַ לאַנגען חדר-טאָג מיט אַ שטיקעל ברויט און אַ שטשיפיאַרעק דערצו; אַ פערצויגען קינד בעקומט פון דער מאַמען צוויי שטשיפיאַריקעס צום ברויט. אַ טיעפען איינדרוק מאַכט דאָס פערצויגען יונגעלע פון דעם שטעדטיל, ווען די מאַמע איז אַוועק אויף דער אמת'ער וועלט און דאָס עופה'לע איז אַ יתום געוואָרען. פרץ שפאַצירט מיט איהם אין אַ לבנה-נאַכט דורכ'ן שטעדטיל, וואו עס שטעהען מאַנכע הייזלעך שטאָק-בלינד, און וואו עס ענדיגט זיך אַ טאָג מיט „אַ שטיקעל טרוקען ברויט מיט אָדער אָהן אַ הערינג, און אפשר קריאת שמע — אָהן אַ וועטשערע", און ער ציהט אַרויס פון יתומ'ל אינגאַנצען צוויי בקשות צו גאָט: „פון טאַטען אויף דער ערד נאָך אַ שטשיפיאַרעק און פון פאָטער אין הימעל — די לבנה זאָל גרעסער ווערען".

אין קאַפיטעל „דער יאַרטשיוועו רב" האָט אונז פרץ סימבאָליש געוויזען דעם תוך פון דער דעגענעראַציע אין שטעדטיל.

מיט אַ מײַסטער־פֿעדער האָט ער אונז געשילדערט אַ גײַסטיגן צושטאַנד, בעת איטליך שטיקעלע מותרות אין לעבן איז אַנ־אומגליק. דער יאַרטשיווער רבֿ לויבט דעם רבונו של עולם, דערפֿאַר, וואָס מען עסט דאָ אין שטעטיל אײן מאָל אַ וואָך פֿלייש, און דאָס אויך נור שעפּסענע; וואָס זײַן נײַ שטיבעל האָט אָבגעברענט, וואָס די מענשען פֿון שטעטיל צולויפֿען זיך אַ גאַנצע וואָך איבער די דערעבֿר, אַז ס'איז אַפֿילו נישטאָ וועגן וואָס אַמאָל אַ שאלה צו פֿרעגן; ער דאַנקט דעם בורא, וואָס האָט פֿערקלענערט זײַנע הכנסות און צוגענומען פֿון איהם דעם מאָנאָפּאָל איף הייוען; ער פֿרעהט זיך, וואָס דאָס שטעטיל איז אַזאַ שטיל, טויט אָרט, וואו עס מאַכען זיך נישט קיין סכסוכים; קורץ – ער דאַנקט גאָט, וואָס זײַן סבֿיבֿה איז אַ פֿערחלומטע, אַ טויטע, וואו מען זעהט נור אַ סימן פֿון לעבן אין שבת אין וואָך.

אין די אײַנגעפֿאַלענע הײַזלעך מיט די צעהנדליגער קינדער פֿון ערשטען, צווייטען ווײַב און פֿון די ווײַבער, וואָס זענען שוין געקומען צום צווייטען מאַן מיט קינדער פֿון ערשטען, וואו עס דרינגט אַרײַן פּרץ'ס פֿאָרשער־איג, זעהט מען נישט קיין אײן פּונקט, איף וואָס עס זאָל זיך קאָנען אָבּרוהען דאָס אָנגעוועהטאָגטע האַרץ. און ווען פּרץ הערזעהט שוין עפּיס אַ סימן פֿון בעל־הבתישקײַט אין אַ צימער פֿון שוחט'ס הויז, איז דאָס אַ חדר „פֿון אַן אַלמנה מיט דרײַ יתומים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירה פֿערשלאָסען, ווײַל זי קומט אַהיים משבת לשבת, איסער שבת חזון, אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סבֿיבֿות און בעטעלט מיט אַלע דרײַ קינדער".

צוגלײַך מיט'ן יאַרטשיווער רבֿ, איז „די סקולער רבי'צין" אַ מײַסטער־שטיק פֿון אַ קלײנעם זשאַנר־בילד, אַ טיעפֿער סימבאָל, וואָס ווײַזט אונז דאָס שטעטיל אין זײַן גאַנצער טויטקײַט. סײַ דער אמת'ער רבֿ, ווי די אַמאָליגע רבי'צין דערמאָהנען אונז אָן טויט, אָן עפּיס, וואָס איז שטיל אָהן טענות, נאָך מיט אַ שמייכעל איף די ליפּען, אַוועק פֿון קאָלענדיגען לעבען. זיי בײדע זענען אפֿשר די אײנציגע געשטאַלטען אינ'ם שטעטיל, וואָס צעוועה־

טאָגן נישט דעם לעזער דאָס האַרץ. אויף בײדענס פּנימער ליגט שוין די רוהיגקייט פון אַ וועלט, וואָס איז נאָך נישט אונזער וועלט. די איבעריגע פאַרשוינען אין שטעטל זענען אָבער האַלבע מתים, וואָס טאַנצען אין קאָן און מאַכען העוויות פון לעבעדיגע. און מען דאַרף שוין זײַן אַזוי טויט ווי דער רבֿ און די רבי׳צין, אום צו קאָנען דאָס פערטראָגען מיט אַ רוהיג געמיטה. אין די קאַפּיטלען „בטחון“, „ל״ו צדיקים“, „דערצעהלטע מעשׂיות“ ווײַזט אונז פּרץ אַנעדה, וואו גלויבען איז געוואָר׳ען צו אַבערגלויבענישען. ער בעקענט אונז מיט אַ מאַסע, וואָס איז שוין אַזוי באַרבאַריש, ווי די יאַקוטען, וואָס ציטערן פאַר זייערע שאַמאַנען. אַלס מאַסע, איז זי חרוב און דורך נישט אָרגאַניזירט: „כל ישׂראל איז נישט מײַן, כל ישׂראל איז דעם רבונו של עולם׳ס“, — זאָגט אַ ייד פון ט׳שוויץ און העדמיט חריקט ער אויס דעם שטאַנדפּונקט פון אַ וואָרים, וואָס ראָיעט זיך אין דער ערד איבער די לײַבער פון זײַנס־גלײַכען.

דאָס שטעטל האָט זיך זײַן משׂכּיל, זײַן מסור, זײַנע עטליכע משוגעים. דער משׂכּיל האָט כמעט די איינענע בעדײַטונג, ווי דער מסור, און דער מסור איז איינענטליך אויך אַ האַלבער משוגענער. די אַרימע פינסטערע מאַסע האָט פאַר איטליכען בעזונדער מורא.

דער משוגענער בעקלאָגט זיך: „דאָס שטעטל איז קליין און אַ חוץ מיר זענען דאָ נאָך משוגעים. אָט האַלט שוין נאָך איינער משוגע צו ווערען. איך ווייס נור נישט, צי וועט ער קרעהען ווי איך, צי בלאָזען אין דער פויסט אַרײַן ווי שליאָמטשע דעם רבֿ׳ס, אָדער גאָר שווײַגען ווי חנה די טוקערין“.

און אַז די משוגעת לויערט איבער׳ן שטעטל ווי אַ קאַץ אויף אַ מויז, זעהט מען דערפון, וואָס פּרץ אַליין שרײַבט: „ווען איך טרעף נאָך אַזאַ שטעטל ווי ט׳שוויץ אין וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבען קרעהען“.

דער אײַנדרוק פון פּרץ׳ס שטעטל איז גאָר אַנאַנדערער ווי פון אַבראַמאָוויטשעס שטעטל. פיהלט מען צו יענע פעראַכטונג און רחמנות — בעקומט מען דאָך צוגלײַך די פאָרשטעלונג

פון אַ מאַסע, וואָס לעבט מיט אַנ'אַלטער קאָמפּליצירטער קולטור. פרץ'ס שטעדטיל צייגט אונז אַ פּערווילדערטע, אָרימע, אונווּיסענדע מאַסע אין אַ צושטאַנד פון דער גסיסה. זיין בעציהונג צום שטעדטיל איז אַ טיעף פּעסימיסטישע, און אין דעם רחמנות צו זיינע בעוואוינער איז שוין נישטאָ דאָס ספּעציפישע יודישע רחמנות, ווי מיר זעהען דאָס ביי אַבראַמאָוויטש'ן, נאָר דער טיעפער מעהר אַלגעמיינער שמערץ פון אַ הויך-קולטורעלען מענשען, ווען ער בעגעגענט זיך מיט אַ מאַסע, וואָס איז פעראורטיילט געוואָרען צו אַ לאַנגזאַמען טויט, ווייל זי איז אָבגעשטאַנען פון דער אַלגעמיינער מענשען-ענטוויקלונג.

נישט אומזיסט האָט פרץ זיינע בעאָבאַכטונגען געווידמעט „די, וואָס ווילען און קאָנען נישט העלפען". פרץ האָט פערלאָזען דאָס יודישע שטעדטיל מיט דעם געפיהל, ווי יענער פּראָפעסאָר, וואָס מען רופט איהם אַרויס צו אַ גוסס. ווי ליעב און טייער עס איז איהם אפשר דאָס שטעדטיל פון זיין יוגענד, אין זיינע עלטערע יאָהרען קאָן ער עס מעהר נישט אויסשטעהן, אויב ער וויל נישט אָנהויבען קרעהען, ווי יענער משוגע'נער.

די צוקונפט פון דעם נייען יודען איז נור אין דער גרויסער שטאָדט. דאָס שטעדטיל האַלט ביים שטאַרבען. דאָס איז פרץ'ס שטעדטיל.

III

י. ל. פרץ האָט געשריבען „בילדער פון דער פּראָווינץ", שלום אַש האָט שוין פערפאַסט „אַ פּאָעמאַ פון יודיש-פּוילישען לעבען". אונטער דעם דאָזיגען צווייטען טיטעל האָט ער אַרויסגעלאָזען זיין בעריהמט בוך „אַ שטעדטיל", אין יאָהר 1906.

פרץ איז אַוועק אין שטעדטיל אַלס אַ רעאַלער מענש, אַלס אַ סטאַטיסטיקער, אַלס אַ געבילדעטער בעאָבאַכטער מיט אַ געווּיסען ציעל, וואָס וויל דערגעהן, „וואָס עס טהוט זיך דאָרט באמת". ש. אַש געהט צום שטעדטיל אין די האַלב-פאַנטאַסטישע בגדים פון „אַנ'איינזאַמען וואַנדערער מיט'ן פּעקעל אויף דער פּלייצע און אַ שטעקען אין דער האַנד". נאָך איידער פרץ איז אַריין אין שטעדטיל, האָט ער שוין כמעט געוואוסט, אַז קיין נחת

וועט ער פֿון איהם נישט האָבען. אַש דאַגעגען ווייסט כמעט פֿאָרויס, אַז פֿון זײַן נסיעה אין שטעדטיל וועט ער האָבען אַ פּאָעטיש־ראָמאַנטישע הנאה. אָבער סײַ פּרץ, סײַ אַש לאָזען זיך צום שטעדטיל אָהן תּמימות און מיט בּעשטימטע סענטימענטען, מיט דעם גײַסט פֿון אַ מענשען, וואָס האָט זיך שוין דערווײַטערט פֿון שטעדטיל אויף טויזענד מײַל.

צווישען פּרץ'ס „בּילדער“ און אַש'ס „שטעדטיל“ ליעגט אַ משך פֿון 16 יאָהר. און ווען מען בּעדענקט, דאָס 16 יאָהר אין לעבּען פֿון יודישען כּלל בּעדײַט אין אונזער 20־טען יאָהרהונדערט אַ סך מעהר, ווי ענדע 18־טען און העלפֿט 19־טען יאָהרהונדערט גאַנצע דורות אויף אַ מאָל, — איז לײַכט צו פֿערשטעהן, ווי עס האָט זיך געמוזט בּײַטען די בּעציהונג פֿון פּאָעטען אויף צום שטעדטיל. פֿאַר אַש'ן איז שוין דאָס שטעדטיל עפּיס אַ פֿאַנטאַסטישע זאַך, אַ מין חלום, אין וועלכען עס מישען זיך אויס אַ סך לעבּעדיגע פּרטים אינאיינעם מיט אַ פֿאַנטאַסטישען הינטערגרונד. אַש'ס שטעדטיל איז אײַנגעהילט אין אַ בּלאָהען, בּלאָהען שלייער, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס איטליכע ווייטקייט אין דער נאַטור. דאָס שטעדטיל שײַנט אַרויס פֿאַר אַש'ס בּליקען, ווי אַ ווײַטע, ווײַטע קינדהײַטס־ערינערונג. אין קאַפּיטעל XI „דרײַ חופּות“ שילדערט אונז דער פּאָעט אין שענע ווערטער זײַן אינעווייניגסטע בּעציהונג צו דעם שטעדטיל, איבּער וועלכען עס געוועלטיגט אַ ר' יחזקאל גאָמבּינער, אַ חסיד'ישער רבּי, אַ מתנגד'ישער רבֿ א. א. וו. און וואָס ער, דער וואַנדלער פֿערלאָזט איצט: „איינער אַליין מיט דעם פּעקעל אויף דער פּלייצע און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד איז דער וואַנדלער (ד. ה. דער פּאָעט) געגאַנגען איבּער'ן וועג, וואָס פֿיהרט פֿאַרבּײַ דעם בּית־עולם, צווישען די הויכע ווײַס־בּעשיינטע טאָפּאָלען, וועלכע האָבען אין ליכט פֿון דער לבֿנה אויסגעזעהן, ווי ווײַסע עדות. דאָ איז אַלץ רוהיג און שטיל געווען, געלעבּט זײַן טויט לעבּען. אַלט־קאַזמער האָט פֿון דערווײַטען פֿערנומען די נגונים פֿון די פֿידלען, די צוריסענע טענער פֿון די געזאַנגען און דאָס ווײַטע שאַלענדע עכאָ פֿון די טרומייטען און דער בּעמבּע. נאָר דאָ האָבען זיך די נגונים נישט געקריעגט, נישט איינער גע-

וואָלט דעם צווייטען גובֿר זײַן. שטיל און רוהיג, ווי פֿון אַ בעהאַלטענער וועלט, האָבען די טענער אַהער געבלאָנדזעט, און האָבען זיך דאָ אינאיינעם אויסגעמישט, צוזאַמענגעקלונגען: יעדער האָט געגעבען זײַן טאָן אין נגון; די חסידי׳שע פֿידעל, די בעל־הבית׳ישע טרומייט, די בעל־עגלה׳שע בעמבע, און עס איז איין נגון געוואָרען פֿון איין שטעדטיל". אַש האָט בעמיהט זיך צו חאַפּען יעדענס טאָן, וואָס געהט אַרײַן אין דעם נגון, און פֿון אַלע טענער האָט ער געזוכט צו געפֿינען דעם איין־איינציגען נגון, וואָס איז אין אַלגעמיין דער נגון פֿון שטעדטיל. זײַן אויפֿגאַבע איז געווען אַ ראָמאַנטיש־עסטעטישע, ניט קײַן רעאַלע. ווי מאַנכע רײַזענדער איבער פֿרעמדע שטעדט קריכען אַרויף אויף אַ הויכען באַרג, וואָס ליעגט ווײַט פֿון שטאָדט, אום צו חאַפּען פֿון איהר דעם אַלגעמיינעם פֿאַרבען־קאָליר, אַזוי האָט אַש זיך דערווײַטערט פֿון רעאַלען צוריסענעם לעבען פֿון שטעדטיל, איז אָבגעטרעטען פֿון איהם אַ מהלך וועגס. און איינזאַם אַליין אין דער פֿרײַער ווײַטקײַט האָט ער זיך צוגעהערט צו אַן׳אַלגעמיינער מעלאָדיע, וואָס פֿליסט צוזאַמען פֿון פֿערשיעדענע אינסטרומענטען. איהם האָט מיט אַ כיון נישט אינטערעסירט דאָס ניט־האַרמאָנישע, ער האָט נור צונויפֿגעפּאָרט דאָס, וואָס האַרמאָנירט, און וואו נור עס האָט זיך גענומען בילדען אַ שטיקעל קאָנפֿליקט, אַ שטיקעל צוריסענקייט, האָט ער עס באַלד מיט זיין פּאָעטישער פֿאַנטאַזיע אויסגעגלײַכט. אַש׳ס שטעדטיל איז אַזאַ גליקליך האַרמאָניש מקום׳ל, וואָס מיר בעגעגענען דאָס נור אין עולם הדמיון, אין חלום, אָדער ווען מיר לעבען־דורך ליעבע, זיסע קינדער־ערינערונגען.

יחזקאל גאָמבינער לעבט רוהיג און ברייט ווי אַן׳אַלטער פּוילישער שליאַכטשיץ. ווי פֿון אַ הייסען סאַמאָוואַר געהט פּאַרע, אַזוי געהט פֿון איהם גדולה און עשירות, און אַלץ, וואָס האָט מיט איהם צו טהון, באָדט זיך אין אַ ליעבליכער וואַרימער שפֿע. אַליין איז ער אַ מתנגד, נור זײַנע איידעמס זענען שוין חסידים, און ער אַליין חבֿר׳ט זיך אויך מיט לומדים און חסידים. אין זײַן לעבען איז נישטאָ קיין שום קאָנפֿליקטען, אַפֿילו די נאַטור אַליין זאָרגט, אַז יחזקאל גאָמבינער זאָל קיין שאָדען נישט לײַדען.

די הײַפּסעל װיל זײַנע טראַטװעס צורײַסען, נאָר די קריעס שטעלען זיך אָב נאָך צו דער רעכטער צײַט. כּלאחר יד בּעקומט ער זײַן נײַעם איידעם פֿאַר זײַן יונגסטער טאָכטער לאה'לע און מיט זײַן שותּף לעבּט ער בּנעימות, װי מאַן און װײַבּ.

אויך בּײַ לאה'לען אַליין קומען נור פֿאָר אַזעלכע קאָנפֿליקטען, װאָס פֿערגרעסערן נאָך די זיסע, ליעבּע תּאוה צום לעבּען. לאה'לע פֿערליעבּט זיך אין גבריאל'ן, דעם רבּי'ס בּחור'ל, אָבּער דאָס פֿערליעבּעניש איז מעהר נישט אַנ'אַנגענעהם בּענקעניש אין „זומערדיגע פֿאַרנאַכטען". װי בּאַלד עס קומט דער חתן, װאָס דער טאַטע האָט איהר אויסגעקליבּען, טראַכט זי שוין נישט װעגען גבריאל'ן און אין האַרצען זינגט שוין אַ נײַע מעלאָדיע: „איך האָבּ אַ חתנ'לע, מײַן טאַטע האָט מיר געבּראַכט אַחתנ'לע, װאָס איז אינגאַנצען מײַנער". אַזוי טאַנצט דאָס הערציל פֿון אַ קינד, װען עס בּעקומט אַ ליאַלקע.

קומט אין שטעדטיל אָן אַ חסיד'ישער רבּי און װאַרפֿט אַראָבּ פֿון זײַן גדולה דעם אַלטען רבֿ, װאָס איז בּעשריבּען מיט די לעגענדאַרסטע שטריכען, װערט חלילה נישט אין שטעדטיל קיין איבּערקעהרעניש. נאָך אַ קליינעם קינדערשען קאָנפֿליקט זאָגט זיך אָבּ דער רבֿ צוליעבּ דעם רבּי'ן פֿון סנדקאות און געהט צוזאַמען מיט אַלע יודען מקבּל פּנים זײַן דעם נײַעם רבֿ. אומעטום, װאו עס בּילדעט זיך נור אויף אַ רגע אַ קאָנפֿליקט, קומט אַש'ס װייכע קינדער-האַנד און פֿערגלעט דאָס. און מיט אַ קינדערש ענטציקט לאַכענדיג אויג שילדערט ער אונז אַלץ, װאָס בּריינגט אַרײַן אַחדות, װאָס בּעהעפֿט, פֿעראייניגט, שמעלצט צוזאַמען. חאַראַקטעריסטיש איז די שטעל, װאו ער שילדערט אונז דאָס בּילד פֿון רבּינ'ס קבּלת פּנים אויפֿ'ן פֿעלד.

„חסידים האָבּען זיך צוזאַמענבּעהאָפֿטען, איינער צום צװייטען, איינער האָט אַרויפֿגעלעגט די האַנד אויפֿ'ן צװייטענס אַקסעל, בּײַ די הענד זיך גענומען, בּעהאָפֿטען זיך און זענען געװאָרען אַנ'עדה אין דער עדה. זיי האָבּען קיין חלוק נישט געמאַכט, צי „משלנו" אָדער נישט „משלנו". װער עס האָט געװאָלט, האָט זיך בּײַ אַ גאַרטעל אָנגענומען, בּײַ די הענד זיך אָנגענומען און האָט זיך צוזאַמענגעהאָפֿטען. קינדער זענען געקומען צולויפֿען,

פֿערפּלאָנטעוועט זיך צווישען די פֿיס, בײַ די פֿאָטערס גאַרטלען זיך געכאַפּט, בײַ די פֿאָטערס קאַפּאָטעס, און נאָכגעשלעפּט זיך. און די עדה איז געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער; פֿון אַלע עקען האָבען זיך יודען צוזאַמענגענומען, בעהאָפֿטען זיך און אָנגעהויבען צו זינגען, הויך מיט אַ קול: ברוב עם הדרת מלך״.

אין דער שילדערונג פֿיהלט זיך די קערפּערליכע הנאה פֿון אַ קינד, וואָס האָט ליעב זיך איינגער צו־צוטוליען צו דער מאַמעס שוים; דאָס איז נישט דאָס אַחדות־געפֿיהל, וואָס פֿעראייניגט צווישען זיך ערנסטע גײַסטער, נאָר דאָס האַלב־עראָטישע, האַלב־קינדיש־שטיפֿערישע און קינדיש־ערוואַכטע געפֿיהל, וואָס פֿעראייניגט הענד מיט גאַרטלען, אָרעמס מיט אַקסלען, לאַנגע קאַפּאָטעס מיט קינדערשע הענדטלעך, וואָס האַלטען זיך בײַ דעם טאַטענס פּאָלעס.

אַש׳ס שטעדטיל איז אַ שטעדטיל פֿון קינדער מיט בערד און פּאות. און ווען מיר, דערוואַקסענע, לייענען דאָס, האָבען מיר דעם אייגענעם אײַנדרוק, ווי מען וואָלט אונז דערצעהלען אַ מעשׂה פֿון אונזערע יונגע פּלימעניקעס, וואָס ליגען נאָך אין די וויעגען אָדער וואָס בויען פֿון קלעצלעך שולען און פּאַלאַצען. די גאַנצע צײַט געהט ניט אַראָב דאָס שמייכעלע פֿון אונזערע ליפּען. „יצחק יודעל“, אָדער דער „ווײַבערשער יודעל“, לאה׳לע, צי איהר חתנ׳דעל, דער רב, אָדער ר׳ יחזקאל׳ס יונגנאָטע, די לאָוויטשער רבי׳צין, אָדער יענטע די קעכין — אַלע מאַכען אויף אונז אַ לאַכענדיגען, נאַאיוו־קאָמישען אײַנדרוק, ווי קליינע קינדער. אַפֿילו די שׂרפֿה אין שטעדטיל מיט דער מאַמען, וואָס זוכט איהר קינד, וואָס איז זיך אַוועק באָדען, רופֿט נישט ... רוים בײַ אונז קיין אַנדער געפֿיהל, ווי אַ לאַכענדיגעס, נאַאיוו־קאָמישעס. נאָכמעהר. גדליה יודעל׳ס, „דער יוד אַ סוחאָטניק פֿון טאַטען און זיידען, הויך ווי אַ יוד און שמאָל ווי אַ יונגעל“, וואָס שפּאַצירט אַרום „ווי דער טויט אַליין“ און צווינגט אַ ווײַלע זיך צו דערמאָהנען אָן דעם מלאך המות, וואָס לויערט הינטער׳ן מענשען, — מאַכט אויך סוף כּל סוף אַ מילדען אײַנדרוק. דער שאָטען פֿון טויט, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגען

איבער׳ן קינדערשען שטעדטיל, פֿערגרעסערט נאָך די תּשוקה זיך צו בעהעפֿטען גאַרטעל בײַ גאַרטעל און שטאַרקט דעם חסידיש־קינדערשען ברען.

נור איין שטעל אין „שטעדטיל“ צושטערט די קינדערשע אידיליע. אין קאַפּיטעל „נאָך יום טוב“ געפֿינען מיר ווערטער, וואָס פּאַסען גיכער פֿאַר פּרץ׳ן, ווי פֿאַר אַש׳ן, וואָס האָט אונז בעשאַפֿען אַ קינדערשען גן־עדן אין פֿאָרם פֿון אַ קליין שטעדטיל, וואו עס הערט זיך נישט די גאַנצע צייט די שטים פֿון נויט און עלענד. באַלד נאָך יום־טוב „איז מען אין מאַרק געקומען מיט די שטעקעלעך, מוכן ומזומן אַ גראָשען געלד צו פֿערדיענען... יודען דרעהען זיך אַרום, קוקען־אוים אַ פֿוהר ווי אויף משיח׳ן. איינער איז אויפֿ׳ן צווייטען ברוגז, פֿון דערווײַטען, פֿאַר גאָרנישט אין דער וועלט... אויף דער שוועל פֿון ר׳ ליבוש עפּשטיין׳ס געוועלבעל שטעהען מעקלער, פֿריהרען אין די חאַלאַטלעך און מאַכען דאָס געלעכטער פֿון זיך אַליין, זאָגען גלײַכווערטליך, עס הייסט, ווי זיי האָבען שוין גאָרנישט וואָס צו טהון. דער „בעל יכול“ קויפֿט אַ רעטעך אין גאַס בײַ די שטעלען צום מיטאָג. יודען קוקען איהם נאָך און קרעכצען, טײַטען אויף איהם מיט די פֿינגער, אַלע קלערען איצט איין געדאַנק: נור ער אַליין וועט הײַנט מיטאָג עסען“...

חוץ דער דאָזיגער שטעל, וואָס איז די איינציגע, וואָס גיט ווי מיט אַ בליץ אַ לײַכט אויף אַש׳ס אידיליע און צושטערט איהר כמעט, איז אַש׳ס שטעדטיל אַ שענער, ליעבער חלום פֿון אַ קינדערש געמיטה, וואו דאָס לעבען ציהט זיך ווי אַ קלאָר־ווײַסער וואָלקען איבער אַ מילדען בלאָהען הימעל.

אַזאַ חלום האָט אָבער געקאָנט צײַטיג ווערען אין קאָפּ פֿון פּאָעט נור דאַן, ווען דאָס שטעדטיל, אַלס רעאַלע לעבעדיגע נאָהנטע מאַכט, האָט שוין אויפֿגעהערט צו זײַן אַ דבר שבממש. דען אויך אין דעם גליקליכסטען רוהיגסטען חלום בײַ דער נאַכט שפּיגלען זיך נישט ווילענדיג אָב די רעאַלע טרויעריגע נישט־האַרמאָנישע ...רטים פֿון בײַ־טאָג. אויך אין אַש׳ס חלום געפֿינען מיר עטליכע אַזוינע פּרטים, אָבער זיי זענען אַזוי ווייניג,

דאָס דער חלום פֿערליערט נור וועניג פֿון זײַן ליעבּער, רײַנער פּאָעזיע.

ווײַטע ערינערונגען פֿערוואַנדלען זיך בײַ אונז אין פּאָעזיע, און די פּאָעזיע פֿון שלום אַש איז דער גרויסער בּעווײַז, זוי ווײַט דאָס שטעדטיל איז שוין געוואָרען בײַ אונז אַ ווײַטע, ווײַטע ערינערונג.

IV.

א. מ. ווייסענבּערג׳ס „שטעדטיל“, וואָס איז ערשינען קוים אַ יאָהר שפּעטער ווי שלום אַש׳ס, מאָלט אַ בּילד פֿון אַ יודישער עדה אין אַ קליינעם פּוילישען מקום, ווען עס הויבּען אָן אַיינצודרינגען בּײַ איהם נײַ-מאָדנע אידעען מיט נײַע פֿאָרשטעלונגען פֿון גערעכטיגקײַט און יושר. חוץ איינינע נישט-וויכטיגע פּרטים, איז דאָס שטעדטיל שוין וועניג עהנליך צו אַלע די דאָזיגע שטעדטליך, וואָס מיר געפֿינען אין דער שענער יודישער ליטעראַטור. עס אונטערשיידט זיך פֿון פּרץ׳ס שטעדטיל-מאָלערײַ דאַדורך, וואָס די בּילדער פֿון דחקות און נויט פֿערנעהמען בּיי ווייסענבּערג׳ן שוין כּמעט קיין אָרט נישט. עס פֿעהלט אויך דעם שטעדטיל דאָס רוהיגע אידילישע פֿון אַש׳ס אַלטקאָזמער. אַלע די זײַלען, אויף וועלכע עס בּויט זיך אויף די גײַסטיגקײַט פֿון אַ יודיש קאַבּצאַנאָווקע, ווי, למשל, דער בּית-מדרש, דער רבֿ, דער רבּי, דער מגיד, דער חזן, די לומדים, חסידים א. ד. גל., פֿערנעהמען שוין נישט קיין פּלאַץ אין דער שילדערונג. אויך עקאָנאָמיש איז זי שוין נישט פֿערבּונדען מיט׳ן מאַרק, וואו אַ מנין יודען רײַסען זיך בּיים וואָגען פֿון פּויער׳ס פּראָדוקטען און קומען-אָב אַ לאַנגען זומער-טאָג מיט אַ פֿיערגראָשענדיגען רעטעך. ווייסענבּערג׳ס שטעדטיל אַרבּײַט אַ גאַנץ יאָהר פֿאַר אַ גרויסען צענטר. חאָטש עס איז איצט פֿאַר פּסח, „נאָר שוסטער, בּפֿרט היגע שוסטער, וואָס אַרבּײַטען שטיוועל פֿאַר די גרויסע שטעדט, — זיי איז אַלץ איינס. זיי זענען הײַנט נישט בּרודיג מעהר ווי אַ גאַנץ יאָהר“. דער פֿאַר-פּסח שפּיעלט שוין פֿאַר זיי נישט די ראָליע, וואָס פֿאַר אַנדערע בּעלי-מלאכות, וואָס

ציהען זייער חיונה פון שטעדטיל. די יודישע יום-טובים שניי-
דען זיך שוין נישט אריין אין זייער לייב, ווי ביי דעם פארציי-
טיגען קליין-שטעדטילשען יודען. זייערע עקאנאמישע לעבענס-
בעדינגונגען זענען שוין פיעל אבסטראקטער און דער „היגער
שוסטער" איז שוין איינגער צוזאמענגעקניפט מיט די מערק פון
די גרויסע צענטרען, וועלכע ער האט בפועל ממש אפשר קיינ-
מאל אין די אויגען נישט אנגעזעהן, איידער מיט דעם אייגענעם
מארק, וואס שטעהט אין מיטען שטעדטיל א טריט ווייט פון
שוסטערשען דרייפוס. „יעקעל בריסקער און נחום האמלער, וואס
וועלען קומען באלד נאך פסח אין שטעדטיל אריין און מאכען
א „רוים", אז דער רוח זאל עס חאפען!" — פערנעהמען מעהר
די פאנטאזיע פון די ארבייטער, ווי די דרשה פון רב שבת-
הגדול אין בית-מדרש.

גאר הויך נחום האמלער און יעקעל בריסקער ווארטען ערב פסח
חברה יונגוואַרג אויף זייערע חברים, די „ווארשויער געסט", וואס
וועלען אנקומען אויף פסח „מיט שיינענדיגע פנימ'ער, מיט פא-
צעטישע היטלעך אויף די קעפ, געפרעסטע קעלנערלעך, רויטע
אבגעשמיסענע בעקלעך פון ווינד, מיט אויגלעך, וואס קוקען פון
אונטער די דאשעקלעך גאר ממזריש". דער יונגער דור שטעהט
שוין אונטער דער השפעה פון צוויי אבסטראקטע כחות, פון
דעם גרויסען מארק און דער גרויסער שטאדט. די פאצעטישע
היטעלעך און די געפרעסטע קעלנערלעך פער'מאוס'ן שוין אין
זיינע אויגען די פארצייטיגע שיך און זאקען און געקרייזעלטע פאות'-
לעך. די העלדען פון שטעדטיל זענען שוין נישט די שענע בעלי-
הבתים, וואס פערנעהמען אין באד און אין שוהל די מזרח-וואנד,
נאר די יונגוואַרג צוערשט, מיט א יעקעל סטאליער און דער
שפיץ און דערנאך מיט אנ'איטשעלע קאמאשען-מאכער. די אל-
טע בושה און דער אלטער דרך-ארץ פאר די פארצייטיגע יו-
דישע היילינגטימער איז צוקראכען, ווי שוים אויף וואסער. בשעת
דער שמש איז מכריז דעם עולם, אז דער רב האט גע'אסר'ט
מעהל פון אנדערע שטעדט, בעוויזט זיך שוין אויף דער בימה
יעקעל סטאליער און איז אויך מכריז: „רבותי... מען טאר נישט,
מען בעשטעהט נישט... ארימע ארבייטערס געלד... מען מעג

בריינגען מעהל — נישטאָ קיין מאָנאָפּאָל". און שפּעטער, ווען אין שטעדטיל זענען איינגעדרונגען די אידעען פֿון אַנ'אייגע־נער סאָציאַלער מאַכט און אַ נייַער סאָציאַלער גערעכטיגקייַט, ווען צו די אַלטע ליעדלעך איז צוגעקומען דאָס ליעד:

„ברידער און שוועסטער פֿון אַרבייַט און נויט,
די אַלע, וואָס זענען צוזייהט און צושפּרייט"... —

שטעהט שוין יעקעל סטאָליער „מיט'ן פּנים אין שויב און קוקט, ווי יודען געהען פֿון שוהל מיט די טליתים אונטער די אָרעמס, און קוקט אַרויס מיט אַ שטילער, ליכטיגער האָפֿנונג אין די אויגען און אויף די ליפּען שוועבט אַנ'אויסגעלייטערטער שמייכעל: וואַרט, וואַרט, אַלטע נאַראָנים!"

דער בעגריף פֿון אַ „יודיש וואָרט" האָט זיך שוין לגמרי פֿער־ענדערט. „פֿאַר־נאַכט, מען לעגט אַוועק די אַרבייַט, לאָזט מען זיך אין גאַס אַריין... מען בעגעגענט זיך מיט יודען, וואָס שטע־הען אויפ'ן שוהל־הויף... און וואַרטען אויף אַ שטערן... קוקט מען זיך איבער מיט זיי און געהט ווייַטער... מען שפּאַצירט פּאָרלעכווייַז... מען האַפּט זיך אַריין צו מאָטעלען אין טהיי־הויז הערען אַ יודיש וואָרט... ווער שמועסט אַ ליעדעל— איז אַודאי גוט".

און דאָס „יודישע וואָרט" איז שוין נישט די דרשה פֿון אַ מגיד, נאָר די האַלב־קלאָרע רייד פֿון יעקעל סטאָליער, אָדער פֿון אַ וואַרשויער פּ. פּ. ס. 'אָווניק.

און ווייסענבערג'ס שטעדטיל, וועלכעס איז נאָך געמאָלט גע־וואָרען אין אַזאַ מאָמענט, ווען עס איז אַדורך די יודישע אַרבייטער־קעפּ דער בליץ פֿון אַ הויכען סאָציאַלען געדאַנק און איבער די הערצער איז אַריבער אַ וואַרימער שטראָם פֿון אַ העכערער גע־רעכטיגקייַט און אַ טיעפֿען יושר, — איז שוין דאָס שטעדטיל געטיילט אין צוויי פֿייַנדליכע לאַגערן, די אויבערהאַנד בעקומט אויף אַ רגע די יונגוואַרג און דריקט־אויס אינסטינקטיוו דעם טיעף בעהאַלטענעם רצון פֿון האַרצען און די האַלב־קלאָרע בע־גריפֿען פֿון אַ נייַעם מענשליכען לעבען, וואָס וויל נישט וויסען פֿון אַ צופֿאַלענעם, נאַרישען יודישען קיום. אזדאי, ליעגען נאָך זיי־ערע גייַסטער אַייַנגעהילט אין די איינגע מלבושים פֿון אַ קליין־

שטעדטילשען לעבען, אָבער דאָס, וואָס שײַנט אַדורך די מלבושים, האָט שוין אַ שוואַכען ספּעציפֿישען יודישען כאַראַקטער. די נאַאיווע, קאָמיש און לאַכענדיג עס זענען נישט די יעקעל סטאָליערס און די איטשעלעך, אָבער זייער גאַנצער מהות איז שוין אָבגעריסען פֿון די אַלט-קליין-שטעדטילשע אידעאַלען און פֿאָרשטעלונגען, און דערנעהנטערט זיי מיט טויזענד פּרטים צו דעם גרויס-שטעדטישען יונגען דור, וואָס נעהמט זיך אַליין אַריינברײנגען אַ סדר אין דאָס פֿינסטערע לעבען אַרום.

די צוויי הויפּט-טיפּען, יעקעל סטאָליער און איטשעלע קאַמאַשען-מאַכער, אונטערשיידען זיך נור אין אָנפֿאַנג דורך זייער בעוואוסטזיניגקײַט. דער אייגענער איטשעלע, וואָס איז ביים אָנפֿאַנג ערצעהלונג געווען נאָך קינדיש, לײַכטזיניג און נישט פֿערשטאַנען אַזוי ווי יעקעל זײַן ראָליע — ענטוויקעלט זיך אין לויף פֿון די געשעהענישען, וואָס זענען אַריבער איבער זײַן געמיטה, און ווען סוף ספּור המעשׂה פֿערשיקט מען איהם אינאיינעם מיט יעקלען קײַן סיביר, שטעהט ער שוין פֿאַר אונז אַלס אַ בעוואוסטזיניגער טיפּ פֿון נײַעם יונגען דור.

וויסענבערג האָט אויסגעהאָפּטען זײַן שטעדטיל-בילד מיט די פֿעדים פֿון דעם בונדיזם, וואָס דרינגט אַרײַן אין אַ שטעדטיל. נאָר דער בונדיזם איז נור דאָס נאַטירליך-קינסטליכע מיטעל, אום בולט'ער אויסצודריקען די צוטיילונג פֿון שטעדטיל אין אַ פֿאַרצײַטיגען און אַ הײַנטיגען, וואָס פֿערליערט זײַן ספּעציעל-יודישען כאַראַקטער. יעדע נײַע אידעע, וואָס האָט פֿערחאַפּט דעם לעצטען דור, האָט בולט אַרויסגעוויזען, וואָס פֿאַר אַ תהום עס ליעגט צווישען דעם הײַנטיגען יודען און דער אַלטער יודישער קולטור. די סצענע, וואו עס שילדערט זיך, ווי יעקעל סטאָליער האָט פֿערלאַנגט נאָך די פּאָגראָמען, אַז יודען זאָלען בילדען אַ זעלבסט-שוץ אין שטעדטיל, בעלײַכט, ווי מיט בענגאַלישע פֿײַערווערק, דעם געוואַלדיגען חלוק צווישען יונג און אַלט.

— „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ תהילים? — האָט ער אַ געשריי געטהון און אַ פּאַטש אין שולחן אַרײַן — הײַנט איז נישט קיין צײַט פֿון תהילים, נאָר פֿון קעמפּפֿען מיט „בראָן“!“

— „געוואַלד, „בראָן“, — האָט זיך דער רבֿ אָן וואָרט אָנגעכאַפּט, — נישטאָ קיין בראָן! תּהילים איז דאָ! תּהילים!“

— „נישט קיין תּהילים, נאָר בראָן, — שרייט יעקעל סטאָליער נאָך העכער, — און טאַקע בראָן, רעוואָלווערן, פּיסטאָלעטען!“

עס ווערט אַ מלחמה אין בית־מדרש: „בראָן“, „תּהילים“, שרייטען פֿון אַלע זייטען, און ערשט דעמאָלט, ווען איינער פֿון דער „חבֿרה“ האָט אַ ווייז געטהון אַ רעוואָלווער, האָבען זיך די אַלטע מיט שרעק אָבגעטראָגען פֿון דעם יונגוואַרג.

אודאי, זענען ביידע טיילען לעכערליך, שטאַרק קאָמיש און נישט גערעכֿט, אָבער דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען דעם. די טהאַטזאַך בלייבט אָבער פֿעסט בעשטעהן, אַז די יונגע האָבען בעסער בענומען און פֿערשטאַנען זייער אויפֿגאַבע, ווי די אַלטע יודישקייט. וויכטיג איז דאָס, וואָס די יונגע האָבען אין גיכען פֿערשטאַנען, אין וואָס עס בעשטעהט זייער נאַרישקייט און נישט־גערעכטיגקייט, בעת די אַלטע יודישקייט איז געבליעבען נאָך אַלע נסיונות אַזוי בלינד, ווי פֿריהער.

פֿאַר אונזערע אויגען האָבען זיך פֿאַרבייגעטראָגען דריי שטעדטליך. אַלע ווייזען אונז אַ נייע בעציהונג צום שטעדטיל, פֿון וועלכען דאָס היינטיגע מאָדערנע יודענטום טראָגט זיך אָב, ווי פֿון ווייַרעך. ביי פּרץ'ן זעהען מיר די פֿאָלשטענדיגע דעגענעראַציע פֿון שטעדטיל, און אַוואו עס זעהט זיך נישט אַפֿילו אַ סימן פֿון אַ קאָנפֿליקט צווישען אַלט און יונג. ביי אַש'ן זעהען מיר אַן אידיליע, וואו אַלץ פֿליסט מיט דער רוהיגקייט פֿון די לייכטע בעגולטע וואָלקענדלעך אויף אַ קלאָרען הימעל אין אַ זומערדיגען פֿאַר־נאַכט. מיר זעהען עפּיס אַזוינס, וואָס איז גאָרנישט בנמצא און מאָלט זיך אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ צאַרטען, ראָמאַנטישען קינדער־האַרץ. די יודישקייט איז אין אַש'ס שטעדטיל גאַנץ, ווי אַ נוס, וואָס איז אָקאָרשט אַראָבגעפֿאַלען פֿון בוים. מיט אַ יחזקאל גאָמבינער וואַקסט אַ גאַנצער דור איידעמס און אייניקלעך, וואָס וועלען די אידיליע נישט צושטערען. אויף דעם האַרטען, טרוקענעם גרונד פֿון אַ שטעדטיל, וואָס איז חרובֿ געוואָרען, האָט

אַש אונז געשטעלט אַ שײנע מצבֿה, זײַן חלום, דעם חלום פֿון אַ פּאָעט.

װײַסענבערג'ס שטעדטיל דאַגעגען װײַזט אונז נישט־װילענדיגערהייד, אַז אויב אין שטעדטיל איז נאָך מעגליך װאָס ס'איז פֿאַר אַ לעבען, איז דאָס לעבען אין פּרינציפּ שוין גאָר אַנ'אַנדערס און עס איז נור מעגליך דאַן, װען עס איז עקאָנאָמיש און גײַסטיג פֿערבונדען מיט דער גרױסער שטאָדט, מיט איהרע געדאַנקען און תּאוות, אידעען און אידעאַלען. נאָר אין װײַסענבערג'ס שטעדטיל געפֿינען מיר אַ קאָנפֿליקט צװישען יונג און אַלט (װײַל עס איז דאָס אײנציגע שטעדטיל פֿון די דרײַ, װאו עס איז פֿאַרהאַן לעבען), אָבער דער קאָנפֿליקט איז פֿון דעם סאָרט, װאָס פֿיהרט מיט דער נויטװענדיגקײַט פֿון אַ געזעץ, אַז אַלץ, װאָס איז יונג, שטאַרק און קרעפֿטיג, זאָל אַװעקגעהן אין די גרויסע שטעדט, װעלכע איז איהם שוין לאַנג אַזוי עקאָנאָמיש און גײַסטיג נאָהנט.

אין צענטער פֿון אונזער קומענדיגער יודישער ליטעראַטור, װעט מן הסתם, דאָס שטעדטיל שוין נישט פֿאַרנעהמען דעם גרויסען פּלאַץ, װאָס אַמאָל.

שלום יעקב אבראמאוויטש.

(מענדעלי מוכר ספרים).

(צום פופציג־יאָהריגען יוביליאום).

I.

פופציג יאָהר זענען אַוועק זינט ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. ווי ביי אַלע ליטעראַטען, האָבען זיך אין זיין אויג און גייסט שאַרפער פאַר אַלץ אָבגעשפּיעגעלט די אַיינדריקע פון זיין פריהער קינדהייט, און לעזען טהוען איהם מענשען, וואָס זענען שוין טיעף אַריינגעוואַקסען אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. ביי די ברעגעס פון אַבראַמאָוויטש'עס ווערק רייבען זיך אייגענטליך פיער דורות: דער עלטער־זיידע פון די ניקאָלאַיעווסקע צייטען און דער אור־אייניקעל, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אויף זיינע פלייצעס די בהלה־צייט פון אַ רוסישער רעוואָלוציע. און צווישען דעם אונטערטאַן פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און דעם אור־אייניקעל ליעגט איינגעשפּאַרט עפּיס אַ מער־זעהעניש — די השכלה־עפּאָכע — מיט איהרע מענדעלסאָהנ'לעך און איהרע פעטערבורגער חברות. אַוודאי, האָבען די פיער דורות אַנ'אינגווייניגסטען צוזאַמענהאַנג צווישען זיך. אָבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך ניט אָבגעגעבען דערמיט אונז צוזאַמענצוקניפּען די דורות. בולט'ער פאַר אַלץ טרעט אַרויס פאַר אונז אין זיינע ווערק דער עלטער־זיידע, שאַרפער ווי די שפּעטערדיגע שילדערונגען שילדערט ער אונז, דער זיידע ר' מענדעלי, די סביבה און דעם גייסט פון דער צייט, ווען זיינע טאַטעס און פעטערס האָבען נאָך געטראָגען אויף די קאַבצאַנסקער נהלאות. ריין אָביעקטיוו גענומען, זעהען מיר ביי ר' מענדעלי'ן נישט קיין איבערגאַנג פון אַמאָל צום ה י י נ ט. פערטיעפענדיג זיך אין זיין וועלט, פערליערען מיר דעם חוש פאַר דער

היינטיגער יודישער גאַס. ווען מיר קלאַפּען־צו זיינען אַ „ספּיר המעשה", דוכט זיך אונז, אַז מיר האָבען עפּיס דורכגעלעבט אַ חלום, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט צו דעם איצטיגען קאָכענדיגען טאָג.

דער מענשליכער גייסט, וואָס בעזיצט דעם געטליכען כח זיך דורכצופאָהרען אין איין רגע איבער געשטאָרבענע פאַרצייטיגע וועלטען און דורות, — וואָס איז געבענשט מיט דער גאָב „להזכיר נשכחות" און צו פערגלייכען דאָס אַלטע טויטע אַמאָל מיט דעם וואַרימען לעבעדיגען היינט — ווערט נשתומם און צוטומעלט, ווען ער פאָהרט זיך דורך פון דעם היינטיגען דור צו דער צייט פון אַ „ר' שלמה בן חיים", בעת יודען האָבען בתמימות נעגלויבט, אַז משה מאָנטעפיאָרע איז געקומען אָבקויפען ביי ניקאָלאַי דעם קיסר זיינע רוסישע יודעלעך. עס דוכט זיך אויס, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין שום קרובה'שאַפט צווישען דער היינטיגער יודישער וועלט מיט איהרע עמיגראַנטען, עקסטערנעס, דאַנטיסטען, הדרים־מתוקנים, מלמדים עברית־בעברית, הענדלער מיט לעבעדיגער סחורה, גרענעץ־אַגענטען, מיט איהרע ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, פּועלי־ציון; מיט איהרע צייטונגען, מוזיקאַלישע חברות, קולטור־קאָנגרעסען, צוזאַמענפאָהרען; מיט איהרע האַנדווערקשולען, פּרוב־קאָלאָניעס און אָווענד־קורסען; מיט די צאָהן־דאָקטאָרקעס, בערנער קורסיסטקעס און פּאַריזער כלה־מיידלעך; מיט איהרע ליטעראַטען, בונדיסטען, צושויבערטע דעקאַדענטען — און מיט דער וועלט פון אַ ר' מענדעלי, וואָס איז בעשטאַנען פון „אַ האַפּער, אַ מגיד, אַ מוסר; פון אַ שמש, אַ קהל'שען שרייבער, אַ סבאָרשטשיק, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה, אַ בעל־טובה; פון בעהעלפערם, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, גבאים, משולחים און ישיבה־בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענשען, שענע יודען, טאַטענס קינדער, תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעלי תפלות, שופר־בלאָזער, דריידלעך־מאַכער, פּורים־שפּיעלער, מצה־רעדלער ביז די דינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קנייטלעך־לעגערקעס, פעלד־מעסטערינס א. א. וו."

ווען מיר קוקען זיך איין אויף דער יודישער גאַס, וואָס עס ווייזט דער אַשמדאַי דעם צוטראָגענעם ישראליק'ן אין ר' מענדעלי'ס „קליאַטשע", ווען מיר זעהען שווימלען און גריבלען אויף דער גאַס: „פּאה־קעלעך, גערגעלעך, מערידענעלעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַ־

טשיילקעלעך, פּושקעלעך, קאָכטעלעך, קאַלעפּעלעך, שרי ערלעך, גראַגערלעך, גלות-ליכטלעך, קאָרפּירער אתרוגים'לעך און כּפּרה-הינדלעך" — און מיר קעהרען זיך צוריק פֿון דעם עולם-התּוהו צו דער היינטיגער יודישער גאַס מיט איהר איינציגער-מאַסען אויסענווייניגסטער ציכטיגקייט און אייראָפּעאישקייט — דוכט זיך אויס, אַז די צייט האָט שוין לאַנג אָבגעוואַשען דעם זכר פֿון אַבראַמאָוויטש'עס וועלט; אויף דעם אַלטען בית-עלמין האָבען זי שוין ווערים צוגעסען און איבער איהרע צופוילטע גליעדער האָט אויפגעשפּראָצט נאָר אַ ניי לעבען, גאָר אַ ניי-מאָדנער שטייגער פֿון אַ יוד און פֿון אַ יודישער גאַס.

און ווייטער דוכט זיך אויס, אַז נישט נור אויסערליך האָט זיך געביטען די יודישע גאַס, נאָר אויך אינערליך. צו אַבראַמאָוויטש'עס צייטען, ווען אַ יוד האָט זיך גענומען צו השכּלה, איז צוערשט געבאָרען געוואָרען ביי איהם אין האַרצען אַ פֿעראַכטונג צום יודען אַלס יודען, און צו דער יודישער סביבה. „איך וועל בלייבען אַ יוד און נישט קיין מענש" — האָט זיך געשראָקען ישׂראל'יק, בעת ער האָט זיך בעשלאָסען געהמען זיך צו די ביכלעך — „איך וועל בלייבען אַ רעטעניש, עפּיס אַ פּאַניע, וואָס קעהרט אויס, רייניגט אומעטום אויס, און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט, ערגיץ אין אַ ווינקעל, דאָס מיינט מען אַ בעזים! עפּיס אַ פּאַניע, וואָס דרעהט זיך אַרום דאָ און איז פּאָרט נישט דאָ אויף דעם עולם, וואָס איז פֿלייש און בלוט און זי האַלט זיך פּאָרט איטליכען אויס, עפּיס איז זי גאָרנישט"! („קליאַטשע" קאַפּ. 1). אַרבייטען אין פֿאָלק, פֿאַר'ן פֿאָלק הייסט זיין אַ „פּאַניע", וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט". די השגות „מענש" און „יוד" זענען געווען אַזוי ווייט איינער פֿון אַנדערן, אַז מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלען זיי צו פֿעראייניגען. איצט אָבער, ווען מיר האָבען זיך דערקענט, אַלס איינצעלנע טראָפּענס פֿון איין יודישען קוואַל, קומט אונז אויס משוגע'דיג די פֿאָרשטעלונג נישט צו וועלען זיין די „פּאַניע, וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין איהר אייגענעם מיסט". גראָד דאָס, וואָס אין דער צייט פֿון דער השכּלה-עפּאָכע האָט אויסגעזעהן אין די די אויגען ווי מיסט (מיר מיינען די יודישע סביבה) — האָט בעקומען היינט ביים יודען אַ בעזונדער אָנציהונגס-קראַפֿט. דער היינטיגער יוד זוכט גראָד „דעם ווינקעל", וואו ער זאָל זיך קאָנען בעהאַלטען.

ד. ה., וואו ער זאָל זיך קאָנען פיהלען ווי ביי זיך, ווי אין דער־היים. חייטער איז מען נאָך צו יענער צייט נישט דערגאַנגען צו דער השגה פון זעלבסט־שטענדיגקייט. דער יוד, דער פיהלענדער און דענקענדער יוד האָט העכסטענס געפאָדערט גערעכטיגקייט פון זיינע בעלי־בתים צו איהם. אָבער קיינמאָל איז איהם נישט איינגעפאַלען צו וועקען אין זיך אַ רצון אומצואַנדערשען זיינע כללישע געפיהלען בנוגע צו דער צוקונפט פון איינענעם פאָלק. אין ר׳ מענדעלי׳ס „קליאַטשע“ געפינען מיר אַ ביטער סאַטיריש פערהעלטניש „צו די נייע מאָדנע יודישע נאַרען“, וואָס האָבען אין דער בילדונג געפונען דאָס מיטעל, ווי צו מאַכען פון דער „קליאַטשע“ אַ מענשען. „אישליכם בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען איז קודם־כל אַ לעבעדיגע זאַך, פערזאָרגט מיט אַלע אברים, טאַקע פון זיינעטוועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלצדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען. עס האָט, אַ שטייגער, אַ מויל אויף צו עסען, עס האָט אַ נאָז, כדי צו שמעקען, עס האָט פיס, כדי צו געהן, נישט כדי צו טאַנצען, טאַנצען און נאָך אַזוינע שמאָכטעלייען זענען אויסגעטראַכטע מעשיות, דאָס האָט מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און עס אַ נאָמען געגעבען „בילדונג“ — ענטפערט די „קליאַטשע“ דעם גרויסען בעל־רחמנות ישראל׳יקן. זי גלויבט נישט אין הומאַניזם, מענשליכקייט, באַרמהערציגקייט, רחמנות, זי האָט אויך קיין צוטרויען נישט צו אוטיליטאַריזם, צום נוצליכקייטס־געפיהל פון מענשען, יואָס זאָגט, אַז וואָס וועניגער מען פייניגט אַ מענשען, אַלס נוצליכער איז ער פאַר׳ן כלל. זי האָפט נור אויף יושר, גערעכטיגקייט. אָבער אין ערגיץ הערט איהר נישט דעם קול פון אַ געזונדטען לעבענס־געפיהל, וואָס וועקט אַ שטאַרקע זעלבסטשטענדיגקייט. דען וואָס איז דער ציוניזם, בונדיזם, טעריטאָריאַליזם א. ז. ח., אַלע די בעוועגונגען, וואָס האָבען אָנגעהויבען חעקען אַ יודיש האַרץ, ווען ניט דער פאָלקס־אינסטינקט פון זעלבסטשטענדיגקייט?

אין אַבראַמאָוויטש׳עס צייטען איז דער יוד געווען אַלס פאָלק פּאַסיוו, היינט, אָבער, דוכט זיך, איז ער אַקטיוו. אין ר׳ מענדעלי׳ס הויז זענען די סאָציאַלע געפיהלען פון יוד געווען פערטויבט, עס איז נישט געווען קיין בעוואוסטזיניגער כלל, נאָר איינצעלנע אינדיווידוען, וואָס עס האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטען אַן׳איסערע לעבענס־פאָרם. די יודישע

גאַס פון ר' מענדעלי'ס וועלט האָט געהאַט אַ שוואַכע בעוואוסטזיניגקייט. האָטש אויסערליך האָט זי געהאַט אַלע סימנים פון רותניות — פאות'לעך און שיך און זעקעלעך האָבען פול געמאַכט די ירידי'לעך און די קלייזלעך — אָבער אינווייניג האָט זי נישט געהאַט אין זיך קיין לעבען און איז געווען ווי פערגליווערט. פאַר אונז, די היינטיגע, דוכט זיך שוין אויס דער הילוק אַזוי גרויס, אַז מיר זעהען שוין גאָר כמעט קיין המשך נישט צווישען דעם זיידען און דעם אייניקעל.

II

דאָך, נישט קוקענדיג אויף אַלע די בעטראַכטונגען, הערען מיר פאָרט אין אַבראַמאָוויטש'עס ווערק אַ שטים, וואָס איז אונז אַלעמען נאָהענט און, דאַכט זיך, גוט בעקאַנט, זעהען מיר דאָך אין אַלע זיינע שילדערונגען נאָהענטע געשטאַלטען און היימישע פנים'ער. ווי ס'ווייזט אויס, ליגט פאָרט ביי אונז נאָך אַ גלגול פון דעם יודעל, וואָס האָט געלעבט אין די יאָהרען פון ניקאָלאַי'ס צייטען. אָדער צי האָט אַבראַמאָוויטש עפּיס בעריהרט אַזאַ קנייטשעלע אין דער יודישער גלות=נשמה, פון וואָס מיר, די אייניקלעך, זענען נאָך עד=היום נישט פריי געוואָרען?

אמת, אַז מען זאָל נעהמען צוגליעדערען ר' מענדעלי'ס ווערק אויף אַ ריין=פראָטאָקאָליסטישען שטייגער, וועלען מיר אין זיי נישט געפינען קיין שטעגעלע, וואָס זאָל זיין עהנליך צו אונזערע היינטיגע גלות=וועגען. אָבער צי האָט דאָס גאָר אַ זין צו פערגלייכען שילדערונגען פון אַ קינסטלער=האַנד מיט אַן אַלטער פאָטאָגראַפיע פון אַן אַמאָליגען פאָטאָגראַף? געוויס, האָט זיך דאָס אויסערליכע פנים פון היינטיגען לעבען געענדערט, אויך אינערליך זענען מיר אַנדערע געוואָרען, די טיעפערע אָבער, די שטיל=פערבאָרגענע קנייטשען פון אונזער גלות=נשמה, וואָס דאָס זעהט נור אַ גאָט=געבענשטער קינסטלער, האָבען זיך ווייניג וואָס געענדערט. און ווען אונז געלינגט זיי צו ענטפלעקען, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען איינציג אַליין אַבראַמאָוויטש'ען, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו האַפּען מיט זיין פענזעל „דאָס פינטעלע יוד".

צוגלייך מיט זיין שכן פון איין לאַנד, ג אָ נ אָ ל, האָט ער אונז געשילדערט זיין א י י ג ע נ ע צ י י ט. אָבער דערביי האָט ער פונקט ווי זיין שכן אַ קוק געטהון טיעפער דורך די אויסערע בגדים פון זיין

צייט און אונז ענטפלעקט הוילע, נאַקעטע נשמות, אפשר אייביגע
יודישע נשמות. אין פונקט ווי גאָגאָל'ן געניסט נאָך היינט דער
אור-אייניקעל פון זיין עפּאָכע, אָט אַזוי געניסען מיר נאָך היינט
אַ „פישקע דעם קרומען“ און „מסעות בנימין השלישי“. ווי איטליכער
קלאַסיקער, (און אַבראַמאָוויטש איז דער קלאַסיקער פון רוסישען גלות-
ודענטום), פערמאָגט ער אַ סוד, עפּיס אַ מין כשוף, וואָס לאָזט זיך
נישט אויסדריקען אין ווערטער,—אַ כשוף, וואָס גיט אונז, די קינדער פון
פערטען דור, זיך צו פיהלען פאַר נאָהענטע מחותנים מיט אונזערע נאַרי-
שע עלטער-זיידעס. צי ליגט דאָס אין דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש'ן האָט
זיך איינגעגעבען צו חאַפּען דעם טיפּישען קנייטש און לשון פון אַ
יודישער אומה מענשען? צי אין דעם, וואָס ער האָט אונז געוויזען דעם
כאַראַקטעריסטישען רימטוס פון אַ גאַנצער עדה יודען? צי אין דעם, וואָס
ער האָט שאַרף אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע אויגען די פיעל סתירות
אין דער נשמה פון רוסישען גלות-יודענטום?—ווי די מעשה איז: צוי-
קלאַפּענדיג איינע פון די בעריהמטע „ספורי-המעשיות“ פון ר' מענ-
דעלי'ן, פיהלען מיר אָן ווערטער, אַז מען האָט אונז געצוואונגען זיך
טיעפער צוצוקוקען צו אַ בילד, וואָס איז צוגלייך מיין איינענעס, ווי
דאָס בילד פון אַנ'עדה יודען, וועלכע מען רופט אָן כלל-
ישראל.

ש. י. א. איז געוואָרען דער שילדערער פון דער כנסת ישראל מיט
איהר וואָכענדיגער קדושה און איהר צוטומעלטען אָרימען
גשמיות'דיגען לעבען. נישט אין איינצעלנע נעשטאַלטען האָט ער
אונז געמאָלט די פאַרצייטיגע וועלט, נאָר אין איהר גאַנצען כלל'ישען
אויסדרוק. ער האָט אונז איבערגעגעבען דעם תמצית, דעם גייסט
פון יודישען אַתה-בחרתנו'ניק, ביי וועמען דאָס לעבען פערגעהט
צווישען קלויז און מאַרק. ווען אויך די אויסערע פאָרמען האָבען
זיך געביטען, אָבער אין תוך בייט זיך נישט אַזוי ניך די נשמה פון
אַ גרויסען קבוץ. „אַלץ בעקומט ביי אונז סמנים פון אַ מעקלערשען
עסק'ל“, קלאָגט זיך אַבראַמאָוויטש און שילדערט אונז דעם גייסט פון
אַנ'אַמאָליגער יודישער חתונה. „אַפּילו חתונה-האָבען איז אויך אַ געי-
שעפט. דער יוד האַנדעלט איין אַ ווייב, דינגט זיך פריהער גוט אויס
וועגען מקח, וועגען נדן, וועגען איטליכס פּיצעלע בעזונדער, זענען די
תנאים דערפילט כפי המדובר, טאָ קום-ושע, כלה לעב, אונטער דער

חופּה מיט דעם שדכן, דעם בדחן, מיט דעם גאַנצן פּעקל כּלי־קודש, וואָס לעקן פון געשעפט אָב אַ ביינדעל, די אַ ווייב, ריס קריעה און ווער פערשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם. אויב דו ביזט קלוג אָדער נאַריש, שיין אָדער מיאוס, דאָס איז שוין דיין עסק. מיר זענען נישט קיין פּריצים, האָבן נישט קיין צייט צו קוקן אויף אַזוינע זאַכן, יודען זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער" („פּישקע"). און מיר, די איינקלעך, פּיהלען, אַז איטליכס וואָרט פון פּאַרצייטיגען אַבראַמאָוויטש'ן. טרעפט אונז גלייך אין האַרצען אריין, אין האַרצען פון יודען, וואו עס האָט זיך בעזעצט דער מעקלערישער גייסט אין די הייליגסטע טהועכצען פון זיין לעבען.

ווען מיר לייענען, ווי ישראליק'ן דעם משוגע'נעם האָט זיך פאָרגע־שטעלט אַ יודישע פּרנסה און מיר דערזעהען פּלוצים דאָס אַלגעמיינע בילד פון אַ יודישען מאַרק מיט „הונגעריגע, דאַרע טאַנדעטניקעס און אין צעהנען איינגעהויקערטע הענדלערס, וואָס דרעהען זיך הין און הער אַרום אין איינע צרות, קוקען זיך צו און שאַצען ביי זיך אָב איטליכענס קליידער, האָבען אַנ'אויג, ביי וועמען עס זענען צוריסען די שטיוועל, ביי וועמען די הויזען, ביי וועמען די קאַפּאָטע, דערפיהלען אין דער שטאָדט די קלענסטע לאַטע, די מינדסטע שמאַטע... בלייכע, טויטע מענשען, וואָס לויפען נעביך אַרום ווי פער'סמ'טע מייז, שטעקען אומעטום די נאָז אַריין און שמעקען, טאָמער וועלען זיי געפינען עפּיס אַ שטיקעל ברויט... איטליכער איז פערטראָגען, איטליכען שפּאַלט זיך דער קאָפּ, איטליכער פערבייסט אַ ליפּ, מאַכט פּלאַנען און פער־טראַכט זיך, איטליכער רוקט אַרויף דאָס היטעל און לויפט, און איז ווי אויפ'ן עולם התהו... מיט אַלערליי סאָרטען קלייטען און קלייטלעך, טישלעך און שאַפּקעלעך, ווי אַ צוואַנציג קרעמער שלאָגען זיך פאַר איין קונה, איטליכער ציהט איהם צו זיך און זאָגט איהם צו הרים וגבעות, איטליכען קריכען אַרום די אויגען צו זעהן אַגראָשען לייזונג, די קונים און די קרעמער דינגען זיך, שווערען זיך, ביידע שווערען בנאמנות, ביים ווייב, ביי די קינדער, ביי זיין חלק לעולם הבא און גלויבען איינער דעם אַנדערען, ווי דעם הונד" („די קליאַטשע").—

ווען מיר לייענען דאָס, דאַכט זיך אונז נישט ווילענדיג אוים, אַז מיר טרעטען אויפ'ן ברוק פון דער הייגטיגער יודישער גאַס מיט איהר אָרימקייט, אימפּעט און צוטומעלטקייט. צי קען מען נישט הייגט

זעהן דאָס איינענע בײַ דער בערזע פון אַ וואַרשא, אָדער דאָס, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געזעהן אַמאָל בײַ דער פאַרצייטיגער בערזע אויף קאַרמעליניצער יריד: „אַ יודעלע אויפ'ן יריד איז ווי אַ פישעלע אין וואַסער... יודען יריד'עווען, לויפען, האַנדלען, שטעהען נישט אויף איין אָרט.... ס'איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכעניש... דאָרט, זעה איך, לויפט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער.... פערשוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ... דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ. אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער, אַ דרעה מיט'ן גראָבען פינגער און אַ קיי דאָס שפּיצעל בערדיל: געפאַלען אַפּנים אויף אַ המציאה. עס לויפען גאָר אָהן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאָרבעס מיט פינף פינגער, בעלי־הבית'לעך מיט בייכלעך. איטליכען פלאַמט דאָס פּנים: „נישטאָ קיין צייט, אַ רענדיל אַ מינוט!“ („פישקע“).

נאָך היינט איז די יודישע מאַסע אַנ'אָרימע, בײַ וועמען „דער מאָגען האָט קיין שום התמונות נישט“. נאָך היינט קומט אָב די יודישע מאַסע מיט שה"י־פּה'ײ און ווערט נור לעבעדיג, ווען זי הערט „עפּיס ריידען פון געשעפט“. נאָך עד היום קאָנען מיר מיט אַ ביטערען געלעכטעריל איוף די ליפּען איבער'חזר'ן אַבראַמאָוויטש'עס אַפאָריזם: „אַ יוד בשעת דער גסיסה, קוים דערהערט ער נור עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבעדיג און דער מלאך המות אַליין קאָן דענסטמאָל צו איהם נישט צוטרע־טען“.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דער פּאָעט פון אונזער וואָכעדיגעה קדושה, האָט אונז טיעף ענטפּלעקט דעםווילדען קאָנטראַסט פון אַ יודישער נשמה, וואָס פיהרט זיך אַסקעטיש, ווי אַ קדוש („זיין מאָגען האָט קיין שום התמנות נישט“) און איז פול פאַר פול מיט וואָכעדיגע ציעלען („מיין ערגסטען פיינד וואָלט איך נישט ווינשען אָנצוקומען צו אַ יודען, בעת עס דאַכט זיך איהם געשעפט. ער איז מבטל דענסטמאָל איטליכען, אפילו דעם בעסטען פריינד. דעם אייגע־נעם ברודער מיט'ן בליק“), און דער ווילדער קנייטש אין דער יודישער נשמה איז געבליבען דער אייגענער, וואָס אין די אַמאָליגע צייטען. אפשר זענען מיר געוואָרען אין דער צייט עקאָנאָמיש פּראַקטישער, אַ ביסעל אייראָפּעאישער. אַ ביסעל זעלבסטשטענדיגער, אָבער דאָס נייע האָט נאָך נישט אויסגעפייעט אויסצוגלייכען אונזערע אַלטע נשמה־

קנייטשלעך און צו בעשאַפען אין איהר נייע שטענדיגע פעלבעלעך.
מעג דעם לעזער, וואָס געהט־צו צו ר׳ מענדעלי׳ס אַ ספור המעשה, זיך
דאַכטען, אַז ער געהט הלומ׳ן פון אַלטע, שוין געשטאָרבענע צייטען,
סוף לייענען אָבער לעגט ער אַוועק אַבראַמאָוויטש׳עס ווערק גאָר
מיט אַנ׳אַנדער געפיהל, מיט וועלכען ער איז צו איהם געקומען. דורך
די פאָרמען פון אַמאָליגען לעבען הויבט אָן דורכצושיינען פאַר איהם
עפּיס אַזוינס, וואָס איז נאָך אַזוי נאָהנט, אַזוי פריש און וואָס צע־
וואונדעט אַזוי לייכט אַ יודיש האַרץ.

.III

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז, ווי בעוואוסט, דער ערשטער יודישער
קינסטלער אין XIX יאָהרהונדערט, וואָס האָט גענומען מיט כוונה זיך
צוקוקען צו דער יודישער מאַסע. גערופען האָט ער זי „כנסת ישראל“,
„כלל ישראל“, אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער צו טהאָן געהאַט נישט
מיט אַ טעאָלאָגישען אָדער היסטאָרישען בעגריף, נאָר מיט
דער לעבעדיגער יודישער מאַסע. נישט ווי זיינע חברים פון דער
השכלה־צייט איז ער צו צו דער מאַסע, וואָס האָבען איהר געוואָלט
קודם כל אויסלערנען אייראָפעאישע זיטען און מנהגים און מאַכען
אַביסעל אויסערליך לייטישער, נאָר מיט דעם מאָדערנעם בליק פון
אַ היינטיגען, וואָס האָט גענוי בענומען די יודישע עקאָנאָמישע נויט.
קיינער פאַר איהם האָט ניט געהאַט אַזאַ שאַרפען בליק פאַר דער יו־
דישער אָרימקייט ווי ער. די עובדה, וואָס דער יודישער מאָגען איז
פון נישט־עסען צוזאַמענגעשרומפען, „גרויס ווי אַ כזית“, האָט ער
שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען. ער האָט מיט אַכזריות׳דיגע פאַרבען
אונז געמאָלט די קבצנ׳ישע מאַסע, וואָס מאַכט פול די טונעיאַדאָוו־
קעס און קאַבצאַנאָווקעס און פרוכטפערט זיך, פערזאָרגענדיג די
וועלט מיט נייע קבצנים. צוגלייך שיינט אין אַבראַמאָוויטש׳עס ווערק
אַלע ווײלע אַרויס אַ גרויס רחמנות צו אַ מאַסע, וואָס האָט עפּיס
קיין התמנות נישט אויף דער זינדיגער וועלט. און וואו און ווען
ער קאָן נור, זוכט ער מיט עפּיס מהנה צו זיין די אומגליקליכע מאַסע.
דער קינסטלער פון „מסעות בנימין השלישי“ ווערט מיט אַמאָל אַנ־
איבערזעצער פון די שבתדיגע זמירות, פון „פרק שירה“, גיט אַרויס
פאַר דער דערשלאָגענער יודישער מאַסע קאַלענדערס און טרייסט
די מיט זיין „יודעל“. ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק צו

איבערזעצען דעם תהלים, עס וואָלט זיך איהם וועלען וואָס מעהר דערנעהנטערן זיינע אָרימע ברידער צו דער שעֶנקייט, טיעפקייט פֿון די ספרים, וועלכע זיי האָבען שוין אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן. ער דרינגט אַריין אין די פסיהאָלאָגיע פון „דער מאַטעריע יוד, וואו ער פיהלט זיך אַלס פֿעדעמעל דרין“, און ווייזט אונז די לינדערנדע קראַפט פֿון זיינע ימים טובים, ימים נוראים און זיין בית־מדרש לעבען. דערביי ענטפלעקט ער אונז די טויזענדער סתירות און די היפוכים פֿון יודישען מאַסען־לעבען, וועלכעס איז זיך צייטענווייז אַליין מבטל צי מיט דעם רחמנות, וואָס עס פיהלט צו זיך אַליין, צי מיט דעם חוזק׳ל, וואָס שפעט אָב פון זיך אַליין.

דאָך אַלע די פיינע פסיהאָלאָגישע שטריכען, וואָס מיר געפֿינען ביי אַבראַמאָוויטש׳ן, ווען ער בעהאַנדעלט זיין טעמאַ „די יודישע מאַסע“. וואָלטען נאָך ניט אָבגעהיט זיין ווערק פֿון אונטערגאַנג, ווען מיר וואָלטען ניט געשפירט דערביי זיין געזונד נאַטירליך און העכסט־מאָראַליש פערהעלטניס צו דער מאַסע, וואָס ער בעשרייבט. זעלטען, וואו איהר וועט געפינען אין דער יודישער ליטעראַטור אַזאַ נאַאיוועס פערהעלטניס צו דעם יודישען פֿאָלקס־לעבען ווי ביי אַבראַמאָוויטש. זיינע ווערטער: „איך בין אַ פעדעמעל אין דער גרויסער מאַטעריע, וואָס געהט אונטער דעם נאָמען יוד“, „וואָס פיהלט מיט איהם זיינע לײדען און פריידען“, זענען נישט קיין פוסטע מליצות פֿון אַ שרייבער. ר׳ מענדעלי „מיט׳ן שטעכעדיגען געלעכטעריל אויף די דינע ליפען“ איז אין קלאַסישען זין פון וואָרט אַ פֿאָלקס־שרייבער. ווי, למשל, די גרויסע רוסישע „נאַראָדניקעס“, וועלכע זענען געווען אויסערליך און אינערליך שטאַרק פערקניפט מיט׳ן פשוט׳ן פֿאָלק, זיי האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די נידעריגסטע טרעפּלעך פון פאָלקס־לעבען, ווייל זיי האָבען געפיהלט, אַז דאָרט וועלען זיי זיך, זייער נשמה געפינען, וואָס איז אַ טייל פֿון דער גרויסער פֿאָלקס־נשמה. אָהן אידעאָלאָגיעס, אָהן קונצען האָבען זיי זיך געטובלט אין אַ אַטמאָספערע פֿון אַ גרויסען קבוץ, גאַרענדיג אַיינצוזויגען דאָס בעסטע און איידעלסטע פון זיין זעעל.

שוין דאָס אַליין, ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז אַיינגעדרונגען אין דער שפּראַך פון פשוט׳ן יודען, ווייזט, ווי טיעף ער האָט זיך אָבגעטונקט אין יודישען פאָלק. קיינער פֿאַר איהם און ווענינע נאָך

איהם האָבען געהאַט אַזאַ פֿיין אויער צו דער שפּראַך פֿון זיין פֿאָלק. בלעטערט דורך אַ מעשה פֿון אייזיק מאיר דיק, וואָס איז געגאַנגען נישט פּשוט צום פֿאָלק, נאָר ווי אַ מדריך, אַ מוכיח, און פֿערגלייכט זיין שפּראַך מיט דער שפּראַך פֿון אַבראַמאָוויטש, און איהר וועט זעהן דעם געוואַלדיגען חלוק. דער ערשטער איז נישט געקומען זיך עפּיס אָבלערנען, נאָר אַליין צו ווערען אַ נישט־געבעטענער מלמד. דער אַנדערער איז אָבער געקומען צום פֿאָלק אָהן פֿאָרגעדאַנקען און אידעאָלאָגיעס, אָהן שום כוונות און פּרעטענזיעס, און האָט מיט אַן אָפֿענעם בליק זיך צוגעקוקט צו זיין לעבען און מיט אַ פֿיינעם אויער זיך צוגעהאָרכט צו זיין לשון. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען, דאָס שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געהאַפּט דעם גייסט פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך און איז געוואָרען דער שעפֿער פֿון היינטיגען יודיש, וואָס איז פֿאַר איהם באמת געווען נאָך אַ מיאוס'ער זשאַרגאָן.

די שפּראַך פֿון יעדען קבוץ איז דאָס דינסטע לעצטע הייטעל פֿון זיין נשמה. און שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך שטענדיג געטומלט אין דער יודישער פֿאָלקס־נשמה, האָט זיך ממילא בעצויגען מיט דעם דאָזיגען נשמה־הייטעל. מעגען דורות פֿערגעהן — שטענדיג וועלען מיר מוזען געהן צו ר' מענדעלע'ן לערנען די שפּראַך, איך וועלכער עס רעדט און טראַכט די יודישע מאַסע.

דאָסזעלבע נאַטירליכע פֿערהעלטניס צום פֿאָלק געפֿינט דער פֿערעהרער פֿון אַבראַמאָוויטש'ן אויך אין זיינע נישט־געלונגענע ווערק. ווען מיר לייענען זיין „פּרק שירה“, אָדער זיינע „זמירות“, אָדער זיין „יודעל“, קאָנען מיר זיך ניט אָבוואונדערען צו זעהן, ווי גרויס זיין ליעבשאַפֿט איז געווען צום פֿאָלק און וואָס פֿאַר אַ אַכטונג ער האָט געהאַט צו זיין גייסטיגען לעבען. פֿאַר דעם קריטיקער דאַכט זיך, אַז דער מחבר האָט געפֿיהלט אַ הייליגע קנאה צו די אַלטע לומדים, וועלכע האָבען אויס טרייקייט צום פֿאָלק איהם געגעבען אַ „צאינה וראינה“ און אַ „מנורת המאור“, אום זיך צו טיילען מיט איהם מיט די אַלטע יודישע אוצרות. אַבראַמאָוויטש האָט רחמנות געהאַט אויף זיין פֿאָלק, וועלכעס איז נעביך דערווייטערט פֿון די גוטע ספֿרים און וועלכע לאָבען זיך האָטש מיט די שלעכטע איבערזעצונגען. און ער האָט זיך געמיהט מיט עפּיס איהם צו העלפֿען.

דער חלוק צווישען די היינטיגע (יהואש), וואָס נעהמען זיך איבערזעצען

חנ״ך פאַר׳ן פאָלק, און אַבראַמאָוויטש׳ן, איז אין פרינציפּ געווען אַ גרויכער. די היינטיגע הלומ׳ן פון אַ נאַציאָנאַלער יודישער שפּראַך, וועהרענד אַבראַמאָוויטש האָט קיינמאָל אַזעלכע כונות נישט געהאַט, ווען ער האָט אָנגעהויבען שאַפען. די היינטיגע זענען אידעאָלאָגען, ראַציאָנאַליסטען, בעת אַבראַמאָוויטש האָט געזונגען, „ווי דער פויגעל זינגט“, נאַאיוו, אָהן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע הינטער־געדאַנקען. אָבער האָטש די היינטיגע זעהען אונז אויס אויסערליך נעהנטער, דאָך פיהלט מען, אַז דער, וואָס האָט פערטייטשט

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו (תהלים י״ח) א. ז. וו.

„עס וויגט די ערד זיך, ס׳שטורעמט אונטען,
„עס ציטערען פון בערג די גרונטען —
„קראַך, קראַך! אָט וואַלען זיי זיך איין
„ווי באַלד ער קומט אין כעס אַריין.
„פונ׳ם נאָז איהם זעצט אַרויס אַ רויך,
„אַ פייער פלאַמט פון מויל ביי איהם
„און גליהענדע קויהלען פליהען הויך,
„עס ברענט, עס שרפה׳ט אומעטום.
„ער נויגט דעם הימעל, געהט אַרונטער,
„אַ וואָלקען שפּאַרט די פיס איהם אונטער,
„ער רייט אויפ׳ן כרוב, ער פליהט געשווינד
„און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד“, —

שטעהט נעהנטער סיי צום פשוט׳ען פאָלק, ווי צום גייסט פון אונזער תהלים.

לכוף מוז מען נאָך אָנווייזען אויף די הויפּט־מעלה פון אַבראַמאָוויטש, מיט וועלכער עס צייכענען זיך גור אויס די אויסדערוועהלטע פון די פאָעטען און שרייבער ביי איטליכען פאָלק; מיר מיינען די גאָט־געבענשטע פאַנטאַזיע צו זעהן אין איטליכען פרט דעם כלל, צו קאָנען מאָלען איינצעלנע געשעהענישען און פרטים מיט אַזוינע ליניען, אַז דורך יעדען פרט זאָל דורכשיינען דער כלל. און דאָס קאָנען נור די, וואָס האָבען דעם בליק פאַר׳ן כלל, וואָס זעהען דאָס לעבען סינטעטיש, ביי וועמען דער שטראָם פון מענשליכען קיום צופאַלט נישט אין איינצעלנע טראָפּענס. נור די נשמה, וואָס טובל׳ט זיך אין אַ ברייטערן לעבען, ווי דאָס אייגענע פערזענליכע, וואָס זעהט די וועלט

נישט דורך די שפּאַקולען פֿון אײגענעם אײנג-עגאָאיסטישען בליק, איז בכּח צו זעהן און צו פֿיהלען שטענדיג דעם גרויסען כּלל, די אַלגעמײנע נשמה פֿון אַ קבוץ. און בײ װעניגע פֿאַר און נאָך אַבראַמאָװיטש'ן געפֿינען מיר אַזאַ ברײטען סינטעטישען קוק אויפ'ן יודישען לעבען. אָט די מעלה איז די קרוין פֿון ר' מענדעלי'ס װערק. צוליעב דער קרוין װעלען זײ נאָך לאַנג זײן אונז ליעב און טײער און װעלען שטענדיג צוציהען צו זיך די בעסטע און ערשטע אין פֿאָלק.

———

אין קורצען װעט אַרויס די יובילעאום-אויסגאַבע פֿון אַבראַמאָװיטש'עס געזאַמעלטע װערק אין 12 בענדער. מיר װעלען אין זײ געפֿינען אויך אַזױנס, װאָס איז שוין לאַנג נישטאָ אויפ'ן ביכער-מאַרק. מיר װעלען געפֿינען געװיס אין דער אויסגאַבע אויך זאַכען, װאָס האָבען צעהנדליגער יאָהרען געװאַרט אויף זײער צײט אין שרײב-טיש. פֿאַר די פֿערעהרער פֿון ערשטען קלאַסיקער װעט דער טאָג פֿון דעם ערשײנען פֿון זײנע געזאַמעלטע שריפֿטען זײן אַן אמת'ער יום-טוב. האָטש דאָס בילד פֿון ר' מענדעלי'ן װעט נישט װערען דאַדורך אַנדערש, אָבער אָבגעפֿרישטער און בולט'ער װי ער איז געװעזען ביז איצט, װען מיר האָבען איהם געלײענט שטיקלעכװײז אין די שלעכטע אַמעריקאַנער אויסגאַבען. װאָס פֿאַר אַ נחת עס װעט זײן פֿאַר דעם גרײז-גראָהען זײדען ר' מענדעלי'ן, װען זײנע אור-אײניקלעך װעלען צו זײן פֿופֿציג-יעהריגען יובילעאום איהם דערזעהן אַנ'אָבגעפֿרישטען, אַ יונגען. „אחרי בלותי היתה לי עדנה“, מעג אויסרופֿען ר' מענדעלי, װעלכער איז אין די 90-ער יאָהרען כּמעט װי פֿערגעסען געװאָרען און װעלכער איז אין די לעצטע צעהן יאָהר אונז געװאָרען דער געליעבטער „זײדע“, דער אָנערקענטער שעפֿפֿער פֿון דער יודישער ליטעראַטור און דער קלאַסיקער, װאָס האָט אונז געװיזען אַ מוסטער פֿון דער שפּראַך, פֿון דער בעציהונג צו דער יודישער מאַסע און צו דעם כּלל, װאו עס לעבט, דענקט און פֿיהלט דער יחיד.

מעגען די יאָהרען פֿון 50-יעהריגען שרײבער-יובילעאום זיך נישט שװער לעגען אויף די פּלײצעס פֿון געליבטען זײדען, און זאָל אונז נאָך בעשערט זײן אונזער לעבענס-צײט מיט איהם צו טײלען נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

אַנ'אייניקעל דעם ווידען.

ג.

אַס 1910 יאָהר האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען ליטעראַ־
רישען יום־טוב ביי יודען. אָנגעהויבען האָט ער זיך אין אָדעסאַ
און ציהען ציהט זיך דער יום־טוב איבער אַלע יודישע שטעדט.
שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז דער בן יחיד אין אונזער ליטעראַ־
טור, וואָס האָט דערלעבט צו אַזאַ שענעם עלטער. ער איז דער
געליעבטער „ווידע" נישט נור פון די אייניקלעך ליטעראַטען, ער
איז אויך דער געליעבטער ווידע פון אונזער דור, וועלכער האָט קלע־
רער און קינסטלערישער, ווי אונזערע לייבליכע ווידעס בעגריפען
און בעשריבען זיין צייט, וואָס איז נאָך טיילווייז אונזער צייט.
שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אונז צוגעצויגען מיט זיין הזקנ'ל,
מיט זיין סאַטירע, מיט דעם כח זיך צו דערהויבען איבער דעם גראָבען
גשמיות'דיגען יודישען לעבען דורך אַ שמייכעלע, אַ פיינעם געלעכ־
טערעל, דורך אַ סאַטירישען וואָרט. צוגלייך מיט די גרויסע שריפט־
שטעלער אין אַנדערע ליטעראַטורען — האָט ער אונז אויסגעלערנט
אָבצולאַכען פון אַ נאַרישען לעבען און דורך די אָבלאַכעריי זיך אויף
אַ ווילע צו בעפרייען פון דער לעבענס־ענגקייט.
מיר שעצען און ליעבען אַבראַמאָוויטש'ען פאַר זיין נאַטירליכען צו־
בונד צו אַלץ, וואָס איז יודיש, צו אַלץ וואָס צייכענט זיך אויס מיט
אַ יודישער תנועה'לע, גרימאַסעלע און אַ יודישען ריטמוס.
מיר בעוואונדערען אין אַבראַמאָוויטש'ען זיין פיינעם געהער, וואָס
האָט דערהאָרכט אין דעם מיש־מאַש פון דעם יודישען זשאַרגאָן
די נאַטירליכע, וואָרצעלדיגע טענער פון דער יודישער שפראַך.
אַפילו די, וואָס האַלטען נישט פון דער צוקונפט פון יודיש, ווערען
בשתומם און שטאַרק נתפעל פון דעם וואונדער, דאָס דער זשאַרגאָן,

וואָס איז אַפילו פֿאַר טאַלאַנטפֿולע פּאָעטען נאָך געווען אַ מָשל צו אַל-דער ווילדקייט פֿון יודישען לעבען — איז מיט איינמאָל אַרויס פֿון אַבראַמאָוויטש'עס פֿעדער מיט אַ יחוס-בריעף פֿון אַ קלאָרע, ריינער שפּראַך.

„די אַלטע באָבעניו“, — ווי דער פּאָעט פרוג האָט אַמאָל געשילדערט דעם זשאַרגאָן, — „מיט אַ צוריסענער-צובּיסענער וואַטואָוקע איז אַלע מיני משונה קאָליערען, אויף איין פוס אַ הליצה-שיכעל, אויף דעם צווייטען — אַ ווייסע יום-כפּור-זאָק און אויפ'ן קאָפּ אַ קאָלטען“— האָט מיט אַמאָל זיך צורעדט אויף אַ לשון, וואָס האָט פֿערנומען ביי'ם האַרצען מיט די ריינקייט און לויטערקייט פֿון די געפֿיהלען.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אונז געוויזען דעם וואונדער, וואָס מיר געדענקען נאָך פֿון חומש, בשעת בלעם'ס אייזעל האָט געעפֿענט זיין מויל. ווער האָט דאָס געקענט גלויבען, אַז דער זשאַרגאָן וועט בכח זיין אונז אַרויסצוגעבען דעם העכסט קאָמפּליצירטען טיפּ פֿון אַ ר' מענדעלע, וועלכער האָט גע'ירשה'ט פֿון פֿאָלקס-גייסט אַלע זיינע קניטשען, אַלע זיינע געפֿיהלען, סיי די אומעטיגע ווי די פֿרעה-ליכע, סיי די איראָנישע און סאַטירישע, סיי זיין ליעבשאַפֿט צו דער נאַטור און צו אַלץ וואָס פֿויזעט אין דער נאַטור.

ווי פֿערוואונדערט שטעהען מיר פֿאַר די קלאַסישע זייטען פֿון זיינע ספּורי-המעשיות, ווען ער שילדערט אונז אַזוינע זאַכען, צו וואָס אויך די נייע העבּרעאישע ליטעראַטור האָט זיך נאָך לאַנג נישט דערוועגט צו-צוריהרען.

ווען מיר לייענען די נאַטור-שילדערונגען פֿון ר' מענדעלי — גלויבט זיך גאָר נישט, אַז דאָס איז געמאָלט געווען צו בעשאַפֿען אין זשאַר-גאָן, אין דער פֿעראַכטעטער שפּראַך פֿון „דינסטמויד און משרת'ל“. אויך די וואָס שאָקלען זיך אָב היינט פֿון יודיש, אויך די וואָס זעהען פֿאַר'ן יודיש נישט קיין לאַנגע צוקונפֿט — מוזען דאָך מודה זיין, אַז אין לויף פֿון הונדערטער יאָהרען איז יודיש געווען די איינציגע שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבען גערעדט אַלע, אַלע קלאַסען פֿון פֿאָלק. און עס וואָלט געווען אַ גרויסע עם-הארצות, ווען מען וואָלט מיינען, אַז דאָס פֿעדיגסטע און גייסטיגסטע פֿאָלק האָט זיך בע-נוצט מיט אַזאַ אידעלע זאַך ווי אַ שפּראַך, ווי מיט אַ שוטען שיט

האָלץ, נישט ווי מיט אַ לעבעדיגער נשמה־הייטעל פֿון דער כּלל־ישער נשמה.

אום אָבער צו בענעהמען די שפּראַך, פּיהלען די ציטערדיגע און לייכטע פּעדעמלעך פֿון אַ נשמה־הייטעל, האָט מען געמוזט זיך טובל׳ען יאָהרען לאַנג אין דער נשמה פֿון דער יודישער מאַסע, האָט מען געמוזט האָבען אַ פיינעם אויער, אום צו דערהאָרכען, ווי דאָס נאַטירליכע געפיהל נעהמט אָן דעם פּאַסיגען מלבוש פֿון דעם געשפּראָכענעם זאַץ, אום צו דערהאָרכען דעם קלאַנג פֿון די שטומע געפיהלע־וועלען פֿון האַרצען, וואָס קלאַפּען־זיך־אָן אָן דעם פּעלזען פֿון גערעדטען וואָרט.

אַלע די, וואָס האָבען פֿאָרגעוואָרפֿען דעם זשאַרגאָן, אַז דאָס איז די שפּראַך פֿון יעדען קבצן איז דאָס דינסטע לעצטע הייטעל פֿון געמען דעם פּשוט׳ען אמת, וועלכער איז היינט בעקאַנט איטליכען הדר־יונגעל. זיי האָבען פֿערגעסען, אַז די דינסטמויד און דער משרת׳ל זענען די סאַמע געדיכטע מאַסע פֿון פֿאָלק, וועלכע קומט אַמעניגסטען אין מגע ומשׂא, אין בעריהרונג מיט פרעמדע קולטורעל און השפּעות, וועלכע קאָנסערווירען זיך, ענטוויקלען זיך פיעל נאַטירליכער, ווי די קלאַסען פֿון פֿאָלק, וואָס זענען דאָס אויבערשטע פֿון שטייסעל און בעקומען צוערשט דעם קלאַפּ פֿון טיקאַץ, ד. ה. נעהמען אָן צוערשט די פרעמדע זיטען, מנהגים, ווערען צוערשט בעגאָסען פֿון די וועלען פֿון דער אַלגעמיינער פּראָסטער קולטור, וועלכע מאַכען צונישט דעם כאַראַקטעריסטישען פּנים פֿון איטליכער נאַציאָן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די פּערטרעטער פֿון דער נייער ריכטונג אין דער פּראָוינציאַלישער ליטעראַטור, ווי למשל באָדלער, ווערלען, האָט מען געגעבען אַ מיאוס׳ען צונאָמען „דעקאַדענטען“ ד. ה. קאַליקעס. די קאַליקעס האָבען זיך אָבער פֿאַר׳ן צונאָמען נישט דערשראָקען. זיי האָבען געוואָלט דעם מיאוס׳ען צונאָמען צוגעבען אַזאַ אינהאַלט, אַז ער זאָל אויפהערען צו קלינגען מיאוס. און דער „דעקאַדענט“ האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זיין אַ זידעלוואָרט. ביי׳ם נאָמען דעקאַדענט האָט מען זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אָן די זעלטען פיינע ליעדער פֿון אַ באָדלער און אַ ווערלען און אינגאַנצען פערגעסען זיין געוועהנליכע מיאוס׳ע בעדייטונג.

דאָס אייגענע איז מיט „דער שפּראַך פון די דינסטמוידען". אַדאַנק ש.
י. אַבראַמאָוויטש, פּרץ, שלום-עליכם, פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, אַש,
האָט אונזער יודישע ליטעראַטור בעקומען אַזוינע טיפע כאַראַקטעריס-
טיקען פון אונזער יודישען לעבען, אַז מען הויבט שוין אָן גאָר צו
בעקומען אַנ'אַכטונגס-געפיהל צו דער „מויד", וואָס בעזיצט אַזאַ שאַץ,
וואָס בעזיצט אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער די אַבראַמאָוויטש'עס, פּרץ'עס,
שלום-עליכם'ס קענען אויסדריקען די פּאָעטישע געפיהלען, די קינסטלע-
רישע זעהונגען פון זייער געמיט. ביי'ם זידעל-וואָרט „די שפּראַך
פון דער דינסט-מויד און משרת'ל א נשמה פון א גרויסען יודישען
פערטע, קליינשטעדטעלדיגע „דינסטמויד" מיט'ן טשעבער ביי'ם פּלימפּ.
נאָר א וועלט יודישע מענשען ביי דער אַרבייט, ביי די דאגות זייערע,
ביי זייערע ימים-טובים און התונות, ביי זייערע מסחרים און מסחר'-
לעך, ביי זייער געדריקטהייט און רחבות הנפש. די יודישע מוטער
ביי'ם וויעג, דאָס יודישע מיידעל, ווען עס שפּראָצט אין איהר האַרצ-
צען א ליעבעס-בלום, דעם פערטראַכטען פער'חלומ'טען יונגען מאַן,
וועלכער זויגט איין די פּאָעזיע פון א שטומער נאַטור.

די „דינסטמויד" איז שוין איצט א „קאַמער-קעצעלע", ווי די בער-
לינער רופען דאָס ציכטיגע, ענערגישע, קאָקעטע און פראַנטאָוואַ-
טע דיענסט-מיידעל פון די רייכערע בעל-הבתי'שע הייזער. זי זעהט
שוין אויך היינט ווי דאָס שטוב-מיידעל אויף פּלאַקאַטען פון די
גרויסע שאָקאָלאַדען-פאַבריקען — אין א קלאָר-ווייסע היבעל אויף
דעם גוט פריזירטען קאָפּ און א שנעע-ווייסען פאַרטוך אויף די
שלאַנקע, געזונדטע היפטען. נישט זי יאָגט זיך נאָך דער „מאַדאַם", נאָר
די מאַדאַם יאָגט זיך נאָך איהר, און עס זענען שוין פאַרהאַן אין
אַמעריקא אַזוינע „קאַמער-קעצעלעך", וואָס פערלאַנגען אַנ'אייגענעם
צימער פאַר זיך, און למען-השם א גרויסען צימער, אַז מען זאָל
קענען אַריינשטעלען א פּיאַנאָ. און אין פינלאַנד האָט מען שוין דער-
לעבט דערצו, אַז די קאַמער-קעצעלעך האָבען ביי זיך אין קעמערי'ל
אַנ'אייגענעם טעלעפאָן.

אויך דער זשאַרגאָן, „די שפּראַך פון די דינסטמוידען". איז שוין
היינט א גרויסע תקיפות. נישט זי יאָגט זיך נאָך דער עבירת'ע (די
העברעאישע שפּראַך), נאָר פונקט קאַפּויער. כמעט אין אַלע העב-
רעאישע ליטעראַרישע אויסגאַבען ווערט איהר געפינען די נעמען פון

די, וואָס זענען גרויס געוואָרען צוליעב דער דיענסטמויד, וואָס האָבען קונה שם געווען צוליעב דעם, וואָס זיי זענען אַיינגעדרונגען אין דער שפּראַך פון דער דיענסט-מויד.

ווען אַ יודיש טעאַטער-שטיק גײַהט אַרויס פון דער יודישער ענג-שאַפט אויף דער בּיהנע פון אַ וועלט-טעאַטער, — האָבען מיר דאָס צו פערדאַנקען דער דיענסט-מויד, מיט איהרע געזונדטע קרעפטיגע אוילענבויגענס. און ווען איהר וועט אַמאָל זעהן אַ יודישען ליטעראַ-טאָר מיט אַ פּיאַנא און אַנ'אייגענעם טעלעפאָן, האָט מען דאָס אַליין צו פערדאַנקען דער מויד, מיט וועמען דער ליטעראַטאָר האָט געהאַט שטאַרקע מחזקות.

און דער צונאָמען פון יודיש „די שפּראַך פון דער דיענסט-מויד", האָט היינט בּעקומען גאָר אַ נייע בּעדייטונג. דער צונאָמען האָט אויפ-געהערט צו זיין אַ זידעל-וואָרט, ווי אַמאָל „די געלע מיטעלאַלטער-ליכע לאַטע", האָט דאָס אויפגעהערט צו זיין אַ בּזיון. דאָס ג ע ל ע איז, אַדרבּה, געוואָרען די פאַרבּ, מיט וועלכער מיר שטאָלצירען, ווייל זי דערמאָנט אָן די יודישע עקשנות, געזונדטע לעבּענס-עקשנות. ד"ר הערצעל ז"ל, וואָס האָט געגרינדעט דאָס ציוניסטישע בּלאַט „די וועלט", האָט מיט אַ כּיון גענומען פאַר דעם בּלאַט די ג ע ל ע פ אַ ר בּ. שוין אַוועק די צייט, ווען פרוג האָט זיך געבּייזערט אויף דעם האַרטען זשאַרגאָן און האָט געשריעבּען:

„איך האָבּ מיט דעם לעצטען צאָהן
געבּיסען און געריסען דעם זשאַרגאָן,
געקייט די ליעבּע שפּראַך פון אונזער מאַמען,
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכען זי אַביסעלע האָטש וויך,
און צו פערדושען יענעם ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבּורגער יאַטקעס
מיט אַלערליי פערוואַלגערטע אַסטאַטקעס.
וואָס שמעקט אויף דרייצעהן מייל אַרום דעם אָרט,
וואו נור עס בּליהט האָטש איין זשאַרגאָניש וואָרט..."

איצט פערמאָגען מיר שוין די שטאַרקע פּאָעזיע פון אַ בּיאַליק, אין יודיש, און צוגלייך די בּלייכע, פאָדעם-דינע, ווייכע פּאָעזיע פון

דוד איינהארן, דעם קורצען קנאפען ליעד פון רייזענ׳ען און דעם יונגען ליידענשאפטליכען ליעד פון שניאור.

אפילו פרוג אליין האט אונז בהוש בעוויזען, ווי א גוט געבענשטער פאעט קען ווייך מאכען דעם זשארגאן און ארויסטרייבען פון איהם דעם „ריח פון די יאטקעס“. זיין ליעד „זאמד און שטערן“ בעווייזט דייטליך, וואס פאר א שטראם פון לירישע געפיהלען עס איז בכח ארויסצורופען די הארטע שפראך פון דער דיענסט-מויד.

ווער איז אבער געווען דער ערשטער, וועלכער האט געהאט א ריכ-טיגען בליק אויף דעם פעראכטעטען יודיש? ווער איז אבער געווען דער ערשטער, וואס האט געהאט דעם מוט, זיך צו גט׳ן מיט דער „מאדאם“ און זיך צו פערקנס׳ען מיט דער שפל׳דיגער מויד? ווער איז צום ערשטען מאל צו — צו דעם ארעמען יודיש אהן שום כונות, אום עס אויסצובעסערען, אדער זיך צו בענוצען מיט איהם אלס א גראב מיטעל פאר דידאקטישע, מלמד׳ישע ציעלען? ווער איז געווען דער ערשטער, וואס האט דערשפירט אין די גראבע מלבושים פון דער דיענסט-מויד“ זעהט שוין נישט אונזער אויג די פערשלום-קבוץ מיט אנ׳איינגענטהימליכער שפראך? ווער איז דאס געווען, ווען נישט ש. י. אבראמאוויטש, וואס האט שוין דענמאלסט געשמ׳ט אין דער יודישער ליטערארישער וועלט אלס א גרויסער העברעער און א טאלאנטפאלער שרייבער.

אבראמאוויטש, ווי בעקאנט, דערצעהלט אין אנ׳אויטאביאגראפישער נאטיץ, ווי אזוי ער איז אריבער פון דער „מאדאם“ צו דער „שפחה“. ער שרייבט: „אט בין איך, דער, וואס האט געוואלט איינצודרינגען אין אינערליכען לעבען פון א פאלק, אום צו שילדערען עס דערנאך אין דער שפראך פון די נביאים. צי איז דאס נישט אבער אנ׳אמת, אז דער גרעסטער טייל פון פאלק פערשטעהט גאר נישט די שפראך און קען נור דעם זשארגאן? צו וואס נוצט די גאנצע גייסטיגע ארבייט פון א שרייבער, ווען דאס פאלק פערשטעהט איהם נישט? און מיך פערפאלגט כסדר די פראגע: פאר וועמען ארבייט איך דען? אונזערע ליטעראטען בעטראכטען דעם זשארגאן פון אויבען אראב און האבען איהם נור פעראכט. און ווען איינער לאזט זיך שוין אראב אזוי ניעדריג, דאס ער שאפט עפעס אין דער פעראכטעטער שפראך,— טהוט ער אלעס מעגליכע, אז ס׳זאל בלייבען די מעשה בסוד.

ווייל דאָס קען אָבשוועכען זיין כבוד ביי לייטען. דער געדאַנק, אַז שרייבענדיג אין יודיש, וועל איך אויפהויבען געגען מיך די עפענטליכע מיינונג, האָט מיך זעהר בעאונרוהיגט, נאָר דאָס בעוואוסטזיין, אַז מיין טהאַט איז נוצליך, האָט סוף כל סוף אַרויסגערופען ביי מיר אַ טיעפע בושה, וואָס איך טראַכט גאָר וועגען אַזעלכע זאַכען, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין! איך וועל אַרבייטען צווישען די ערשטע פאַר'ן זשאַרגאָן, און איך וועל נוצליך זיין מיין פאָלק".

די ציטירטע ווערטער צייגען, הוץ דעם וועג, ווי אַבראַמאָוויטש איז געקומען צו יודיש, נאָך אַ זאַך. זיי דריקען אויס דעם געדאַנקען, אַז איטליכער שרייבער מוז זיין אַ דיענער ביי'ם פאָלק, מוז שטענדיג האָבען דעם געדאַנקען, אַז די ליטעראַטור האָט נאָר דאַן אַן עקזיסטענץ-בערעכטיגונג, כל זמן זי דיענט אַ גרויסען קבוץ, זי גיעט זיך אָב די אינטערעסען פון אַ גרויסען כלל.

און אַזאַ בעציהונג צו דער ליטעראַטור איז פאַר 50 יאָהר ביי יודען אין רוסלאַנד געווען אַ גאָר נייע בעציהונג. מיט ווענינע אויסנאַהמען, האָבען די שרייבער זיך מעהר געשפּיעלט מיט דעם געדרוקטען וואָרט, זיי האָבען נישט בענומען דעם סאָציאַלען ווערט פון דער ליטעראַטור, האָבען איבערהויפּט נישט פערשטאַנען, אַז מיט דעם בכבודיגען נאָמען „שרייבער ביי יודען" זענען פערבונדען ערנסטע פליכטען און אַ געוויסע פעראַנטוואָרטונג.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז אויפגעוואַקסען און האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ צייט, ווען אויף דעם הונקעלען הימעל פון רוסישען לעבען האָבען געלויכט אַזוינע שטערען, ווי בעלינסקי, פּיסאַרעוו, גאָגאָל, טורגעניעוו און אַנדערע. בשעת מ'איז געבאָרען געוואָרען ביי די רוסען אַ דור, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פעראַנטוואָרטינגס-געפיהל פאַר זייער פאָלק. און די צייט מיט איהרע אידעען און גרויסע קונסט-בעגאַבונג האָט אויך בעריהרט דעם יונגען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז צוערשט אויפגעטרעטען אין דער ליטעראַטור אַלס פובליציסט און קריטיקער און שפּעטער אַלס קינסטלער. חי פאַרצייטען טורגעניעוו האָט אַראָבגענומען דעם כשוף פון די אויגען מכה דעם רוסישען פאָלק, ראַדורך וואָס ער האָט איהם פאָרגעשטעלט אין זיינע „זאַפּיסקי אָהאָטניקאַ" אַלס אַ פיעל-בעגאַבטערע, קליגערע,

אידעלערע מאַכע, ווי מען האָט זיך ביז אַהער פאָרגעשטעלט די רוסישע פאָלקס-מאַכע, אַזוי האָט אַבראַמאָוויטש דורך זיינע פיינע אַנאַליזע און דורך די נייע אָריגינעלע אַרט, צו זעהען, וואָס עס טהוט זיך ביי'ם יודען אין האַרצען, — ענטדעקט פאַר'ן לעזער נאָר אַ נייעם שטייגער יודען, מיט גאָר אַ נייע אַרט דענקען און פיהלען.

אַלס ביישפיעל פון דער נייער אַרט זעהען וועלען מיר נור נעהמען ביי אַבראַמאָוויטש'ען די נאַטורשילדערונגען, וואָס זענען געפיהלט מיט אַ יודיש האַרץ און בעשריבען געוואָרען אין די הערטער פון אַ נאַטירליכער פאָלקס-שפראַכע.

די דאָזיגע שילדערונגען זענען אַנ'אמת'ע ענטדעקונג געווען פאַר'ן לעזער. דען אייביג איז מען געווען געוועהנט זיך פאָרצושטעלען דעם יודען מיט אַ פערקאַטערטען נאָז, אַ שוואַכען אויג אויף צו זעהן די שענקייטען אין דער נאַטור. און מיט אַמאָל גיעט אונז אַבראַמאָוויטש אַ בילד פון אַ שטענדיג הייסען זומער-טאָג און שטעלט אונז פאָר אַ נאַטור-פייזאַזש, וואָס הויבען זיך אָן מיט די קלאָרגעמאָלטע יודישע ווערטער:

„דער הימעל איז בלוי, לויטער אָהן אַ פיצעל וואָלקען. די זון בראָט, כמאַליעט. עס וועהט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין לופטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטעהען שטיל ווי צוגעשמידט א. ז. וו. (זעה פישקע דער קרומער).

אָדער באַלד דערויף אין איינעם בוך דאָס בילד פון אַ זומער-פאַרנאַכט, נאָך אַ שטיקענדיג הייסען זומערדיגען נאָך-מיטאָג.

דאָס קלאַסיש געמאָלטע בילד פון די בהמות און חיות אין „פישקען", וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט ביי די פויערשע וועגלעך פאַר אַ יודישער קרעטשמע, דאָס שטומע און צוגלייך דאָס בערעדעוועדיגע אין דעם אָריגינעלען געמעל — ווייזען, אַז דער יודיש פערמאָגט אַוועלכע אויסדרוקס-מיטעל פאַר דער שטומער לעבעדיגער נאַטור, פון וואָס פאַר אַבראַמאָוויטש'ען האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געחלומ'ט אַפילו.

און די בעשרייבונג פון שטורם מיט אַ שלאַקס-רעגען אין דער „קליאַטשע" בעווייזען, דאָס די יודישע שפראַך פערמאָגט אויך גענוג אויסדרוקען, אום צו מאָלען עלעמענטאַרע סטיכישע נאַטור-קרעסטען.

אַבּראַמאָוויטש איז דער ענטדעקער פון דער יודישער נאַטור-בּעטראַכטונג, פון יודישען פּייזאַזש. וואָס פליסט אָפּט צוזאַמען מיט דער טרויעריגער נשמה פון מעלאַנכאָלישען יודען. ער האָט, קען מען זאָגען, מגיר געווען די נאַטור, ער האָט זי אונז געשילדערט מיט אַ שפּראַך, וועלכע איז ביז איהם נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און וועלכע פּאַסט אַזוי צום פאָלקס-גייסט פון דער גרויסער יודישער מאַסע. מ. ראָזענפעלד, טיילווייז פרוג און כמעט אַלע אונזערע היינטיגע פּאָעטען שטעהען אין דער נאַטור-שילדערונג אונטער דעם איינפלוס פון אַבראַמאָוויטש'עס שפּראַך. ער האָט ווי ענטפּלעקט פאַר אונזער ליטעראַטור דעם שליסעל צו אַ פערמאַכטער טהיר, אַ צייט לאַנג פערמאַכט פאַר די בעסטע פון אונזערע ליטעראַטען.

ר' מענדעלי האָט אונז בחוש בעוויזען, אַז דער יודישער שפּראַך-שאַץ האָט אַ גאַנצע רייה פון פּאָעטישע בילדער און פערגלייכונגען, וועלכע עס זענען נור מעגליך ביי אַ פאָלק, וואָס איז נישט בלינד צו דער ברייטער, שטומער נאַטור, וואָס איז בכח זי אָנצופילען מיט איהרע אייגענע געפיהלען, וואָס מעסט די אייגענע נשמה מיט דער נשמה פון דער נאַטור, מעסט זיך מיט איהר, און לאָזט זיך מעסטען דורך איהר.

דען וואָס איז דער גרויסער שרייבער און פּאָעט, ווען נישט דער גרויסער האָרכער, דער אויפמערקזאַמער פיינפיהלענדיגער אויער פון פאָלק, צו וועמען ער געהערט אָן. און אויך ש. י. אַבראַמאָוויטש איז אַלס ערשטער און גרעסטער שרייבער ביי יודען אין 19-טען יאָהרהונדערט געווען דער האָרכענדיגער אויער פון זיין פאָלק, וואָס האָט צוערשט ריכטיג בענומען די אייגענאַרטיגקייט פון זיין שפּראַך און, צוגלייך מיט זיין שפּראַך, זיין פערשטעלטע נשמה, דעם שליסעל צו אַ פערשלאָסענער טהיר.

צו די פיעלע ענטדעקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט בנוגע צום יודישען כלל — האָט ער נאָך געפונען אין זיין נשמה אַ פעלבעלע, וואָס איז אפילו פאַר'ן כלל אַליין געווען אַ וואונדערליכער חדוש.

און לייכט איז איהם געוואָרען דער דאָרניגער וועג פון אַן ענטדעקער, וויל איידער ער איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער אויף דעם וועג פון דער שילדערונג פון גלות-יודען, האָט ער פאָראויסגעשיקט זיינע גאָטגעבענשטע אויערען, אום צו דערהאָרכען די שטילע פיינע

גערוישען פון אַ קאָלעקטיווער נשמה. דען סוף כּל סוף איז איטליכער טאַלענט, איטליכער גרויסער פּאָעט אַן׳אויפמערקזאַמער האָרכער. ער איז דער גייסטיגער אויער פון זיין פאָלק. און קודם כּל האָרכט ער זיך צו צו דער נאַטירליכער שפּראַך פון זיין פאָלק.

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבּן צו שאַפען אין דער דער ערשטער, וואָס האָט מיט גאונ׳ישען געהער זיך צוגעהערט צו דער שפּראַך פון זיין פאָלק.

די שפּראַך פון „דינסטמוידען“, האָבּען אין זייער בּלינדקייט פערזיין נשמה. און ר׳ מענדעלי, וואָס האָט זיך שטענדיג צוגעהאָרכט צו דער יודישער שפּראַך, זיך אייביג געשובל׳ט אין דער יודישער פאָלקס־נשמה — האָט זיך ממילא בּעצויגען מיט דעם דאָזיגען הייטעל.

מעגען דורות פערגעהן, שטענדיג וועלען מיר מוזען געהן צו ר׳ מענדעלי׳ן לערנען די שפּראַך, אויף וועלכע עס רעדט און טראַכט די יודישע מאַסע, דער יודישער כּלל.

.II

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש איז דער ערשטער גרויסער האָרכער. צייט, ווען די אינעווייניגסטע צוריסענקייט בּנוגע צו דער שפּראַך האָט נאָך נישט בּעקומען בּיי יודען דעם טראַגישען כאַראַקטער, וואָס היינט, די מאַסע פון אַלע קלאַסען האָט געלעבּט מיט׳ן זשאַרגאָן און מיט׳ן לשון־קודש. דער פּראָסטער יוד האָט גערעדט אויף מאַמע־לשון, און ווען ער האָט געוואָלט זיין וואָכענדיגע שפּראַך בּעפּוצען מיט פליטערלעך, האָט ער אַריינגעבּראָכט לשון־קודש׳דיגע ווערטער. דער יודישער בּעל־הבּית האָט געשריבּען זיינע סוחר׳ישע בּריעף אויף אַ לשון־קודש, וואָס איז געווען אַ צוזאַמענגעוואַקסענע פערזעהעניש פון יודיש־דייטש און העבּרעאיש. די לערנער, די לומדים, די כּלי־קודש האָבּען זיך אויסגעאַרבּייט אַ בּית־מדרש־שפּראַך, אַ משנה־דיגע שפּראַך פון ספּעציאַליסטען־פּאַכלייט, אין וואו דער תּרגום־נמ׳א און משנה־לשון האָבּען געטאַנצט אַ קאַרעראָד אינאיינעם מיט עבֿרי־טייטש און תּחינות־שפּראַך.

צו יענער צייט האָט מען זיך ווייניג מצער געווען דערויף, וואָס דער יוד האַקסט אויס אָהן אַ שפּראַך. אמת, די משכּילים האָבּען בּנ־

טצט דעם בעגריף „אַנ׳אומה אָהן אַ לשון“. אָבער די דאָזיגע פראַזע האָט געהאַט בײַ זײ גאָר אַנ׳אַנדער טײַטש, וואָס הײַנט. דאָס האָט געהײסען, אַז דער יוד בלײַבט אָהן אַ לשון, ווען עס קומט איהם אויס צו האָבען צו טהאָן מיט אַ נישט-יודישער בעפֿעלקערונג. נישט צו אַנ׳אײגענער שפּראַך האָבען זײ דאַמאָלסט געשטרעבט, נאָר צו דער לאַנדס-שפּראַך, וועלכע איז אַזוי נויטיג דעם יודען אין פּשוט׳ן גשמיות׳דיגען לעבען, אום זיך צו קענען צונויפֿרעדען מיט דעם פֿאָלק, צווישען וועלכען ער לעבט.

ערשט אין די לעצטע 25 יאָהר, ווען עס האָט אָנגעהויבען שפּראָצען בײַ יודען אַ נאַציאָנאַלעס געפֿיהל, איז די שפּראַך-פֿראַגע געוואָרען בײַ אונז אַ ברענענדיגע פֿראַגע, אַנ׳אָפֿענער וואונד פֿון קראַנקען יודישען אָרגאַניזם. האָטש אַלע טעאָרעטיקער פֿון נאַציאָנאַליזמוס בײַ יודען האָבען זעהר קלוג בעוויזען, אַז אַ פֿאָלק אָהן אַ טעריטאָריע, אָהן אַ שפּראַך, אָהן וואָס עס איז פֿאַר אַנ׳אויטאָנאָמיע הערט נישט אויף צו זײַן אַ פֿאָלק, — פֿונדעסטוועגען האָט מען אינסטינקטיוו געפֿיהלט, אַז די עקזיסטענץ פֿון אַזאַ מין פֿאָלק — אַ מין פֿײַנקעלען אָהן פֿוטער און אײער — קען נישט האָבען לאַנג קײַן קיום. און צוגלײַך מיט דער שטרעבונג צו אַ טעריטאָריע האָט מען אָנגעהויבען בענקען נאָך אַנ׳אײגענער שפּראַך. און אַזוי ווי בײַ אונז אָרימע יודען איז שטענדיג דאָ אַזאַ מאָדנע עשירות, וואָס ס׳פֿערמאָגען נישט אַפֿילו די רײַכסטע נאַציאָנען — האָבען מיר פּלוצים ענטדעקט בײַ אונז צוויי שפּראַכען: יודיש און העברעאיש, אײנע — וואָס לעבט אין די ספֿרים, די צווייטע — אין מויל פֿון פֿאָלק. און באַלד האָבען זיך צווישען די יודישע נאַציאָנאַליסטען געבילדעט צוויי פּאַרטײען: העברעאיסטען און יודישיסטען.

ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס איז נאָך דער גאַנצער ערציהונג זײַנער ווײַט געווען פֿון די שפּראַכפֿאַנאַטיקער, האָט נישט-ווילענדיג געשפּיעלט אײנע פֿון די גרעסטע היסטאָרישע ראָלעס אין דעם דאָזיגען קאַמפּף. אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט בעשאַפֿען דורך זײַנע קינסטלערישע און פֿאָלקספּובליציסטישע ווערק אַ ליטעראַטור פֿאַר דעם אָרעמען יודיש, האָט ער איהם ממילא געגעבען אַ פֿעסטונג, הינטער וועלכע די יודישיסטען פֿערפֿאַנצערען זיך, ווען דער שטומער העברעער מיט זײַן שטאָלצער ליטעראַטור-שפּראַך פֿאַלט אָן אויף דעם לעבעדיגען

יודיש, וואָס איז נישט בכּח געווען צו שאַפֿען עפּעס אײביגעס, חאָטש אַ שטיקעל ליטעראַטור. דער יודישיסט פֿאָכט זיך דאַמאָלסט, ווי מיט אַ שטאַרקען כּלי-זיין, מיט ר׳ מענדעלי׳ס נאָמען, און טײטעלט מיט די פֿינגער אויף אַ „פֿישקע דעם קרומען“, אַ „ווינשפֿינגערל“, אַ מסעות בנימין השלישי“, אַ „ר׳ שלמה ר׳ חיים׳ס“, אַ „קליאַטשע“, וואָס זענען בײ איהם די סימבאָלען פֿון עכטע קונסטווערק, פֿון טײערע פֿאָלקס-פּובליציסטיק, פֿון אַ פּראַכטיגען הומאָר, פֿון אַ טיעפֿער סאַטירע, די סימבאָלען פֿון דעם יודישען גלות-לעבען נישט נאָר אין דער לעצטער צײט, נאָר אויך פֿון גלות-לעבען אין אַ משך פֿון הונדערטער יאָהרען-צײט דער גלות האָט אָנגענומען דעם פּנים און דעם הלוך פֿון דער פּויליש-ליטווישער וועלט און איהר נאַטור.

ר׳ מענדעלי, וואָס איז צײט די אַכציגער יאָהרען געוואָרען דער רעפֿאָרמאַטאָר פֿון דער העברעאישער פּראָזע-שפּראַך און האָט אַוועקגעלעגט אַזוי פֿיעל גאונ׳ישע כּחות אום זיך צוריקצוקעהרען צו דער שפּראַך, פֿון וועלכער ער האָט זיך מיט אַ דור פֿריהער מיט אַ כּין אָבגעווענדעט — איז נישט בכּח געווען אויסצומעקען די היסטאָרישע טהאַט-זאַכע, וואָס ער האָט אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל בעשאַפֿען. ער האָט דעם זשאַרגאָן דערהויבען צו אַ הויכער מדרגה, ער האָט פֿאַר איהם אויסגעאַרבײט אַ יחוס-בריעף פֿון אַ שפּראַך מיט אַלע רעכטען פֿון אַ נאַטירליכער, פֿאָלקסטימליכער שפּראַך. און אויך שפּעטער, ווען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט דורכגעפֿיהרט די רעפֿאָרם פֿון דער העברעאישער שפּראַך — האָט ער עס נור צו פֿערדאַנקען דער טהאַט-זאַכע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעפּאָרט דעם גײסט פֿון דער זשאַרגאָן-שפּראַך אינאײנעם מיט דעם גײסט פֿון משנה- און מדרש-לשון. אַזוי ווי דער גערטנער פֿערפֿלאַנצט אַ יונג צווײגעל אין שטאַם פֿון אַן׳עלטערען בוים, אום צו בעקומען דערנאָך פֿרישע שפּראָצונגען, אַזוי האָט אַבראַמאָוויטש פֿערפֿלאַנצט דעם יודישען גלות-גײסט אין אַלטען בוים פֿון משנה-גמרא- און מדרש-גײסט און בעקומען דאַדורך אַ נײע בעשעפֿעניש ווי אַ „בסתר רעם“ און אַזוי וו.

און ווען דער מאָדערנער העברעאיסט פֿיהרט אַ מלחמה מיט׳ן יודישיסטען, מוז ער נעבעך הערען די טענה, אַז ווען נישט דער יודיש, וואָס האָט זײן יונג בלוט איבערגעגאָסען אין אַלטען העברעאיש, וואָלט שוין לאַנג פֿון לעצטען קײן זכר נישט געווען אין געוועהנליכען

טעגליכען געברויך; אז נאר דעם קלאסיקער און שעפפער פון דער יודישער ליטעראטור, ש. י. אבראמאוויטש, וואס האט געהאפט דעם שטייגער פון זשארגאנישען גלות־יודען, וואס האט בענומען דעם גייסט פון פשוט׳ען, וואלענדיגען מאסען־יודען — האט דער היינטיגער העברעאיסט צו פערדאנקען, וואס יודישע קינדער לייענען אמאל א העברעאיש קינדער־זשורנאל, וואס דאס העברעאיש האט אויפגעהערט צו זיין א „לשון־קודש“, זונדערען א וואלענדיגע שפראך מיט דעם גייסט פון מארק, פון פאלק, פון דער מאסע, מיט דעם גייסט פון פעראכטעטען זשארגאן.

אום צו בעגרייפען די גרויסע איבערקערעניש, וואס ר׳ מענדעלי האט געמאכט מיט זיינע יודישע ביכער אין גייסט פון פאלק, לאמיר נעהמען די ווערטער פון ר׳ מענדעלי׳ן אליין, ווען ער שילדערט אונז א יודיש קינד, וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט אויף ריינעם לשון־קודש. „שלמה׳לע נאך א יונג קינד איז פערוואגעלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון און עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאפ ליגט איהם אין ים־סוף, אין דעם ים המלח, אין דעם טייך פרת, אין דעם ירדן. פאר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט וועלכע מען דארף ריידען לשון־קודש, עפעס גאר תרגים. מען זיצט ביי זיי אין די געצעלטען, מען רייט אויף מויל־אייזלען און קעמלען, מען טרינקט פון א „לאגעל“, מען געהט בארפיס און טראגט נאזבאנדען, אלצדינג ווי דער שטייגער איז. אונזער נאטור דא מיט איהרע געוועקס... געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אן. וואס מאכט איהם אויס פעלדער מיט תבואה — קארען, רעטשקע, קארטאפלעס, פון וואנען ער עסט א „קרופניק“ מיט ברויט אלע טאג? וואס ווייס ער א סאסנע, בערעזענע און דעמבענע ביימער? ער ווייס נאר ביי זיך אין הארצען: וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און אייל־בערטען, פיסטענהאלץ און באקסען־ביימער. פון לעבעדיגע מיני בע־שעפעניש ווייס ער ווילדשטיער, א לינדענווארם און א פיפערנאטער, א לעמפערט, א אינד, וואס טהוט טהאן געלוסטען אויף קוואלען וואסער, א שור־הבר און א טורקעל־טויב. הכלל, שלמה׳לע איז נאר א געבירטיגער דא און אליין איז ער עפעס ווי ניט קיין היגער, לעבט ערגעץ דארט, דארט... זיין צייט איז — פארצייטען, און זיין וועלט איז א יענע, וואס אמאל; דא איז ער א גר און דארט—

אַנ׳אַלטגעזועסענער; ער קומט אַהיים נאָר אויף אַ ווײַלע, ווי אַ גאַסט אויף דער סטאַנציע, עסט אָב, נעכטיגט איבער — און מאָרש אַהין, ווײַטער טאַקע אַהין״. (ז. שלמה ר׳ חיים׳ס ז. 39). אַדאַנק זײַן „פישקע׳ן״ און אַנדערע ווערק האָט ר׳ מענדעלי געמאַכט פון דעם נישט הײַנטיגען, פון דעם גר אַ קאַבצאַנסקען תושב, אַ רעאַלען מענשען, וואָס לעבט שוין נישט מער אויף אַנ׳עולם־התהו. דאַדורך וואָס ער האָט זיך בענוצט מיט דער שפּראַך פון לעבעדיגען כּלל, האָט ער ווי מיט אַ כּישוף פערטריבען די פּיפּערנאָטערס און לינדענוועטערס, די פאַנטאַסטישע, מטושטש׳ע בילדער, וואָס האָבען פאַר׳ן אויג פערשטעלט די לעבעדיגע רעאַלע וועלט. און שפּעטער, ווען צוליעב פערשיעדענע סבּות האָט ער רחמנות בעקומען אויפ׳ן לשון־קודש, וואָס צוליעב זײַן ראָמאַנטישען כאַראַקטער האָט ער אויפגעהערט צו זײַן אַ רעאַלע לעבענסקראַפט — האָט ער געזוכט ווי מעגליך אַרײַנצוברענגען אין איהם די העויות, דעם ריטמוס, דעם קנייטש פון פּראָסטען יודיש, האָט ער געפּרובט איהם געבען דעם לעבענס־פולס פון די הײַנטיגען יודען. דער לעזער, וואָס פערטיעפט זיך הײַנט אין אַ „בעמק הבכא״, (אַנ׳אויטאָריזירטע איבעראַרבײַטונג פון „ווינשפינגער׳ל״ אין העברע־איש), פיהלט שוין נישט דאָס, וואָס אַמאָל דער קליינער שלמה׳לע, ווען ער האָט נישט דערקענט אַ דערמבאָוון בוים, וואָס איז געוואַקסען נישט ווײַט פון זײַן הדר, און וואָס האָט געחלומ׳ט וועגען אַ „צעדער אין לבנון״, וואָס זײַן אויג האָט דאָס קיינמאָל נישט געזעהען און גאָר נישט געהאַט די מעגליכקייט צו זעהען.

זעלטען ווען אַ גאָטגעבענשטער טאַלענט האָט אַזוי בעוויזען די קראַפט פון פעראַכטעטען, געערדטען יודיש, ווי דער וואָס האָט יאָהרען לאַנג זיך אָבגעגעבען צו דערפרישען, בענייען און צו מאָדערניזירען דעם העבּרעאיש. קיין בעסערען בעוויז קען מען נישט ברענגען פאַר די לעבעדיגקייט און קראַפט פון דער פאָלקס־שפּראַך, ווי די טהאַטזאַכע, אַז מען מוז זיך גראָבען אין זײַן גייסט אום אָבצופרישען דעם אַלטען אָבגעלעבטען קערפּער פון דער אַריסטאָקראַטישער אַלטער העבּרעאישער שפּראַך.

מען דערצעהלט אַ מעשׂה, אַז אום צו ראַטעווען איינעם אַ פּויבסט פון אַלטער־שוואַכקייט, וואָס האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט׳ן טויט, האָבען אַ פּאָר פּראָסטע יונגע לײַט געלאָזען איבערגיסען זייער יונג

בלוט אין צוקנייטשטען אַלטען קערפּער פון זקן. פֿון דער אָפּעראַציע ווענן, פּעבעך, די יונגע לייט גיך אַוועק פון דער וועלט, ווערענד דער זקן איז אויפגעשטאַנען אַ געזונדטער, לעבעדיגער פֿון בעט. דאָס איינגע האָט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש געטהאָן מיט דעם אַלטען לשון־קודש. דער הלוק איז נאָר דער, וואָס דער יודיש איז נישט דאָס בלוט פון עטליכע יונגע לייט, זיין גייסט שטאַמט פֿון אַ גרויסען קבוץ און ער האָט אַ הונדערט־יאָהריגע היסטאָריע. די אָפּעראַציע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געמאַכט, פערזשאַרגאָנירענדיג דעם העבּרעאיש, האָט דעם יודיש נישט אָבגעשוואַכט. אַדרבה, ער האָט בולט בעוויזען, ווי נויטיג עס איז זיין קיום, האַמוט עס זאָל כמאַיען בלוט אויף ווייטערדיגע אָפּעראַציעס.

.III

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז מיט אַבראַמאָוויטש'ען הויבּט זיך אָן אין דער ליטעראַטור דאָס ר ע אַ ל ע פערהעלטעניס פֿון יודען צו זיך אַליין. אָדער רעדענדיג מיט ר' מענדעלע'ס ווערטער: דער נישט היגער יוד ווערט מיט אַמאָל אַ היגער. אין „מסעות בנימין השלישי" גיט אונז אַבראַמאָוויטש אַ הומאָרפולען בילד פֿון דער גייסטיגער ענגשאַפט פון יודישען לעבען אין מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט. בנימין און זיין חבר סענדערעל די יודענע — אַ מין דאָן קישאָט און סאַנהאַ־פּאַנחא — ווייזען אונז די צוויי געגענזעצע פון דאַמאָלסדיגען יודישען לעבען, דעם אידעאַליס־טישען און דעם פּראַקטישען. אוןביידע שטעלען זיך אַרויס פאַר אונז אין זייער פינסטערער בלינדער גייסטיגער בענרענצטקייט. אין „פישקע" און „ווינשפינגערל" ווייזט אונז ר' מענדעלע דעם יודען אין זיין גשמיות'דיגען און גייסטיגען לעבען. מיר זעהען דעם יודען ביי דער טאָרבע, ביי דער גרויסער יודישער טאָרבע, מיר זעהען איהם אין זיין קאַמפּף פאַר אַנ'אָרעמע שטיקעל היונה. און צו אונזער גרויסער פערוואונדערונג בעמערקען מיר, אַז אַליך, וואָס דער יוד טהוט אום זיך צו דערנעהרען, אַז זיין גאַנצעס מאַטעריעלעס לעבען איז אַזוי אָרעם, גייסטיג עלענד און טראָגט מעהר אויף זיך די סמנים פון אַ לעבען; אין דער אֶמת'ן איז דאָס אַ נאַרישער, בלינדער קאַמפּף מיט

די תאוות פון אַ מאָגען, וואָס איז „נישט גרעסער פון אַ כזית", וואָס איז אײַנגעשרומפּען פון נישט עסען. אַלע יודישע עסקים האָבען עפּעס אַ טעם, ווי די באַוועלנע ציצה, וואָס זעהט זיך אַרויס פון אַ יודענ'ס קאַפּטאַן. עס איז מעהר נישט ווי אַ זכר צו דעם אַמאָליגען תכלית. מיט די אַמאָליגע שעגע פּראַנזען פון אַ יודישען בגד האָט דאָס נישט מעהר צו טהאָן, חוץ דעם נאָמען ויינעם.

דאָס אייגענע איז מיט דער יודישער רוחניות, האָטש זי גיט אַ גרויסע לינדערונג דעם יודישען קביץ און בערוהיגט אָפּט דעם צעוועהטאָגטען ידען אין קלויז ביי אַ בלאַט גמרא, אָדער ביי אַ הזניש שטיקעל — דאָך האָט זי קיין שום שייכות נישט צו דעם לעבענדיגען קאָכענדיגען טאָג אַרום.

דאָס יודישע גייסטיגע לעבען איז אַזוי אָבגעריסען פון זיין מאַטעריעלען לעבען, ווי דאָס לעצטערע פון לעבען בכלל.

אין אַבראַמאָוויטש'עס וועלט איז דער יוד צוריסען אין מעהרערע שטיק און ער מאַלט אויף דעם בעאָבאַכטער דעם אייגענעם אַיינדרוק, ווי מאַנכע ריעזען-שלאַנגען, וואָס מען האָט אָבגעהאַקט דעם קאָפּ פון לייב: כיי דאָס לייב מאַלט קאָנוואולסיווע בעוועגונגען, סיי דער קאָפּ שטעקט אַרויס זיין צונג און האַפּט זיך ביסען מיט זיינע גיפטיגע ציינער. דער יוד אין קלויז איז נאָר אַ האַלבער יוד; אויפ'ן מאַרק איז נאָר דער לייב וויינער. און אין ערגעץ איז ער נישט קיין גאַנצער, און אומעטום איז דאָס נאָר אַ זכר פון אַ לעבעדיגע בעשעפעניש.

מיט אַבראַמאָוויטש'ען הויבט זיך אָן די גאַנצע פּעראַלטונג צו אַ קבוץ, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנקען, אַז דער אויבערשטער אַליין האָט זיי אויסדערוועהלט צווישען אַלע פעלקער, און וואָס איז אין דער אמת'ן דער ערגסטער עקזעמפּליאַר אונטער די פעלקער, וואָס לעבט שטענדיג אַ האַלבען לעבען, וואָס שלעפּט-נאָך נאָך זיך אַ טויטען גוף, און טראָגט אויף זיך אַ מוח פון אַ פער'חלומ'טען נישט היגען מענשען

אַ דאַנק ר' מענדעלי'ס רעאַליזם האָט דער יוד זיך דערפיהלט אַלס אַ בריה, וואָס איז דורך און דורך נישט צוגעפּאַסט צום לעבען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קלערערעס קריטישעס פערהעלטניס צו זיך אַליין, אַלס צו אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס פאָדערט נייע אידעאַלען אום אויפגעבויט צו ווערען.

שלום יעקב אַבראַמאָװיטש, װאָס איז אַ קינד פון דער השׂכלה־עפּאָכע, װעלכע האָט צוערשט אָנגעהױבען רעאַל צו דענקען, האָט טיעפער בעגומען די אידעען פון זײן עפּאָכע, אַלס אַלע אַנדערע פון זײנע צײט־חברים. אין דער צײט, װען די מײסטע פון דער עפּאָכע האָבען זיך נאָר בענוגענט מיט אַנ׳אױבערפלעכליכער קריטיק — האָט ער געגומען פאַנאַנדערצוגליעדערען דעם גרויסען יודישען קבוץ, די הױפּט־כּבה פון אַלע יודישע נישט־נאָרמאַליטעטען. און װען מיר װילען פעראײניגען די רינגען פון אונזער הײנטיגער צײט מיט דער צײט פון דער השׂכלה־עפּאָכע — מוזען מיר זיך צוערשט פעראײניגען מיט אַבראַמאָװיטש׳ען, װעלכער איז דער נאַטירליכער איבערגאַנג פון הײנט צום אַמאָל. און װען מען נעהמט אין בעטראַכט די הױפּט־מעלה פון ר׳ מענדעלע׳ס שאַפען, װאָס אין דער קרוין פון זײנע װערק־דענקמאָלער װערט אונז דאָס אַ סך קלערער.

די הױפּט־מעלה פון אַבראַמאָװיטש׳ען בעשטעהט אין דער פאַנטאַזיע צו זעהען אין איטליכען פרט דעם כּלל, און אײנצעלנעם דאָס אַל־געמײנע און אַזױ דאָס קונציג צו מאָלען, אַז אויס יעדען פרט שײנט אַרויס דער כּלל. און דאָס קאָנען נאָר די, װאָס זעהען דאָס לעבען סינטעטיש, בײ װעמען דער שטראָם פון מענשליכען קיום צופאַלט נישט אין אײנצעלנע טראָפּענס. נור די נשמה, װאָס טובל׳ט זיך אין אַ ברײטערען לעבען, װי דאָס אײגענע פּערזענליכע, װאָס זעהט די װעלט נישט דורך די שפּאַקולען פון אײגענעם ענג־עגאָאיסטישען בליק, איז בכּח צו זעהען און צו פיהלען שטענדיג דעם גרויסען כּלל. די אַלגעמײנע נשמה פון אַ קבוץ. און בײ װעניגען פאַר און נאָך אַבראַמאָװיטש׳ען געפינען מיר אַזאַ ברײטען סינטעטישען קוק אױפ׳ן יודישען לעבען.

.IV

צײט ש. י. אַבראַמאָװיטש האָט אָנגעהױבען שאַפען, זענען אַװעק 50 יאָהר. און האָטש דאָס יודישע לעבען האָט זיך אין דער צײט געענדיגט אַ ביסעל, דעננאָך האָט עס נישט בעװיזען אינגאַנצען אויסצומעקען די גרונדציגע פון יודישען לעבען. נאָך עד היום זעהען מיר פאַר זיך די װ אָ כ ע נ ד י ג ע ק ד ו ש ה אין יודענ׳ס לעבען, װי ר׳ מענדעלע האָט אונז עס געשילדערט אין זײנע פערשיעדענע

ווערק, ד. ה. דער געגענזאַץ פון נייסטיגען און מאַטעריעלען לעבען אין אונז און דער כּח זיי צוזאַמענצומישען, אָבער זיי נישט צו פעראייניגען. נישט אויכגעמעקט איז נאָך פון דער צייט די גרימאַסע, די העוויות פון דער יודישער גאַס, ווי ס'האָט זיי געזעהען ר' מענדעלע אויף די יריד'ען און אויף יודישע אַסיפות און אַז. וו. שלום-עליכם, וואָס רופט זיך אַליין אָן „דער ליטעראַרישער איניקעל פון ר' מענדעלי", האָט 25 יאָהר נאָכאַנאַנד — ווייטער ענטוויקעלט און פערברייטערט דאָס בילד, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט איהם אָנגעצייכענט. מנחם-מענדעל פון יהופּיץ, וואָס איז אַזוי נאָהענט צו אונזער צייט, איז אַ לייבליכער קרוב סיי פון ר' אַלטער'ן, סיי פון פישקען, סיי אַפילו פון ר' מענדעלען אַליין. אין די קליינע שטעדטלעך, אַפילו אין אַ „שטעדטעל" פון אַש, לעבען נאָך היינט די אייגענע געמיטה'כע-שטימונגען, וואָס אַמאָל אין קאַבצאַנסק. אַלס בעסטער בעוויז קען דיענען טאַקע „דאָס שטעדטעל" פון אַ ש, וואו מאַנכע ימים-נוראים-מאָטיוון זענען מיט אַנדערע ווערטער נאָר איבערגע'חזר'ט געוואָרען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט שוין געשילדערט אין זיין „ווינשפינגערל".

ר' מענדעלי, נישט קוקענדיג אויף די 50 יאָהר, איז איינגעדרונגען אין אונזער נייעסטער ליטעראַטור אומעטום, זיין איינפלוס, זיינע שפּורען געפינען מיר ביי די עלטערע, ווי ביי די יונגסטע פון די יונגסטע. מען דאַרף נישט זיין קיין טיעפער קענער, אום דאָס צו האַפּען אויפ'ן ערשטען בליק. נאָך עד היום לעבען אונזערע יונגע מיט דעם פּסיהאָלאָגישען סינטעז, וואָס ר' מענדעלי האָט זיך געמאַכט מכּח דער יודישער מאַסע. און אַזוי ווי דאָס נייע לעבען האָט נאָך נישט בעשאַפען, נאָך דער אַלגעמיינער צוריסענקייט, אַ נייעם כּלל'ישען יודישען פּנים, האָבען מיר דערווייל קיין אַנדער סינטעז, הוץ דעם, וואָס עס האָט אונז געגעבען אַבראַמאָוויטש.

דאָס אַלץ איז נויטיג צו דערמאָנען דעם לעזער, ווען ער געהט צו צו דער יובילעאום-אויסגאַבע פון ר' מענדעלי'ן. וואָס טיעפער ער וועט שטודירען די נייע אויסגעבעסערטע און פאָלשטענדיגע אויסגאַבע, אַלץ טיעפער וועט ער דערפיהלען, דאָס אַבראַמאָוויטש, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער שרייבט שוין 2 דורות, איז איינער פון די, וואָס שטעהען אונז אַם נאָהענסטען פון אַלע יונגע. היל מען

בּעקומען אַ טיעפערען בּעגריעף פון יודישען קבוץ, מוז מען געהן
צו די וואורצלען פון יעדען קבוץ. און ערגעץ זענען אָבּער די וואָרצלען
נישט אַזוי נאַקעט אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע בּליקען, ווי אין
די ווערק פון אַבּראַמאָוויטש.

אין ים פון יודישען לעבּען איז ר' מענדעלי די העכּסטע פיגור.
ווילען מיר מעסטען די ווייטקייט אונזערע, קוקען מיר זיך איין אויף
איהם. ווילען מיר וויסען, ווי ווייט מיר זענען געגאַנגען פאָראויס,
וואַרפען מיר אונזער בּליק אויפ'ן „ויידען", און ווילען מיר גענויער בּע-
גרייפען דעם פּנים פון היינטיגען יודישען לעבּען, קוקען מיר זיך גענ-
צו צו די העויות פון ר' מענדעלי'ן.

און בּעת אַנדערע האָבּען שוין מיטעלערע ווערען פערגאָסען,
שטעהט ער נאָך אַלץ אַ קאָפּ העכּער פאַר אַלע זיינע יאָהר-חבֿרים אין
טאַלענט, ער איז דער שפּיץ טהורם. נאָך ווערכען מיר מעסטען די
מיילען פון אונזער גלות-רייזע. נישט איטליכען איז בּעשטימט צו
זיין אַ מאַסשטאַבּ פאַר די ווייטערע ענטוויקלונג פון אַ פאָלק.

פאַר דעם טיעפערען לעזער איז שלום יעקבֿ אַבּראַמאָוויטש אונ-
זער זיכערסטער מאַסשטאַבּ.

מעמוארען־ליטעראַטור.

I

ווען פּריוואַטע מענשען צייכענען אויף פּאַפּיר זייערע לעבענס־ערינערונגען און גיבען דאָס אַליין אַרויס, אָדער עס ווערט אַרויסגעגעבען דורך זייערע יורשים — זאַמעלט זיך מיט דער צייט בּײַ אַ פֿאָלק אַ ליטעראַטור, וואָס טראָגט אויף זיך דעם אויבענדערמאָהנטען נאָמען.

ביז פֿאַר 150 יאָהר צוריק איז געווען די דאָזיגע ליטעראַטור זעהר אָרים בּײַ אַלע פֿעלקער. מענשען האָבּען נאָך ניט פֿערשטאַנען, ווי וויכטיג דאָס איז פֿאַר דעם קומענדיגען דור צו לייענען די פּראָסטע, אמת׳ע נאַאיווע לעבּענס־בּעשרײַבּונגען פֿון זייערע עלטערן און זיידעס. ערשט פֿאַר הונדערט יאָהר צוריק האָט מען אָנגעהויבּען צו שעצען זייער גרויסע ווערדע, ערשט דעמאָלט, ווען עס האָבּען זיך בּכלל גענומען געוואַלטיג ענטוויקלען די היסטאָרישע וויסענשאַפטען, האָט מען אָנגעהויבּען צו פֿערשטעהן, ווי וויכטיג, ווי טײַער עס איז אַזאַ ליטעראַטור פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס האַלט זיך אין איין ענטוויקלען, אין איין פֿאָרווערטס־מאַרש.

אַם מייסטען צייכענען זיך אויס מיט אַזאַ ליטעראַטור איצט די ענגלענדער, דאָס עלטעסטע פֿון די געבּילדעטע אייראָפּעאישע פֿעלקער, דערנאָך — די פֿראַנצויזען, און צולעצט — די דײַטשען. אויך בּײַ די רוסען פֿעהלט נישט אַזאַ ליטעראַטור, חאָטש זי קאָן זיך נישט פֿערגלײַכען אין רײַכקײַט מיט אַנדערע פֿעלקער.

בּײַ אונז, יודען, איז די דאָזיגע ליטעראַטור כּמעט נישט פֿאַרהאַן; מען דאַרף שוין זיך בּעגנוגענען מיט קליינע מאמרים׳לעך און אָבּגעריסענע נאָטיצען, אויבּ מען וויל געפֿינען בּײַ אונז אַ סימן דערפֿון.

ס'איז אַ מערקווירדיגע זאַך! גראָד דאָס עלטעסטע געבילדעטע פאָלק אויף דער וועלט, וואָס האָט דורכגעלעבט אַזוינע געוואַלטיגע שנויים אין די יאָהרהונדערטען, גראָד מיר, וואָס האָבען שוין געהאַט אין יהודה הלוי'ס צייטען אַזאַ פיינעם הויש פאַר דער היסטאָריע, גראָד מיר, וואָס האָבען צווישען אונזערע ערשטע ביכער אָבגעגעבען אַזאַ גרויסען פלאַץ דער געשיכטע און האָבען שוין העכער אַ פּאָר טויזענד יאָהר אַ „דברי הימים" — פערמאָגען נישט דאָס, וואָס עס פערמאָגען יונגערע און וועניגער געבילדעטע פעלקער, ווי מיר.

און ווען מען בעדענקט, אַז דאָס מזל האָט אונז אַזוי געדרודפ'ט, דאָס מיר האָבען אין משך פון אונזער לאַנגען לעבען פערלאָרען אַזוי פיעל „דברי הימים'ס", וואָס ווערען דערמאָהנט אין תנ"ך — דוכט זיך אַמאָל אויס, אַז אַ בייזער שר געוועלטיגט איבער אונזערע זכרונות, און וויל מיט אַלע מיטלען זיי אויסצוראָטען פון די קינדס-קינדער'ס לעזער-בליקען.

אין משך פון די יאָהר-טויזענדער האָט זיך געביטען דער יוד אין זיין אויסערער הלבשה, אין זיין אויסערער לעבענס-אַרט, אין זיינע מנהגים, אין זיין שפּראַך, אין זיינע לעבענס-פּלענער, אין זיין הלוך און לעבענס-הדרכות אפשר צעהנדליגער-צעהנדליגער מאָל. און אין ערגיץ געפינען מיר נישט קיין זכר דערפון אין דער ליטעראַטור, וואָס איז הויפּטזעכליך דערצו בעשאַפען. דען די מעמואַרען-ליטעראַטור בעשעפטיגט זיך געוועהנליך נישט מיט גאַנצע עפּאָכען און מיט ווייַטלויפיגע דמיונות. איהר אויפגאַבע איז צו פּראָטאָקאָלירען רוהיג, וואָהרהאַפטיג און געטריַי די געוועהנליכע לעבענס-עפּיזאָדען פון געוועהנליכען מענשען אין זייַן געוועהנליכען פּראָזאַאישען לעבען. זי גיט זיך אָב גור דערמיט, וואָס זי ווייַזט אונז דאָס מאָלעקולאַרע, שטילפליסענדע לעבען פון אַ געוועהנליכען בשר ודם אין אַ געוויסער עפּאָכע. זי אינטערעסירט זיך מיט יעדער קלייניגקייַט, הן בנוגע צו דעם אַרט וואוינען, עסען, קליידונג, הן צו די אַלע טאָג-טעגליכע מניעות, וואָס קומען פאָר אין אַ געוועהנליכען פאַמיליען-לעבען אין אַ משך פון די 60—70 יאָהר, וואָס אַ מענש טראָגט אויף זיך די לעבענס-לאַסט. זי ווייַזט אונז פשוט, אָהן קונ-

צען, די אַטמאָספערע, וואו עס האָבען געטעמט טויזענדער־טויזענדער מענשען אין אַ געוויסער עפּאָכע. דער שרייבער פון אַזאַ בוך ווייסט אַליין נישט, וויפיעל וואַרימקייט און לעבעדיגקייט ער גיסט אַריין אין קאָפּ פון וויסענשאַפטליכען היסטאָריקער, וואָס פּרובט אַרומנעהמען גאַנצע דורות. ער גיט איהם אַזאַ טייערן מאַטעריאַל, וואָס איז קוים צו פערגלייכען מיט די שטיינערנע און געמאָלטע פּאָרטרעטען, וואָס הענגען און שטעהען אין די מוזעאומס און וואָס בעלעבען אַזוי די גרויסע געשיכטס־ווערק. איין זייטעל פון שאַצקעס „ערב פאַר פסח“ אין ערשטען קאַפּיטעל, וואו ער מאָלט, לויט זיינע זכרונות, אַ יודיש הויז מיט אַלע זיינע כלים און דערבייאיגע צודאַטען אין די 60—50־ער יאָהרען — גיט אַ גרעסערע פאָרשטעלונג פון אינעווייניגסטע יודישען לעבען, ווי צעהן פיינע גלאַטע מאמרים מיט ציפער און פערשיעדענע סברות וועגען דער יודישער קולטור אין דערזעלבער צייט.

דאָס בוך „שלמה רב חיים׳ס“, אַזאַ מין מעמואַרען־ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, איז פיעל טייערער פאַר דעם היסטאָריקער און דעם דענקענדיגען לעזער, ווי מאַנכע גרויסע פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען מכח דער יודישער ראַסע און די טבע פון זיין גוע.
דאָס נישט־געענדיגטע בוך פון מרדכי אהרן גינזבורג׳ס זכרונות איז פאַר יעדען, וואָס אינטערעסירט זיך מיט זיין צייט, אום געניער צו בעגרייפען די היינטיגע צייט, איינס פון די טייערסטע ווערק פאַר אונז, און מיט עגמת נפש לעגען מיר אַוועק דאָס ביכעל, וואָס איז נישט דערגאַנגען ביז צום סוף. אייגענע לעבענס־ערינערונגען, זעלבסט־ביאָגראַפיען, די אויסערע בעשרייבונג פון אַ געוויסער סביבה, וואו אַ מענש האָט פערבראַכט זיינע יאָהרען, פערזענליכע איינדריקע פון בעגעגענישען מיט בעוואוסטע מענשען, מיט די גדולי הדור, ערצעהלונגען, פערזענליך דורכגעלעבטע, וועגען צרות הרבים, וואו דער ערצעהלער, אַלס יחיד האָט דורכגעלעבט דאָס אייגענע אומגליק, די דאגות און עינויים ביי זוכענישען פון אַ פרנסה און דעם צער גדול בנים — קורץ, אַלץ, וואָס איז שייך צו אַ לעבען פון אַ מענשען, פון אַ עהרליכען, וואָהרהאַפטיגען מיטעלן מענשען, וואָס פיהלט זיך אינ־

סטינקטיוו אַלס גליעד פון אַ גרויסען קבוץ — האָט אַ גרויסען אונשעצבאַרען ווערטה, פאַרוואָס דער געלעהרטער היסטאָריקער קאָן זיך נישט געגוג אָבדאַנקען.

אודאי, זענען דאָ טעמים, פאַרוואָס דער יוד האָט קיינמאָל נישט געמאַכט אַזעלכע אויפצייכנונגען פון זיין געוועהנליכען, פשוט'ן לעבען, ווי קינדער פון אַנדערע פעלקער. ערשטענס, איז זיין לאַגע קיינמאָל נישט געווען אַזוי פעסט, אַז ער זאָל זיך זעצען אין מנוחה און נעהמען פערצייכענען אויף דער עלטער די שיק־זאַלען פון זיין לעבען. ביז די גראָהע האָהר, ביז צום סאַמען טויט דאַרט איהם דער מח ווענען אַ זיכער'ער פרנסה, און נאָך ביי דער גסיסה ליעגען איהם אין קאָפּ די דאגות חיונה.

שטענדיג, ווען איך קלער וועגען דעם, מוז איך זיך נישט ווי־לענדיג דערמאָהנען אָן דעם זקן ברוך דעם קרעמער, וואָס איז קרוב צו אַ יאָהר 90 שטאַרק קראַנק געוואָרען, בעקומען אַ לעה־מונג און געהאַלטען ביים שטאַרבען. ווען איך בין צו איהם אַריינגעקומען מבקר חולה זיין און האָב איהם געפרעגט, וואָס ער מאַכט? — האָט ער מיט אַ שוואַכען קול און אַ זיפץ גע־ענטפערט: „נישטאָ קיין פרנסה... דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. די צייטען זענען שטאַרק געשלאָגען“... דער יוד האָט נאָך אויף דער עלטער נישט דערלעבט צו דער אינגע־חייניגסטער רוה פון אַ נשמה, וואָס פערלאַנגט שוין גאָרנישט פון דער וועלט און באָדט נור זיינע רעיונות אין די ערינערונגען פון דער פערגאַנגענהייט.

נור דאָס איז נישט דער איינציגער טעם. צווישען מיליאָנען פער־זאָרגטע יודען וועט איהר גאָך געפינען אַזוינע, וואָס האָבען די איינענע רוהיגע נשמה פון זקנים, וואָס פערלאַנגען שוין גאָר־נישט און לעבען נור מיט די ערינערונגען זייערע

דער יוד איז אָבער בטבע אויף דער עלטער, ווי אויך אין די מיי־טעלע יאָהרען, אַ מין קהלת, וואָס טענה'ט: „אין כל חדש תחת השמש“; ער האָט ווענינ בושה פאַר די אויסערע פאָרמען פון אַ לעבען, וואָס בייט זיך מיט די יאָהרען. איהם אינטערעסירט מעהר דער תוך און, לויט זיין פילאָזאָפיע, בייט זיך נישט דער תוך פון אַ מענשליך לעבען, נאָר די אויסערע פאָרמען זיינע.

ער האָט קיין חוש נישט פֿאַר די חצוניות פֿון אַ מענשליכֿן קיום און וויל נאָך נישט צוגעבן, ווי דאָס טענה'ט די הײַנטיגע וויסענשאַפֿט, אַז אויך די אויסערליכקײַטן ווערן צו אינערליכקײַטן, אַז דער וואוקס פֿון אַ קינד אין מוטער־לײַב הענגט נישט נור אָב פֿון די גע'ירש'ענטע אייגענשאַפֿטען, וואָס ליגען אין דער זרע, נאָר אויך פֿון דעם, וואָס ס'עסט און טרינקט די שוואַנגערע מאַמע.

דריטענס, ליגט נאָך טיף אין בלוט פֿון פּשוט'ן יודען, אַז די וועלט איז גאָרנישט, און אַז דאָרטען, יענע וועלט, איז די אמת'ע וועלט. עס שפּיעלען בײַ איהם אַ צו קליינע ראָליע די פֿריידען און פּײַן, די הנאות און ליידען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען; ער האָט בכלל ווייניג בושה פֿאַר אַ לעבען פֿון אַ פּשוט'ן בשר ודם, וואָס לערנט נישט קיין תורה, אָדער וואָס גראָבט זיך נישט אין די וויסענשאַפֿטען. ער האָט ווייניג אָפּשײַ פֿאַר זיך אַליין, צו זײַן אייגענער פּשטות, צו זײַן אייגענעם לעבענס־שטראָם, וואָס איז דער שטראָם פֿון מיליאָנען זײַנס־גלײַכֿען.

אַלע די טעמים ברענגען דערצו, אַז די מעמואַרען־ליטעראַטור שטעהט בײַ אונז זעהר נידעריג, נידעריגער ווי עס האָט געדאַרפֿט זײַן.

II

וועלכֿע פּרובען האָט מען געמאַכֿט, אום צו שאַפֿען אַזאַ מין ליטעראַטור? זעהר ווייניג. כמעט איין איינציגען. איך מיין דער־מיט די זאַמעל־ביכֿער „פּערעזשיטאָיע“, וואָס זענען אין פּעטערבורג די לעצטע יאָהרען אַרויסגעגעבען געוואָרען פֿון אייניגע געבילדעטע היסטאָריקער מיט דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פֿון „פֿרײַנד“ ה' שאול גינזבורג אָן דער שפּיץ. חאָטש צוגלײַך מיט דער אונטערנעהמונג עקזיסטירט אויך אַנ'אויסגאַבע פֿון דער יודישער היסטאָרישער געזעלשאַפֿט, וועלכֿע בעשעפֿטיגט זיך ספּעציעל מיט דער יודישער געשיכֿטע אין רוסלאַנד, דאָך האָבען די דאָזיגע אויסגאַבען אַ מעהר ספּעציעל־היסטאָרישען חאַראַקטער און אינטערעסירען זיך ווייניג מיט דער שאַפֿונג פֿון אַ מעמואַרען־ליטעראַטור. דאַגעגען הער רעדאַקטאָר פֿון „פּערעזשיטאָיע“

האט אין זיין אויפרוף צו די לעזער שטארק מטעים געווען די וויכטיגקייט פון מעמוארען, און דערמיט ממילא דערוועקט דעם חשק ביים לעזער צו געבען דורך זיינע אייגענע אויפגעצייכענטע לעבענס-ערינערונגען די בוי-שטיינער פאר א יודישער געשיכטע אין רוסלאנד.

האבען די רעדאקטארען פון „פערעזשיטאיע" פערשטאנען די אויפגאבע זייערע, אבער האבען, ליידער, נישט פערשטאנען, ווי צו מאכען דערפון א ממשות'דיגע זאך. שוין דאס אליין, וואס זיי האבען די זאמעל-ביכער ארויסגעגעבען אויף רוסיש, בעווייזט, וואס פאר א קרומען דרך זיי האבען זיך גענומען: ווילען בעשאפען א מעמוארען-ליטעראטור, און צוגלייך זיך אבקעהרען פון דער שפראך, אויף וועלכער עס רעדט און טראכט דער גרעסטער טייל פון פאלק. דאדורך, וואס זיי האבען גענומען רוסיש פאר זייער מעמוארען-שפראך, האבען זיי בעשאפען אזא מין בעשעפעניש, וואס, חוץ א געלעכטער, קאן דאס נישט ארויסרופען קיין שום טיעפערן אינטערעס. גראד דאס, וואס איז אין אזא ליטעראטור דאס טייערסטע: די טרייקייט, וואהרהאפטיגקייט, די תמימות און דאס פערזונקען זיין אין תהום פון די אייגענע ערינערונגען אהן שום כונות עמיצען צו געפעלען, פאר עמיצען צו מאכען חנד'לעך — גראד דאס פעהלט אין די יודישע מעמוארען פון אונזערע זקנים, ווען זיי הויבען אן שרייבען רוסיש. איך וויל נור ברייגען איין ביישפיעל.

דער אלטער געשעצטער פאפערנא דערצעהלט אין זיינע מעמוארען וועגען нити-видѣнія (ציצית), ремни-филактеріи (תפילין). און בעת מעשה האב איך א קלער געטהון: פארוואס געברויכט ער נישט דעם אמת'ן ווארט „ציצית", אדער „תפילין", אנשטאט אזוינע ווערטער, וואס קיין רוס אויף דער וועלט פערשטעהט דאס נישט, וואס איז נאך דעם גייסט פון דער רוסישער שפראך (нити-видѣнія) אזוי האמעטנע און אומגעלומפערט? און איך האב זיך פארגעשטעלט א תלמיד פון דעם אלטען ראבינער-סעמינאריום, וואס, ווי א פארצייטיגער ניקאלאיעווסקער „דיאדקע" מיט זיין יונ'ישער דיסציפלין, לעבט ער נור מיט זיין גראמאטיקע קירפיטשניקאוו, און וואס דאס וויכטיגסטע איז ביי איהם, ווען ער

שרײַבט זײַנע זכרונות אויף רוסיש, — נישט צו מאַכן, חלילה, אַ גראַמאַטיקאַלישען גרײַז און זיך פֿײַן אויסצוקירעווען אויף דער רוסישער שפּראַך. דער אייגענער פּאַפּערנאָ, ווען ער שרײַבט יודיש, אָדער העבּרעאיש, איז גאָר אַנ׳אַנדער מענש. שרײַבט ער אָבער רוסיש, ווערט ער גאָרנישט צו דערקענען, — אַזוי קאָמיש איז ער.

אויסערדעם, האָט „פּערעזשיטאָיע" זיך באַלד אַזוי אַוועקגעשטעלט, צוליעב דער רוסישער שפּראַך (וואָס אָהן דעם קאָנען זיך נישט בעגעהן אונזערע מאָטעלער-פּעטערבורגער אינטעליגענטען), אַז זיי האָבען נישט געקאָנט וועקען צו זיך קיין אינטערעס בײַ די גרויסע מאַסען פֿון דעם עולם זקנים, וואָס נעהמען אַזוינע ביכער נישט אַרײַן אין די הענד, ווײַל זיי פֿערשטעהען דאָס נישט. די בעלעבער פֿון אַ מעמוארען-ליטעראַטור האָבען זיך אָבגעריסען גראָד פֿון דעם יעניגען עולם, וואָס טראָגט אין זײַן בוזעם די וויכטיגסטע ערינערונגען. זיי האָבען באַלד געמאַכט אַ מחיצה צווישען אַ מענשען, וואָס האָט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (און ממילא איז ער דאָך שוין לײַטישער, אינטעליגענטער, ווי אַ תּחום-יוד!), און כּלל-ישראל. די אַרויסגעבער פֿון „פּערעזשיטאָיע" האָבען דוקא פֿערגעסען דעם פּשוט׳ן פֿאַקט, וואָס איטליכער סטודענט פֿון דער געשיכטע ווייסט דאָס אויסגעצייכענט, אַז די מעמוארען-שרײַבער זענען צושפּרייט אין דער גרויסער מאַסע פֿון פֿאָלק, ווי ראַדיום-קערענדלעך אין די מינעראַלען, אַז וואָס גרעסער מען שפּרייט אויס די נעץ, אַלץ עפּטער קאָן מען פֿאַנגען אַ רעכטען פֿיש. זיי דאַגעגען האָבען גענומען אַ קליין ווענדטקעלע און האָבען זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ שטעהענדיגען זומפּעלע און האָבען זיך מכין געווען האַפּען אין אַנ׳אָבגעשטאַנענעם האַלב-טויטען וואַסער׳ל אַ העכטעל. און ס׳איז קײַן תּאונדער נישט, אַז זיי האָבען אָנשטאָט פֿיש געכאַפּט — פּױיקעס.

———

דער פּרוּב פֿון אונזערע פּעטערבורגער אינטעליגענטען, הייסט עס, איז נישט געלונגען. דעם גאַנצען געוויש, וואָס ס׳איז געוואָרען אַרום זייער אונטערנעהמונג, האָבען די תּחום-יודען נישט דערהערט.

זוי וואָלט דאָס אַנדערש געוואָרען, ווען די אייגענע מענשען וואָלטען זייער אויפֿגאַבע געפּרובֿט גיבען אַ ריין־פֿאָלקסטימליכֿע ווענדונג, ווען זיי וואָלטען זייערע זאַמעל־ביכֿער אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אויף יודיש!

מיינט נישט, אַז די אייגענע קולטורעלע חבֿרות, וואָס האָבען געשטיצט „פּערעזשיטאָיע“, וואָלטען זיך אָבגעזאָגט צו שטיצען די אייגענע זאַך, ווען זי וואָלט געווען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יודיש. דאָס, וואָס קאָן נוצען ברייגען דער צוקינפֿטיגער היסטאָרישער וויסענשאַפֿט — ווייסט נישט פֿון קיין שפּראַכֿען־פֿראַגע. די וויסענשאַפֿט איז אַזוי פּונקט אַזוי פּראַקטיש, ווי דער סוחר. די הויפּט־זאַך איז דער ריוח, נישט די שמועסען מכּח „דער גלייכֿבערעכֿטיגונג פֿון די דריי יודישע שפּראַכֿען“, מיט וואָס אונזערע מאָטעלער־פּעטערבורגער יודען מאַכֿען פֿול די דיסקוטיר־אָווענדען אין זייערע חבֿרות.

האָבען דאָך די אייגענע קולטור־חבֿרות אין פּעטערבורג גיגעבען געלד אויף אַרויסצוגעבען אין יודיש די יודישע פֿאָלקס־לידער? און צי איז שוין אַזוי גרויס דער חלוק פֿון מעמואַרען און פֿאָלקס־לידער? אודאי, דערגרייכֿען נישט אַלע מעמואַרען, וואָס אָנבעלאַנגט ריינקייט, וואָרהאַפֿטיגקייט און תּמימות צו דער מדרגה פֿון אַ פֿאָלקס־ליעד, אָבער איינ׳גע פֿון זיי זענען נישט ווייט פֿון דער דאָזיגער מדרגה. און אויך נישט אַלע פֿאָלקס־לידער זענען ריינע פֿאָלקס־לידער. אַ סך פֿון זיי, וואָס די ה״ה פּ. מאַרעק און ש. גינזבורג האָבען געזאַמעלט און פֿאַר וועלכֿע מיר זענען זיי אַזוי דאַנקבאַר, זענען גיכֿער גאַסען־לידער, וואָס האָבען אַ קלענערן ווערטה פֿאַר דעם פֿאָלקלאָריסט, ווי אמת׳ע פֿאָלקס־לידער. בקצור, איך שטעל זיך נישט פֿאָר אַזאַ יודישע קולטור־חבֿרה, וואָס וואָלט נישט געשטיצט די אייגענע אויסגאַבע אין יודיש, ווי אין רוסיש. אפֿשר וואָלט אַוועק דערויף אַ פּאָר אָווענדען אין ויכּוחים, אָבער די עקשנות פֿון די פֿערבלענדטע אינטעליגענטען וואָלט נישט שווער געווען צו ברעכֿען.

און ווען איך שרייב די דאָזיגע ווערטער, האָב איך נאָך אַליין נישט פֿערלוירען די האָפֿנונג, אַז דער „פּערעזשיטאָיע“ אין רוסיש וועט נאָך ערשיינען אין דעם לבֿוש פֿון פֿאָלקסטימליכֿען

יודיש; און טאַקע אונטער דער השגחה פֿון דעם אייגענעם ה׳ שאול גינזבורג, וואָס האָט אַזוי פֿיל אמת׳ע ליעבע צו דער יודישער געשיכטע אין רוסלאַנד, צו די קלענסטע לעבענס-מנהגים און צום יודישען פֿאָלקס-געזאַנג.

בינו לבינו, איז נאָך גאָרנישט געטהון געוואָרען, כּדי צו ענט-וויקלען די מעמואַרען-ליטעראַטור בײַ אונז.

צום שלוס פֿון קאַפּיטעל מוז איך נאָך דערמאָהנען דאָס נישט-לאַנג ערשיענענע בוך „מעמואַרען פֿון אַ גראָסמוטער", פֿון פּרוי-ווענגעראָוו, אין דײַטשען. אויך דאָס בוך האָט די פֿעהלערן, וואָס מיר געפֿינען בײַ די מיטאַרבײַטער פֿון „פּערעזשיטאָיע", ווײַל זיי האָבען אויסגעקליבען פֿאַר זיך זייער נישט-נאַטירליכע שפּראַך. פּרוי ווענגעראָוו קאָן נעביך נישט קײַן דײַטש. איהרע מעמואַרען, ווײַל עס האָט זיי געפֿעהלט די נויטיגע תמימות, זע-נען פֿון איהר דיקטירט געוואָרען אויף האַלב דײַטשמערײַש און אַ מהנה סטודענטען און סטודענטקעס, ווי איך ווייס, האָבען „גע-פֿראַוועט" די שפּראַך, עס זאָל אַרויסקומען הויך-דײַטש, האָטש דערפֿון זענען די זכרונות נישט אַלע מאָל אַרויס מיט גאַנצע אבֿרים. די אַלטיטשקע, וואָס האָט נאָך געקענט ליליענטאַל׳ן, האָט נישט געפּאַסט צו זײַן אַזוי פּראָסט, נאַאיוו און האָרהאַפֿ-טיג ווי אַ „גליקעל פֿון האַמעלען" אין זיבּעצעהנטען יאָהרהונדערט, בײַ וועמען עס פֿלעגען פֿערקערען פֿירסטען און גרויסע לייט. און וואָס האָט זיך נישט געשעמט צו שרײַבען דעם דעמאָלדיגען פּראָסטען מאַמע-לשון.

III

וואָס פֿאָדערט זיך פֿון אַ מענשען, וואָס פֿערצייכענט זײַנע לעבענס-ערינערונגען, דערמיט, אַז דאָס פֿערצייכענטע זאָל האָבען אַ ווערדע פֿאַר דעם געבילדעטען לעזער, ווי פֿאַר דעם וויסענשאַפֿטליכען היסטאָריקער? צי דאַרף מען דערצו האָבען אַ ספּעציעלע פֿאָרבערײַ-טונג, וואָס מען בעקומט דאָס נור אין די שולען און אוני-ווערזיטעטען? צי פֿאָדערט זיך דערצו אַ גרעסערע בעלעזענהײַט אין דעם דאָזיגען מין ליטעראַטור, ווי בכלל אין דעם פֿאַך, וואָס האָט אַ געוויסע שייכות צו דער היסטאָריע פֿון איינצעלנע מענ-שען, ווי, למשל, היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיעס, ביאָגראַפֿיעס, טאַ-

גע־בּילֿער פֿון גרויסע מענשען א. ד. גל.? ענדליך צי געהערט דערצו אַ געוויסע ליטעראַרישע בּילדונג, אָדער, וועניגסטענס, צי דאַרף מען האָבּען דערצו געוויסע ליטעראַרישע פֿעהיגקייטען?
אַודאי. שאַדט נישט, ווען אַ מענש, וואָס נעהמט שרייבּען זיינע מעמואַרען, פֿערמאָגט אַלע די מעלות, וואָס מיר האָבּען אָקאָרשט אויסגערעכֿענט. אָבּער עס וואָלט געווען אַ שעדליכֿער טעות צו מיינען, אַז אָהן דעם איז אונמעגליך צו נעהמען אַנ׳אָנטייל אין דער בּעשאַפֿונג פֿון אַזאַ ליטעראַטור. דען פֿריהער פֿאַר אַלץ איז וויכֿטיג בּײַם מעמואַרען־שרײַבּער די וואָהרהאַפֿטיגקײַט און די תּמימות, און גראָד פֿון אַלע די דאָזיגע פֿאָרבּערייטונגען קאָן אַמאָל לײַדען אונזער נאַטירליכֿעס פֿערהעלטניש צו אונזערע אייגענע לעבּענס־ערינערונגען.
אַ מענש, וואָס שפּירט אין זיך דעם חשק צו פֿערצייכֿענען דעם דורכֿגעגאַנגענעם וועג פֿון זײַן לעבּען, דאַרף צוגלײַך שפּירען בּײַ זיך, אַז נישט ער אַליין האָט דורכֿגעמאַכֿט אַזאַ וועג, אַז אײנ־איינעם מיט איהם זענען געגאַנגען דעם אייגענעם וועג טויזענדער אַנדערע, אַז אין זײַן לעבּען, ווי אין אַ רעגען־טראָפּען שפּיעלען זיך אָבּ די שטראַהלען פֿון דער זון, און אַז דער גרויסער טײַך איז נישט מעהר ווי אַ געזעמעל פֿון מיליאָנען אַזוינע רעגען־טראָפּענס.
צוגלייך פֿיהלט ער בּתמימות, אַז דאָס, וואָס עס לעבּט דורך אַ מענש, חזר׳ט זיך קיינמאָל נישט איבּער אין לעבּען בּיי צווייען אויף אַ מאָל. עס געפֿינען זיך נישט אין דער נאַטור צוויי גלייכֿע אַרבּעס, צוויי גלייכֿע מענשען וועלען מיר שוין אַודאי ניט גע־פֿינען. דער איינצעלנער מענש איז סיי אַ טראָפּען אין ים צווישען מיליאַרדען זיין־גלייכֿען, סיי אַ פּעריל אין דעם ים, וואָס האָט שוין נייטש קיין פּאָר צי זיך. אָדער מיט אַנדערע ווערטער: דער ריכֿטיגער מעמואַרען־שרייבּער פֿיהלט צוגלייך, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דורכֿגעלעבּט, האָט אַ אַלגעמיינעם סאָציאַלען ווערטה, און איטליכֿע בּעגעבּענהייט פֿון זיין לעבּען איז אינטערעסאַנט, ווי אַ זעלטענע מעשׂה. ער פֿיהלט צוגלייך זיין וויכֿטיגקייט און זיין אינטערעסאַנטקייט. און גראָד די בּיידע דמיונות וועגען זיך גיבּען איהם דעם מוטה רוהיג און בּעזעסען צו בּע־שרייבּען איטליכֿע קלייניגקייט פֿון זיין אויסווייניגסטען און אינעווי־

ניגסטען לעבען, וואָס האָט געמאַלט אויף איהם ווען־עס־איז אַשטאַר־ קען רושם. דערביי געוועלטיגט נאָך איבער דעם מעמואַרען־שרייבער אַ דריטע מחשבה. אַקוראַט, ווי ער פיהלט, אַז דער פּעריל אין ים האָט נישט פּאַר זיך קיין פּאָר, דאָס קיין זאַך אין דער נאַטור חזר'ט זיך נישט איבער אינגאַנצען, אַזוי חזר'ן זיך נישט אי־ בער די צייטען פון מענשליכע דורות. ער קוקט אויף זיין צייט מיט די אייגענע ברחמנות'דיגע אויגען, ווי אויף זיך אַליין, אויף זיין אייגענעם גוף און זיין אייגענער נשמה. עס טראָגט זיך צום קבר אַ צייט, עפּיס אַ ליעבע ממשות'דיגע זאַך, און עס ווילט זיך חאָטש אויף פּאַפּיער, אין געמאָלטען וואָרט, איבערלאָזען פאַר דורות זיינע אויסערע סמנים. ליעבט מען אָבער אַ זאַך, שאַנעוועט מען נישט קיין מיה און מאַטערניש זיך אָבצוגעבען מיט יעדער פּיצעלע פון דער זאַך. אַלץ בעקומט דעמאָלט אַ בעדייטונג, דאָס גרעסטע, ווי דאָס קלענסטע.

אַלע די דאָזיגע דמיונות און געפיהלען קריגט מען נישט גראָד צוליעב ביכער. אודאי איז אַ בעלעזענער מענש אין פיעל זאַ־ כען ענטוויקעלטער, אָבער ערשט דעמאָלט בעקומט ער פון ליי־ ענען די ריכטיגע ענטוויקלונג, ווען צו דער בעלעזענקייט קומט אַ ריינע, וואָהרהאַרפּטיגע נאַאיווע נשמה. דאָס לעצטע איז די הויפּט־זאַך, פון לייענען אַליין ווערט מען נאָך נישט קיין מע־ מואַרען־שרייבער.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז גראָד די מעמואַרען־ביכער, וואָס האָ־ בען אין דער לעצטער צייט געמאַכט אַנ'איינדרוק אויף די גע־ בילדעטע אייראָפּעאישע וועלט, זענען געשריבען געוואָרען פון פשוט'ע אַרבייטער.

איך בין בטוח, אַז אויך ביי אונז, יודען, געפינען זיך אַ סך פשוט'ע מענשען, מיט די נויטיגע געפיהלען צו פערצייכענען זייערע לעבענס־ערינערונגען; זיי האַלטען אָב נור די איינ־ גערעדטע מחשבות, אַז דאָס וואָס אַנ'איינפאַכער, נישט־געביל־ דעטער מענש שרייבט אויף — האָט קיין בעזונדערן ווערטה נישט. און דערום האַלט איך פאַר בעזונדערס נויטיג אַ ביסעל וועלוועלער צו מאַכען אין די אויגען פון לעזער די וויכטיג־ קייט פון דער בלויזער בעלעזענהייט.

ווען מען פֿערגלייכט דאָס געוועהנליכע לעבען פֿון אַ פּשוט'ן יו־דען מיט דעם לעבען פֿון אַ מענשען בּיי אַנ'אַנדער נאַציאָן — מוז מען נישט־ווילענדיג ערהייד נשתּומם ווערען פֿון דעם גרויסען הלוק צווישען זיי בּיידען. שוין דאָס אַליין, וואָס דער יוד איז כּמעט אַנ'אייביגער עמיגראַנט, וואָס מענשען און לענדער נעהמען בּיי איהם צו די ערד אונטער די פֿיס און צווינגען איהם, צייטענ־וויין, צו לעבען אַ לעבען פֿון אַ פֿיש און פֿון אַ פֿויגעל — מאַכט דעם געוועהנליכען לעבענס־גאַנג פֿון אַ פּשוט'ן יודען פֿאַנטאַס־טיש און „העכסט אינטערעסאַנט", ווי מען שרייבּט אונטער'ן טיטעל פֿון מאַנכע ראָמאַנען. „די אויפֿצייכנונגען פֿון אַ יודישען עמיגראַנט", וואָס זענען צוגלייך די אויפֿצייכנונגען פֿון כּמעט אַ האַלבּען יודישען לעבען, וואָס וואָלטען אין סאָציאַלען און אין אינדיווידועלען זין אַזוי ווערטפֿול געווען פֿאַר'ן געבּילדעטען ווי פֿאַר'ן היסטאָריקער, — וואָלטען — איך בּין בּטוח דערין — נישט מאַכען קיין קלענערן רושם אין דער אייראָפּעאישער וועלט, ווי די דערמאָהנטע מעמוארען פֿון די אַרבּייטער. די זכרונות פֿון אַ פּשוט'ן יודען, וואָס האָט אויף די אייגענע פּלייצעס דורכ־געלעבּט די צייטען פֿון די דריי קיסרים אין רוסלאַנד, קאָן אונז אַ סך מעהר דערצעהלען און ממילא דערקלערען, ווי צוואַנציג אַנדערע געלערנטע בּיכער.

און אַלע די מעמואַרען וואָלטען מיר געקאָנט שוין אפשר לאַנג האָבּען, ווען מיר וואָלטען זיך בּעפֿרייט פֿון צוויי פֿאַלשע דמיונות. ערשטענס, פֿון דעם דמיון, אַז זכרונות קאָן נור אונז געבּען די אַזוי גערופֿענע אינטעליגענץ פֿון פֿאָלק, און, צווייטענס, ווען דער פּשוט'ער קלוגער יוד וואָלט זיך אָנגעהויבּען העכער שע־צען בּנוגע צו דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבען.

———

צום שלוס פֿון מיין אַרטיקעל האַלט איך פֿאַר וויכטיג פֿאָר־צולעגען די לעזער פֿאָלגענדען פּלאַן. אין יעדער שטאָדט, וואו עס איז נור דאָ אַ יודיש־קולטורעלע חבֿרה, וואָלט איך פֿאָרגע־שלאָגען צו מאַכען אין דער חבֿרה אַ סעקציע פֿאַר יודישע מע־מואַרען. זאָלען זיך אָבּטיילען פֿון דער חבֿרה איינינגע פּערזאָן, וואָס

פֿערשטעהען צו שעצען די זכרונות פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, און בילדען אַ קליינע ספּעציעלע גרופּע, וואָס זאָל צוערשט שאַ־פֿען פֿאַר זיך אַ ספּעציעלע ביבליאָטעק פֿון מעמואַרען־ליטעראַ־טור אין אַלערליי שפּראַכען. זאָלען זיך אָט די איינינע מענשען צוזאַמענקומען אין געוויסע צייטען אין חודש און זיך אָבגעבען איינינע שטונדען מיט אַנ׳אונטערהאַלטונג איבער אייגענע און פֿרעמדע זכרונות. צוגלייך זאָלען זיך די לייט פֿערפֿליכטען פֿון צייט צו צייט פֿאָרצולייענען זייערע אייגענע אויפֿגעצייכענטע זכרונות, וואָס האָט אַנ׳אַלגעמיינעם כאַראַקטער אָדער אַ מעהר אינ־דיווידועלען. אַלע די רעפֿעראַטען, נאָטיצען און בעמערקונגען דאַר־פֿען ווערען גענוי פּראָטאָקאָלירט און בלייבען אין אַרכיוו פֿון דער סעקציע.

און די פֿעסטע איבערצייגונג, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען מען וועט זאַמלען די נאָטיצען, ווי די גאָלדקערנער, וועט אַודאי שטענדיג בעגייסטערען די דאָזיגע וויכטיגע סעקציעס.

צו דער יודישער טעאַטער־פֿראַגע.

עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו רעדען וועגען קריזיס אין יודישען טעאַטער. מען איז שוין נאָר נישט מסופק, אַז עפּעס האָט זיך אין איהם געענדערט צום שלעכטען, אַז אַמאָל האָט דאָס טעאַטער געהאַלטען אין וואַקסען און בליהען און איצט איז עס אין אַ מצב פֿון ירידה, פֿון אונטערגאַנג. מען בעטראַכט נאָר די מיטלען, ווי אָבצושטופּען דעם שרעקליכען גזר־דין, צו געפֿינען די פֿערבעהאַלטענע סבות פֿון קריזיס און ממילא עפֿענען געגען זיי אַ מלחמה און זיי גובר זיין. און קיינעם פֿאַלט נישט איין אַ קלער צו טהון: אפֿשר איז די גאַנצע מעשה וועגען קריזיס נישט געשטויגען און נישט געפֿלויגען, אפֿשר האָבען מיר קיין רעכט נישט צו ריידען וועגען אַ קריזיס פֿון אַ זאַך, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין טראַדיציעס, וועלכע איז נאָך נישט דערוואַקסען צו דער מדרגה פֿון צו זיין אַ יודישער לעבענס־פֿאַקטאָר.

אייגענטליך קען מען קיין טענות נישט האָבען צום גייסטיגען יודען, וואָס האָט אין אַ משך פֿון צוויי דורות אָנגעהויבען מיט גאָלדפֿאַדען און געענדיגט מיט די דראַמעס פֿון פּרץ און אַש. אונזער דראַמאַטישע ליטעראַטור איז נישט נור געוואַקסען אין צאָהל, נאָר אויך אין איהרע פּראָבלעמען. גאָלדפֿאַדען, גאָרדין, פּינסקי, פּרץ הירשביין און שלום אַש — זענען די עטאַפּען, וואָס עס איז דורכגעגאַנגען אונזער דראַמאַטישע ליטעראַטור, — און מען דאַרף שוין זיין אַ געבאָרענער מעלאַנכאָליקער. אום נישט צו וועלען מודה זיין, אַז מיר זענען נישט געבליבען אויף איין אָרט. און נישט נור אונזערע דראַמאַטיקער האָבען צוגעגרייט מאַטעריאַל פֿאַר׳ן טעאַטער, אויך איז אויפֿ־

געשטאַנען בײַ אונז אַ נײַער סאָרט טאַלענט: אַנ'אַקטיאָר, וואָס איז בכּח צו פערקערפּערען דעם געדאַנקען פֿון דראַמאַטיקער אין אַ קלאָרע מענשליכע געשטאַלט. צווישען דעם אַלטען אַדלער ביז צו רחל קאַמינסקאַ שטעהען אויסגעצייכענטע אַקטיאָרישע טאַלענטען, וואָס קענען פֿעראינטערעסירען מיט זייער שפּיעל אויף דעם גרעסטען מפּונק. ווען מען דערמאָהנט זיך אָן גאָלדפֿאַדען'ס צייטען, וואָס איז אַרומגעפֿאָהרען מיט זײַן „טרופּ" („טרופּע" האָט ער נישט געוואָלט זאָגען, ווײַל סך הכּל איז בעשטאַנען זײַן טרופּע פֿון איין מענשען) פֿון שטאָדט צו שטאָדט, און איין מענש איז געווען אי אַ זינגער, אי אַ שפּיעלער, אי אַ זכר, אי אַ נקבֿה — זעהט מען בולט, ווי ווײַט מיר זענען געגאַנגען פֿאָרווערטס.

אַלזאָ פֿון ריין שעפּפֿעריש-ליטעראַרישען שטאַדפּונקט און פֿון טעכניש-טעאַטראַלען, קען מען געוויס נישט ריידען וועגען אַ קריזיס אין יודישען טעאַטער. און דער גאַנצער געשריי וועגען קריזיס נעהמט זיך דערפֿון, וואָס די טעאַטער-אונטערנעהמער, ווי איטליכע סוחר'ישע אונטערנעהמונג, האָבען אײַנגעזעהן, אַז „חינקע-פּינקע" און „יודעלע קלאַפּ" גיבען אַ פֿולע קאַסע, בעת פּרץ, פּינסקי און אַש, אַפֿילו יעקבֿ גאָרדין זענען נישט די דראַמאַטיקער, וואָס מאַכען פֿול די גאַליאָרקע און דעם פּאַרטער. צוגלײַך מיט די טעאַטער-אונטערנעהמער האָבען אײַנגעזעהן די יודישע אַקטיאָרען, אַז זייער גאַזשע שטײַגט מיט „יודעלע קלאַפּ" און פֿאַלט, ווען זיי שפּיעלען אַ גאָרדינ'שע שטיק. אין מאַטעריעלען לעבען שפּיעלען סענטימענטען אַ קליינע ראָלע. אַז ס'איז גלײַכער זיך צו רעכענען מיט'ן געשמאַק פֿון ברויט-געבער, ווי מיט דעם רצון פֿון עטליכע פֿערשײַטע אינטעליגענטען, וואָס האָבען אפֿשר גוטע אידעען, אָבער פּוסטע קעשענעס.

און עס קומט-אויס, אַז נישט דאָס טעאַטער לעבט דורך אַ קריזיס, נאָר די יודישע מאַסע, וואָס איז אַוועק פֿו'ן גאָרדין צוריק צו לאַטײַנער.

ובכן, קומט אויס, אַז ווען מען רעדט פֿון אַ קריזיס אין יודישען טעאַטער, מיינט מען גאָר דעם קריזיס כּלומר'שט אין עסטעטישען געשמאַק פֿון דעם יודישען פּובליקום, וואָס געניסט אַ יודישען טעאַטער. און דאָס איז שוין גאָר אַנ'אַנדער

פראַגע, וועלכע ווערט נישט פערענטפערט מיט די געוועהנליכע אינטעליגענטסקע תירוצים.

אין נומער „צוקונפט“ (אַפּריל 1910) ערקלערט הערר קאָברין דעם שנוי אין געשמאַק פון פובליקום מיט דעם, וואָס דאָס יודישע פובליקום האָט זיך אויפגעהערט צו שעמען פאַר די יודי־שע ראַדיקאַלען. סיי דאָס פובליקום, ווי די אַקטיאָרען, האָ־בען פריהער שטאַרק אָבשיי געהאַט פאַר אַ יודישען ראַדיקאַ־לען און, ווי אַנ'עבד נכנע, פלעגען זיי טהאָן וואָס ער הייסט. היינט אָבער איז פאַרביי די בושה און דער עבד נכנע איז געוואָרען זיין אייגענער בעל־הבית. און דאָס איז דאָך שוין ידוע, אַז כל זמן דאָס פובליקום לאָזט זיך פיהרען אויפ'ן שטריקעלע פון יודישען ראַדיקאַל, איז דאָס ראוי צו אַ גאָרדינ'ס דראַמע. וויבאַלט אָבער עס הערט אויף דעם מדריך צו פאָלגען — פער־געסט עס משה'ס תורה און בויט זיך אַ גאָלדענעם עגל. דאָס פובליקום האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קנעכטשאַפט, אַוועק־געוואָרפען גאָרדינ'ען און אַוועק צו לאַטיינער, וואָס ווייזט דעם עולם אויף דער טעאַטער־בימה מיידלעך אין קורצע קליידלעך און גרינע זעקלעך.

די ערקלערונג איז גאָר נישט אַזוי נאַריש, ווי זי זעהט אויס אויפ'ן ערשטען קוק. קאָמיש איז נאָר, וואָס קאָברין שטעהט אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז אַ פובליקום מוז זיך שעמען פאַר אַ ראַדיקאַ־לען יודען און דאַרף אונטערדריקען זיין נאַטירליכען געשמאַק, ווייל „דער רבי האָט אַזוי געהייסען“. אַ נייער רמ"א האָט זיך בעוויזען אויף דער יודישער גאַס, דער יודישער ראַדיקאַל, וואָס אַסר'ט דעם פובליקום אַ טעאַטער־פערגעניגען אין דעם זין, ווי ער פערשטעהט דאָס.

גערעכט איז ה' קאָברין, אַז דער יודישער ראַדיקאַל האָט אַמאָל געהערשט אויף דער יודישער גאַס. און עס האָט זיך בעקומען דעריבער, דאָס דאָס יודישע פובליקום האָט אַ וויילע אונטערדריקט זיין נאַטירליכען געשמאַק, אָבער דערפון איז נאָך נישט קיין ראיה צו נעהמען, אַז עס האָט אין די בעהעלטענישען פון זיין זעעל שטענדיג נישט געבענקט נאָך אַזאַ טעאַטער, וואָס זאָל בעפריעדיגען זיין נאַטירליכען געשמאַק. און וויבאַלד דאָס שעמעניש איז צו־

קראָכען ווי שוים, האָט דאָס פּובּליקום גענומען לעבען און געניסען נאָך זיין אייגענעם שולחן ערוך.

בּויען די ענטוויקלונג פֿון אַ מאַסע אויף הוילע שׂעמעניש איז זעהר נאַאיוו. מאַנכע וואַרפֿען אַראָב דעם לאַפּסערדאַק, ווייל זיי שעמען זיך פֿאַר'ן אייראָפּעער. אין האַרטען קראַגען פֿיהלען זיי זיך אָבּער אַ סך ערגער. און אַראָבּוואַרפֿענדיג דעם לאַפּסערדאַק,— זענען זיי נאָך קיין אייראָפּעער נישט געוואָרען.

קאָבּרינ'ס ערקלערונג בּעווייזט דאָס גענענטייל פֿון דעם, וואָס ער וויל; ער זאָגט, אַז די טהאַטזאַכע, וואָס דאָס פּובּליקום האָט אַ חילע פּערבּיטען לאַטיינער אויף גאָרדינ'ען, איז געווען אַנ'אוננאַטירליכע. אַז דער געשמאַק פון פּובּליקום האָט זיך להלוטין נישט געענדערט. אַז ס'לעבּט נאָך אין אונזער מאַסע דער אַלטער תּרה, וואָס ציהט פּאָר אַ מגושמ'דיגע דעקאָראַטיווע שטיק מיט געזאַנג, טענצלעך, מיידלעך מיט קורצע קליידלעך — פּאַר גאָרדינ'ס אַ „דעיענציא אַמעריקאַנאַ" און דאָס גל. אַלזאָ, נישט קיין קריזיס, נאָר אַ רעסטאַווראַציע. בּיי אַלע פֿעלקער עקזיסטירען פֿערשיעדענע טיפּען פֿון טעאַטערס. פֿאַר'ן בּעאָבּאַכטער פֿון סאָציאַלען לעבּען איז קלאָר, אַז איטליכע געזעלשאַפֿטס-קלאַס האָט זיך איהר טעאַטער. דער געשמאַק פֿון אַרבּייטער, קליינעם בּעל-הבּית איז אַנ'אַנדערער, ווי דער געשמאַק פֿון דער גרויס-בּורזשואַזיע און הויכען אַדעל. עס איז געווען אַ צייט, ווען קיין דראַמאַטיקער און אַקטיאָר איז נישט איינגעפֿאַלען זיך צו בּעשעפֿטיגען מיט'ן קליין-בּעל-הבּת'ישען לעבּען, אָדער מיט'ן לעבּען פֿון אַרבּייטער און נאָך בּיז היינטיגען טאָג ציהט פּאָר אַ געוועהנליכער בּשׂר-ודם אַזעלכע דראַמען, וואו עס שילדערט זיך אַ לעבּען פֿון העכערע קלאַסען, ווי די — וואָס בּעשעפֿטיגען זיך מיט דער פֿערטיעפֿונג פֿון זיין אייגענעם לעבּען. דאָס איז אַלעמען גענוג בּעקאַנט און עס לוינט נישט מאריך צו זיין.

בּיי אונז יודען האָט נאָך דערווייל איין געזעלשאַפֿטס-קלאַס זיך געשאַפֿען אַ טעאַטער. אַלע איבּעריגע קלאַסען בּעפֿרידיגען זייער גוסט צום טעאַטער אויף פֿרעמדע שפּראַכען.

דאָס יודישע פֿאָלק האָט זיך אויסגעאַרבּייט פֿערשיעדענע פֿערוויילונגען. אין די פֿערוויילונגען נעהמט די אינטעליגענץ, ווי די

רייכֿע בורזשואַזיע, קיין שום אַנטייל נישט, אָבער אַ דעה זאָגען װילט זיך איהר זעהר שטאַרק. בעזונדערס װילט זיך דאָס אַ טייל פֿון אונזער אינטעליגענץ, װאָס האָט די נאַאיװע פֿאָרשטעלונג, אַז איהר געשמאַק, איהר מיינונג איז די איינציגע ריכטיגע. אָט דער דאָזיגער טייל װיל נישט װיסען פֿון קיין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליזע. ער גלויבט אין דעם אייגענעם געשמאַק, װי אין אַ געץ, און איז גרייט זיך מקריב צו זיין פֿאַר זיין עסטעטישען „אַני מאמין“.

קוקט מען זיך אָבער צו אָביעקטיװער, זעהט מען, אַז דער מיטעלער מענש פֿון פֿאָלק קאָן גאָר נישט האָבען דעם געשמאַק פֿון דער אינטעליגענץ. ערשטענס, איז ער סאָציאַל רעכטלאָזער, װי דער פּריװילעגירטער, און דעריבער איז זיין לעבען אַ קנויל פֿון צופֿעליגקייטען. צװייטענס, לעבט ער פֿיעל איראַציאָנאַלער, װי דער אינטעליגענט, און דער איראַציאָנאַליזמוס איז אַ בעשטאַנדטייל פֿון זיין נשמה. דריטענס, איז זיין געפֿיהלסלעבען פֿיעל נאַטירליכער און פֿרישער, װי ביים געבילדעטען פֿון פֿאָלק. פֿיערטענס, האָט ער אַנ׳אונבעװאוסטזיניגע אַכטונג פֿאַר איטליכער מאַטעריעלער קראַפֿט. און אַזוי װי ער טראָגט אַרוים טאָג־טעגליך זיין איינציגען פֿערמעגען, זיין פֿיזישע קראַפֿט אויפֿ׳ן מאַרק, — שעצט ער אַ געזונדען מוסקול העכער, װי אַ חריפ׳ישע קאָפּ. פֿינפֿטענס, לײדט דאָס פֿאָלק שטענדיג מאַנגעל. נעהמט מען דאָס אַלעס אין זין, הויבט מען אָן פֿערשטעהן, פֿאַרװאָס דאָס פֿאָלק געניסט דאָס טעאַטער גאָר אַנדערש און אויף אַנ׳אַנדער אופֿן, װי דער אינטעליגענט. פֿיינע לאָגישע סתירות אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ דראַמע, שטערען נישט זיין פֿערגניגען. דער Deusex machine פֿון די אַלטע גריכען איז נישט קיין סתירה: זיין אייגען לעבען בעשטעהט פֿון אַזעלכע צופֿעליגקייטען און נסים. ביי זיין רייכען געפֿיהלס־לעבען קלעקט שוין די קלענסטע דעקאָראַטיװע רייצונג, אַז ער זאָל אַרויס פֿון דעם געװעהנליכען רוהיגען צושטאַנד און װערען אויפֿגערעגט. זיין אַכטונג צו יעדער מאַטעריעלער קראַפֿט, בעזונדערס צו פֿיזישער, ברענגט דערצו, אַז די פֿאָלקס־פֿאָרשטעלונגען פֿון „העלדען“ איז גאָר אַנ׳אַנדערע, װי ביי דעם אינטעליגענט. און אַזוי

ווי דאָס פאָלק איז שטענדיג געגויט צו זיין אַ מסתפק במועט, זעטיגט עס וועניגסטענס אָן זיין אויג מיט די גוטיגקייטען פֿון לעבען, וואָס עס זעהט ביי אַנדערע אין איבערפֿלוס. טויזענדער קליינינגקייטען, וואָס מאַכען אויפֿ'ן אינטעליגענט כמעט קיין איינדרוק נישט, ווי שעֶנע דעקאָראַציעס, רייכע טואַלעטען, עדלות'דיגע פּאָזען און גוזמאות'דיגע ליידענשאַפֿטען — ווירקען אויף דעם מאַסען־מענשען מיט אַ גרויסער קראַפֿט.

בעת עס קומט דער אינטעליגענט אין טעאַטער מיט דעם רצון זיך צו פערטיעפֿען אין דעם אָבגרונד פֿון מענשליכען לעבען בכלל און אין אייגענעם בפֿרט — וויל דער מאַסען־מענש, אַז דאָס טעאַטער זאָל איהם ווייזען אַזוינס, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות נישט צו זיין לעבען. דער מאַסען־מענש ענטלויפֿט פֿון זיין וואָכענדיגען לעבען. ער פֿיהלט אין איהם נישט קיין הייליגקייט. ער זעהט נאָר, אַז צוזאַמען מיט זיין צובראָכענעם לעבען שפרייט זיך אויס אַן'אַנדערעס, אַ רייכערעס, רייך אין פֿאַרבען און אין כח. און ער געהט צום טעאַטער מיט דעם רצון, כאָטש אויף אַ רגע צו לעבען אין אַ וועלט, וואו מען עסט זאַט, קליידעט זיך אין סאַמעט און אין זיידענס, זינגט און טאַנצט, שמייכעלט און לאַכט.

דאָס אייגענע פּובליקום, וואָס קומט־אָן מאַסענווייז ביי יעדער יום־טוב'דיגער פּראָצעסיע, מאַכט פֿול די ביליגע מוזיק־האָלס און די פֿאָלקס־טעאַטערען. עס זוכט שטענדיג דאָס יום־טוב'דיגע, דעם אויסנאַהם. די געוועהנליכע בעגעבענהייטען פון וואָכענדיגען פֿאָלקס־לעבען זענען גראָה, אָרעם און נאַריש, און דאָס פֿאָלק פֿיהלט אונגעפֿעהר, ווי די פֿראַנצויזישע ראָמאַנטיקער אין אָנפֿאַנג פֿון XIX יאָהרהונדערט, בעת דיומאַ האָט געשריבען זיינע „דריי מוסקעטיערען“ און וו. הוגאָ „הערנאַני“.

טהאַטזעכליך איז דער געשמאַק פֿון פֿאָלק ראָמאַנטיש אין דעם זין, וואָס ער ציהט פֿאָר דאָס אויסגעטראַכטע פֿאַר דעם רעאַלען. און קאָמיש איז, ווען אונזערע אינטעליגענץ פֿערלאַנגט פון פֿאָלק אַ געשמאַקסריכטונג, וועלכע פֿליעסט נישט אַרויס פֿון זיין פשוט'ן גשמיות'דיגען לעבען.

און ווען מען נעהמט נאָך אַריין אין זין, אַז דער פֿאָלקס־געשמאַק

דערקענט נאָר די גראָבע קאָנטראַסטען, ווי אַמאָל די ראָמאַנטיקער — פֿערשטעהט מען, פֿאַרוואָס פֿעהלט דעם מאָדערנעם טעאַטער דער גראָטעסקער הומאָר, מיט וואָס עס צייכענט זיך אויס דאָס פֿאָלקס-טעאַטער. ווען דאָס דראַמע ענטוויקעלט זיך אין פֿיינע ניואַנסען — קומט אַייך דאָס קאָמישע נישט אַרויס איינפֿאַך, פּלעצליך, און איז שטענדיג אויסגעמישט מיט נאָך אַנדערע געפֿיהלס-מאָמענטען.

לסוף מוז מען נאָך אָנמערקען אויף די געזונדע עראָטיק פֿון פֿאָלק, און דערבּיי איז אויך איהר פֿלירט-געשמאַק אַנ׳אַנדערע ווי אונזערע.

די גרויסע מאַסע געהנעצט בּיי אַ שטיק פֿון אַ מאָדערנעם דראַמאַטיקער. זי ווערט נאָך לאַנג פֿאָרציהען אַ „יודעלע קלאַפּ“, וואו מען זינגט, טאַנצט, רוישט מיט זיידענע אונטערקליידער און מאַכט די געוויסע הנ׳דלעך. קורץ, זי וועט נישט קוקענדיג אויף אַלע קריטיקען פֿון בּעל-הבּית׳ישע אינטעליגענטען, רייך מאַכען די מוזיק-האַלס און מיט עקשנות אויסמיידען דאָס, וואָס איז פֿאַר איהר לאַנגווייליג.

און דער פּועל-יוצא דערפֿון?

עס איז נאַאיוו צו פֿערלאַנגען פֿון דער יודישער מאַסע דאָס, וואָס עס פֿערמאָגט נישט קיין אייראָפּעאישע מאַסע פֿון דער וועלט: אַ געשמאַק צו דער מאָדערנער דראַמע. עס איז נאַאיוו, ווען מען רעדט פֿון אַ קריזיס אין יודישען טעאַטער, און טהאַטזאַכליך שטעהט דאָס יודישע טעאַטער, וואָס אָנבּעטרעפֿט מאַסען-קונסט-געשמאַק, נישט ניעדעריגער ווי אַנדערע טעאַטערס, סיי אין אַקטיאָרען, סיי אין דעקאָראַציעס. און דריטענס איז נאַאיוו צו רעדען פֿון אַ יודישען טעאַטער, אין דעם זין, ווי מען רעדט פֿון אַ בּערלינער, „דייטשען טעאַטער“.

דערווייל האָבּען מיר נאָר איין טיפּ פֿון אַ טעאַטער. צו די אַנדערע העכערע טיפּען קאָנען מיר ניט דערגרייכען, ווייל די יודישע אינטעליגענץ בּעפֿריעדיגט איהר טעאַטער-גוסט אין פֿרעמד-שפּראַכענדיגע טעאַטערען.

חיל מען אָבּער פֿאָרט בּעשאַפֿען אַ צווייטען טיפּ פֿון אַ יודישען טעאַטער — דאַרף מען נישט זוכען צו ענדערען דעם רעפּערטואַר

אין יודישען פאָלקס־טעאַטער, נאָר מען מוז זיך בעשאַפען אַ במה לעצמו. און אַלס מוסטער דאַרף מען נעהמען אַלע די פּרו־בען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ווען דער נאַטוראַליזמוס האָט גענומען די „אויבערהאַנד" אין דער דראַמאַטישער שעפּונג. גרינדעט אַ „טעאַטער ליבר", „פרייע ביהנע", מאַכט „מאַטינעס", גרינדעט ספּעציעלע פעראיינען אויף אויפצופיהרען איין מאָל אַ וואָך אַנ'אַש, אַ פּינסקי, קורץ, טהוט דאָס אייגענע, וואָס עס האָט געטהאָן די אינטעליגענץ פון אַנ־דערע פעלקער.

עס איז געווען אַ צייט, וואָס מעטערלינק'ס סימבאָלישע דראַמען האָט קיין טעאַטער נישט געוואָלט אויפפיהרען. זענען אָבער גע־קומען אָנהענגער פון מ. און האָבען זיך פעראייניגט מיט גוטע אַקטיאָרען, אַלע גוי'אישע שבתים געדונגען אַ טעאַטער און אויפ־געפיהרט מעטערלינק'ס זאַכען. דער סוף איז געווען, אַז אויסוואַר־פענדיג דאָס נעץ פין שבת־פאַרשטעלונגען, האָט זיך מיט דער צייט געבילדעט אַ פיין פובליקום, וואָס האָט מיט אינטערעס בע־זוכט מעטערלינק'ס אַ דראַמע. און ווען די טעאַטער־דירעקטאָרען האָבען זיך איבערצייגט, אַז זיי ריזיקירען נישט מאַטעריעל, האָבען זיי שוין אַליין אַריינגענומען מעטערלינק'ען אין זייער רעפּער־טואַר.

אָנשטאָט צו שרייען וועגען אַ קריזיס אין יודישען טעאַטער, אָנ־שטאָט צו פערדרעהען טהאַטזאַכען, אפשר איז אַ פּלאַן צו גרינ־דען אַ יודישע „פרייע ביהנע" אינאיינעם מיט די בעסטע יודישע אַקטיאָרען, וואָס ווילען מיט פערגניגען צושטעהן צו דער בע־וועגונג?

די סכּנה פֿון היינטיגער יודישער דראַמע.

ווידער אַ מפּלה! ד. פּינסקי׳ס שטיק „דער אוצר“ (צוערשט ערשיענען אין „פֿריינד“ פֿאַר עטליכֿע יאָהרען) איז געשטעלט געוואָרען אין „דייטשען טעאַטער“ אין בערלין און איז שטאַרק נישט געפֿעלען געוואָרען. דאָס איז שוין די צווייטע מפּלה, וואָס עס האָט אַ יודישער דראַמאַטורג, ווען ער בעווייזט זיך אויף אַ נישט־יודישער בּיהנע. אויך „גאָט פֿון נקמה“, פֿון שלום אַש, איז דורכגעפֿאַלען אין דעם אייגענעם טעאַטער.

געווים, איז זעהר נישט אַנגענעהם פֿאַר׳ן פֿערפֿאַסער, ווען זיין שטיק בעקומט נישט דעם בייפֿאַל פֿון פּובליקום און פֿון דער פּרעסע. אָבער פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון יודיש איז דאָס גראָד קיין אומגליק נישט. דען שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט אָנגעווענדט אַזאַ גרויסען אַפּאַראַט, אום אויפֿצושטעלען אַ פּיעסע פֿון אַ יודישען שרייבער, בעווייזט, אַז אין די ערנסטע ליטעראַרישע קרייזען רעכֿענט מען זיך מיט אַ יודישען טאַלענט נישט וועניגער, ווי מיט אַ האָלענדישען, אָדער אַ שוועדישען. שוין דאָס אַליין, וואָס מאַקס ריינהאַרדט, דער קעניג אונטער די דייטשע טעאַטער־דירעקטאָרען, דער אויסגעצייכֿענטער אַקטיאָר און דער גרויסער קענער פֿון דער דראַמאַטורגיע האָט נישט געשוינט קיין מיה צו פֿערנעהמען אַנ׳אָווענד ביים טעאַטער־פּובליקום מיט אַ יודיש שטיק, — בעווייזט, „אַז אין חזנות איז אַ פּאָליאַק און אַ ליטוואַק גלייך“, אַז אין טעמפּעל פֿון קונסט זענען אַלע שפּראַכֿען גלייך, און מען ווייסט דאָרט נישט פֿון אַזאַ חלוק ווי „זשאַרגאָן“ און „יודיש“. איך בין נישט איינפֿערשטאַנדען מיט מיינע קאָלעגען ד. פֿרישמאַן און ד״ר מוקדוני, וועלכֿע זענען אַ ביסעל נידערשלאָגען פֿון פּינסקי׳ס מפּלה. ד. פֿרישמאַן ענדיגט

זאָגאַר זיין אַרטיקעל מיט די גרימצאָרנדיגע ווערטער: „וועלען מיר נאָך אַלץ קריכען ווייטער און ווייטער צום „דייטשען טע־אַטער“ און ווייזען דער וועלט, ווי גרוים מיר זענען?“

איך מיין, אַז אונזערע דראַמאַטורגען, וואָס האָבען נאָך נישט קיין אייגען טעאַטער, מוזען „קריכען ווייטער“, מוזען מעסטען זייער „גרוים“ מיט דעם וואוקס פון די אייראָפּעאישע דראַמאַ־טורגען. געוויס, וועט דאָס „קריכען“ זיי אָנקומען ביטער, — צו־וועניג טעכניק איז נאָך ביי זיי, צו־וועניג קענטשאַפט פון דער וועלט, וואָס קומט פאָר אויף די „ברעטער“. זיי פערמאָגען נאָך נישט די ליטעראַרישע ציוויליזאַציע פון אַ מיטעלמעסיגען גויי־אישקען דראַמאַטיקער; זייער אויער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ שענע בויגיגע דיקציע אין דער אייגענער מוטער־שפּראַך. און ווייל עס פעהלט זיי אַלע די אויסערליכקייטען, אָהן וועלכע אַ שטיק קאָן נישט אויסקומען, — וועלען זיי נאָך האָבען אַ סך מפּלות. אָבער די מפּלות האָבען דעם אייגענעם פּנים, וואָס דער נצחון פון אַלטען קעניג פּירוס. וואָס די מפּלה וועט זיין גרעסער, אַלץ שטאַרקער וועלען זיי אָנהויבען פיהלען זייערע טעכנישע פעהלער אין געביי פון דער דראַמע, און זיך בעסערן.

לײדער, האָט אונזער קריטיק נישט דעם איינפלוס, וואָס די קרי־טיק פון אַ גויי'אישקער צייטונג. שלום אַש, ווי דוד פּינסקי האַל־טען מעהר פון אַנ'אַלפרעד קער ווי פון דוד פרישמאַן. און כאָטש סוף כל סוף איז דוד פרישמאַן, נישט קוקענדיג אויף זיין גאַנצען בטול היש פון דער נייער ליטעראַטור, מעהר פריינד שלום אַש'ן, ווי אַנ'אַלפרעד קער, נאָר מיר, יודישע קריטיקער, האָבען שוין אַזאַ מזל, אַז אונזערע „גדולים“ אינטערעסירען זיך וועניג מיט אונזער פריינדשאַפט. אָבער שאַדען שאַדט עס נישט, מען מעג זיך פערלאָזען אויפ'ן געשמאַק פון א. קער, וואָס שטאַמט פון דער יחסנ'דיגער יודישער פאַמיליע קעמפּנער. דאָס, וואָס מיר קאָנען זיי נישט אויסלערנען, וועט זיי אויסלערנען אַ „דייטשעס טעאַטער“ מיט זיינע רעצענזענטען.

און איך זעה נישט איין, פאַרוואָס זאָל די וועלט נישט זעהן אונזער „גרוים“. פון ד. פרישמאַנ'ס פראַזע הערט זיך דער איי־

גענער גערוך ווי אַ מאָל פֿון „ואל תגידו בגת“. אין דער השׂכּלה־עפּאָכע איז דער פּחד פֿאַר דער אייראָפּעאישער וועלט געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געהייסען דעם יודען בעהאַלטען זיין יודישקייט אין דער היים. אויף דער „גאַס“ זאָל מען, חלילה וחס, נישט זעהן אין איהם דעם „יודען“. עס איז אַ בזיון, און אפשר אויך אַ חלול השם. מיר האָבען שוין היינט קיין מורא נישט פֿאַר אייראָפּאַ. מיט באָרד און פּאות שיפֿען מיר זיך אַריבער פֿון ראַחמיסטריווקע קיין לאָנדאָן און ניו־יאָרק. און ווען מיר לאָזען זיך אין אויסלאַנד שטודירען — פֿיהרען מיר מיט זיך דאָס שוואַרצע העמדעל פֿון בונדיסטען און דעם מגן־דוד פֿון ציוניסטען. דאָס, וואָס ד. פּינסקי „קריכט“ אין אַ „דייטשען טעאַטער“, מיינט ער נישט צו „פֿערהייליגען“ דערמיט דעם כּלל ישׂראל, און ווען זיין שטיק איז אַ שלעכטע, איז ער דערמיט נישט מחלל די קדושה פֿון „אָסט־יודען“. חוץ דעם, די רעצענזענטען אַליין זענען מייסטענס אין בערלין עסטרייכישע יודען, וואָס נעהמען זיך פֿון גאַליציען; חוץ דעם, וואָס ריינהאַרדט אַליין, דער טעאַטער־דירעקטאָר, איז אַ גאַליציאַנער יוד און די הויפּט־אַבאָנענטען פֿון דייטשען טעאַטער האָבען נאָך עד היום אַ סך קרובים אין מינסק, פּינסק און בערדיטשעוו, — חוץ אַלעם דעם איז שוין דער אייראָפּעער אַזוי קלוג, דאָס ער וואַרפֿט נישט אין איין טאָפּ אַ נישט־געלונגענע דראַמע פֿון ד. פּינסקי אָדער שלום אַש מיט דעם גאַנצען כּלל־ישׂראל. אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז שוין נישט אַזוי עם הארצ׳יש, נישט צו וועלען אָנערקענען אַ גוטע דראַמע, ווייל דאָס שטאַמט פֿון אַ יודען, און צו בעשולדיגען כּל ישׂראל, פֿאַרוואָס דער און דער יוד האָט געמאַכט אַ פֿאַלשען באַנקראָט. ער איז פֿיעל איידעלער היינט. דער יוד איז פֿאַר איהם ווי יענע מאַלפּע, וואָס האָט מקבּל שבּת געווען אין אַ קליין שטעדטיל. די מאַלפּע האָט געזונגען נישט ערגער פֿון אַ געניטען חזן, אָבער דאָס שטעדטיל האָט איהר פֿאָרט נישט צוגענומען פֿאַר אַ חזן ביי זיך.

די גאַנצע וועלט איז היינט מודה, אַז פּראָפֿ. עהרליך איז אַ גאון, אָבער פֿאַר אַ ווירקליכען פּראָפֿעסאָר וועט איהם די פּרייסישע רעגירונג נישט מאַכען. מעג פּינסקי האָבען אַ שענעם ער־

פֿאָלג אויף דער דייטשער בּיהנע, פֿאַר דעם דראַמאַטורג פֿון דעם דייטשען פֿאָלק וועט מען איהם נישט מאַכען, און אין קעניגליכען טעאַטער וועט מען זיינע שטיק נישט שפּיעלען. אַוועקגעהן פֿון אונז אינגאַנצען קאָן ער נישט. ווייל נור בּיי אונז אין אונזער סבֿיבֿה הערט ער אויף צו זיין די פֿערשאָלטענע מאַלפּע, וואָס איז אַמאָל מקבּל שבּת אין אַ פֿערוואָרפֿען שטעדטיל.

די איינציגע סכּנה פֿאַר דער יודישער ליטעראַטור קאָן נור דעמאָלט זיין, ווען דער יודישער דראַמאַטיקער הויבּט אָן צו ספּעקולירען מיט אַ פֿרעמדען טעאַטער, נאָך איידער ער האָט געשאַפֿען זיין שטיק. צו אונזער בּעדויערן, זעהען מיר דאָס צו־קלאָר אין די דראַמען פֿון אַש און פּינסקי, וואָס זיי האָבּען געשריבּען מיט אַ מ י י ן, מיט דער כּונה, אַז דאָס גוי'אישקע פּובּליקום זאָל דאָס צוערשט זעהן. די ראָליע פֿון דין אין „גאָט פֿון נקמה“, שאַבּשאָוויטש'עס בּעציהונג צו דער תּורה, אַלס צו אַ מאַטעריעלען אָבּגאָט א. אַז. וו. — ווייזען דײַטליך, אַז דער פּערפֿאַסער האָט אַליין, נישט מערקענדיג, געפֿאַלשעוועט די יודישע ווירקליכקייט, נור אום צו זיין „פּאָפּולער“ פֿאַר דעם גוי. די שפּראַך אין „שבתי צבֿי“ פֿון אַש איז נישט קיין ריינע ליטעראַרישע שפּראַך פֿון אַנ'אמת'ן טאַלענט, נאָר די ש פּ ר אַ ך, וואָס איז לייכטער צו א י בּ ע ר ז ע צ ע ן. שרייבּענדיג „שבתי צבֿי“, האָט אַש, נישט ווילענדיג, געהאַט אין זינען די איבּערזעצער, וואָס דאַרפֿען איהם איבּערזעצען אויף שבֿעים לשון פֿאַר אַלע וועלט־בּיהנעס. אין „יחוס“, וואָס האָט געדאַרפֿט געהן צוערשט אין אַ רוסישען טעאַטער, איז ערטערווייז די שפּראַך אין העכסטען גראַד נישט בּעאַרבּייט. גרויסגליק, די טאַנטע, די קינדער ריידען אויף אַזאַ טשיקאַווען לשון, וואָס קיין מענש האָט דאָס נישט געהערט. אַש'ן איז אפֿשר געלונגען א י בּ ע ר צ ו מ י ש ע ן די דייטשען פֿון פּוילישען שטייגער, אָבער נישט צו געבּען זייער נאַטירליכע שפּראַך. דען אויך די פּוילישע דייטשען האָבּען אַ געוויסע נאַטירליכקייט, ווען זיי ריידען צווישען זיך זייער „דײַטש“. נור אַזוי, ווי דער פּערפֿאַסער האָט ניט געוואוסט, אַז סיי־ווי־סיי ווערט זיין „יחוס“ איבּערגעגאָסען אין אַ פֿורם פֿון אַ נייער שפּראַך, האָט ער זיך מיט דער שפּראַך נישט שטאַרק אָבּגעגעבּען.

נאָך איידער, הייסט דאָס, די דראַמע קומט צום פּובליקום, איז זי שוין אַדורך צוויי גלגולים, — דעם גלגול פון איבערזעצער און דעם גלגול פון דעם גייסט, וואָס הערשט אויף אַ נישט־יודישער בּיהנע.

און דאָס אייגענע, וואָס בּיי אַש'ן, זעהען מיר נאָך אין פיעל גרעסערן פאָרמאַט בּיי פּינסקי'ן. צו זיינע נייעסטע זאַכען גע־הערען „מיט זייגערפאָהנען" און „גאַבּרי און די פרויען" (פערל. „השחר", וואַרשוי), און איך בּין חושד ד. פּינסקי'ן, אַז בּיידע זאַכען, בּעזונדערס די לעצטע, זענען פערפאַסט געוואָרען מיט דער כּונה, זיי אָבּצוזעצען פאַר פרעמדע טעאַטערס.

סיי די נעמען: גאַבּרי, גאַאיל, לעם, די קליינע, דער פאָטער, די מוטער — זענען אַזוי נישט יודיש און צוגלייך אַזוי אַבּ־סטראַקט, אַז דאָס פּאַסט סיי פאַר אַ דייטשען, ווי אַן'אַמעריקאַנער. חוץ דעם למדן פון יודישען לעבּען ס. יושקעוויטש און חוץ לוצאַטאָ, אָדם הכּהן לעבּענזאָהן, בּיי וועמען די העל־דען פון דראַמע זענען: אמת, שקר, אמונה, בּטחון — האָט נאָך קיינער אַזעלכע אַבּסטראַקטע „קאָסמאָפּאָליטישע" נעמען נישט אויסגעטראַכט; סיי דאָס טהעמאַ: דער כּח גבֿרא בּיים מאַן וואַקסט מיט דער אַרבּייט, און ער וויל געניסען אַ סך, אַ כּך פרויען; סיי די שפּראַך, וואָס איז, זאָל מיר פּינסקי מוחל זיין דעם כּבֿוד, כמעט נישט בּעסער פאַר א. מ. דיק'ס לשון, וואָס האָט מיט אַ כּונה געשריבּען וואָס מעהר דייטשע ווערטער, אום אויסצובּעסערן דעם „זשאַרגאָן", — אַלץ איז אין דער דראַ־מע אַזוי געמאַכט, אַז אי דער איבּערזעצער, אי דאָס גויאישקע טעאַטער זאָל נישט האָבּען צו־פיעל קאָפּדרעהעניש. אַי וואָס, פון שטאַנדפּונקט פון דער יודישער ליטעראַטור איז דאָס שפּראַכ־ליך אַנ'אמת'ער „זשאַרגאָן", אָהן לעבּען, אָהן זאַפט, טרוקען און צוקאַליעטשעט? — דאָס אַרט ווייניג דעם פערפאַסער, וואָס אַרבּייט אייגענטליך פאַר אַ פרעמדען פּובּליקום. אַלס בּיי־שפּיעל וועל איך זיך ערלויבּען בּריינגען אַ ליעדעל, וואָס עס זינגט דער אַרבּייטער אויף אַ פערמע, לעם:

„בּלומען, בּלומען אומעטום,
וואו איך קעהר מיך, ווענד מיך;

שכור ווער איך פון דעם דופט,
זייער פראַכט פערבלענדט מיך.
רויזען, ליליען, נעגעליך,
טיולפען און יאַסמינ'ען...
רויט און ווייס און בלוי און גאָלד —
עס פערגעהט דער זינען"...

איך גלויב, אַז דער לעזער וועט שוין אַליין אָבשאַצען די אָרימ־קייט פון דער שפּראַך, איהר צוקאַליעטשעטקייט, וואָס איז נוגע דעם גייסט פון יודיש, די געקינסטעלטקייט פון אָרימען ליעדעל און בכלל די אונמעגליכקייט פון אַזאַ ליעדעל אין מויל פון אַ געוועהנליכען פעלד־אַרבייטער. „עס פערגעהט דער זינען", קאָן מען זיך, דייטשמעריש, אויסדריקען, לייענענדיג דאָס פיינע ליעדעל.

אַזוינע ביישפּיעלען קאָן מען בריינגען אַ סך, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט פלאַץ דערויף.

נישט אויף דאָס, וואָס אונזערע דראַמאַטיקער „קריכען" אין פרעמ־דע טעאַטערס, דאַרפען מיר קלאָגען, נאָר דערויף, וואָס שריי־בענדיג מיט אַ בעזונדער כונה, גיבען זיי אונז שלעכט אָבגע־אַרבייטעטע זאַכען, הן אין שפּראַכליך, הן אין דער קינסטלערישער בעאַרבייטונג. אַ חרפּה קאָן מען אונז נישט מאַכען דערמיט, וואָס אַ יודיש טעאַטער־שטיק פאַלט דורך ביי די גוים. דער רצון פון אַנ'אַש און אַ פינסקי אַרויסצוגעהן אויף דער ברייטער ליטע־ראַרישער וועלט איז אַ גערעכטער און אַ נאַטירליכער. טרויעריג איז נור, וואָס דער רצון קומט פאַר דעם, ווען דער הייס־סער פערלאַנג אַרויסצוגעהן פון דער אייגשאַפּט בריהט אָב דאָס קינד, נאָך איידער עס איז אויסגעוואַקסען. און געגען דעם מוז פּראָטעסטירען איטליכער ליעבהאָבער פון דער ליטעראַטור, דאָ־פּעלט פּראָטעסטירען, ווייל צוליעב דעם לייהט שאָדען דאָס טאַ־לענט, ווי די ליטעראַטור.

II. ליטעראַרישע געשפּרעכען

ה. צייטלין.

(שריפטען, באנד I און II. פערלאג שימין,ווארשא).

איך געפין קוים אַ פּאַסיגערען בוך פאַר׳ן לעזער אין די ימים-נוראים-טעג, ווי ה׳ צייטלינ׳ס געזאַמעלטע אַרטיקלען. דאָס זענען ניי-מאָדישע מחזורים, דאָס איז אַ מין היינט-מאָדישע תּפלת-זכה, ביי וועלכער דער לעזער קאָן צוגעהן אין געוויין, ווי פאַרצייטען זיין זיידע ביים אַלטען מחזור. אין די טעג, ווען דאָס אַלטע יודענטום איז געוועהנט זיך אָבצוגעבען אַ קלאָרען חשבון-הנפש, זאָל דאָס יונגע יודענטום ניט שוינען איהרע נערווען, זיך פערטיעפען אין ה׳ צייטלינ׳ס שריפטען און זיך אויך אָבגעבען אַ קלאָרען חשבון פון איהר צעמישטען און צעדולטען לעבען. און לייענען דאַרף מען צייטלינ׳ען מיט דעם אַלטען בית-המדרש-נגון. מיט דעם קול-נגינה פון אַ מענשען, ביי וועמען די אינערע אויפרעגונג נעהמט שוין אָן דעם ריטהמוס פון אַ טרויעריגען נגון. זוכט ניט אין זיי קיין אויסערליכע געבונדענקייט, מיינט ניט צו געפינען אין זיי אַ גאַנצע זאַך, וואָס איז קלאָר צונויפגעשטעלט און רעגעלמעסיג פערענדיגט. האָבען דאָך דאָס אויך ניט בעקומען אונזערע טאַטעס און זיידעס אין דעם אַלטען מחזור, און פונדעסטוועגען האָבען זיי געשעפּט פון איהם גאַנצע קוואַלען פון געפיהלען און איבערלעבענישען.

ניט צופעליג הויבט-זיך-אָן דאָס בוך מיט׳ן אַרטיקעל „בענקשאַפט נאָך שענהייט“. פון אָנפאַנג ביז צום סוף גליהט אין איהם די אַלטע יודישע „בענקשאַפט“, וואָס מאַכט אַזוי ברייט אַ מענשענס האַרץ און וואָס פיהלט איהם אָן מיט אַזאַ זיסען, טיעפען ליידען. צווישען צוויי וועלטען שטעהט ה׳ צייטלין, — צווישען דער אַלטער מיט איהר טיעפער בענקשאַפט צו גאָט, שענקייט, תּפארת,

געטליכער האַרמאָניע, און צווישען דער נייער, וואָס האָט גע־באָרען אַ דור פון מענשען „אָהן ליעבע, אָהן רחמנות, אָהן קאָפּ און האַרץ און וואָס ווילען נאָך זיין די „מנהיגי הדור" מיט זיי־ערע אויסגע'פלפול'טע פּאַפּיערענע פּראָגראַמעלעך". די אַלטע וועלט פון די חז"ל, מקובלים, חסידים זעהט ער אין דער בעלייכטונג פון אַ ט י ע פּ ע ן ר אָ מ אַ נ ט י ק ע ר, די נייע וועלט ערשיינט פאַר איהם אין די גרעבסטע נ אַ ט ו ר אַ ל י ס ט י ש ע פּ אַ ר ב ע ן. צווי־שען ביידען זעהט ער ניט קיין שום איבערגאַנג, און צווישען דעם לעדיגען פינסטערען אָבשטאַנד צאַפּעלט זיך צייט־לינ'ס ליידענדע האַרץ, ווערענדיג געשליידערט ווי אין כּף־הקלע פון די פּאַרצייטיגע חז"ל צו דעם היינטיגען בחור'ל אין אַ שוואַרץ העמדעל. און וואַרפענדיג זיך אַזוי הין און הער, מאָלט ער אונז וואונדערליכע געשטאַלטען פון דער אַלטער יודישער קולטור און קאַריקאַטורען פון דער היינטיגער יודישער יוגענד.
זוכט ניט ביי ה' צייטלין אין געמעל די פּ אַ ר ב, איהר וועט זי ניט געפינען, אפשר נור די פּורפּור־רויטע פאַרב פון אַ פלאַם, וואָס ברענט זיך דורך אַ האַרטען פעלזען. זיין ווירקונג אויפ'ן לעזער איז אַ ריין מ ו ז י ק אַ ל י ש ע, ער צערידהרט איהם מעהר מיט דעם ביטערען ליידענדען טאָן פון זיין פּעדער, איידער מיט דער מאָלערישער שילדערונג. און אַזוי ווי ה' צייטלין וואַרפט זיך צווישען צוויי וועלטען — די איינע הויבט ער אין הימעל, די אַנדערע וואַרפט ער אַראָב עד שאול־תחתיה — און אַזוי ווי דער אָבשטאַנד פון די צוויי וועלטען איז מאוים'דיג גרויס — דערום קומט אַרויס די מוזיק ניט האַרמאָניש, דערום פעהלען איהר די אינסטרומענטען, וואָס מאַכען פון צעוואָרפענע נגונים איין־איינציגע סימפאָניע.
אין אַרטיקעל „בענקשאַפט נאָך שענהייט", וואו ה' צייטלין האָט צוזאַמענפעראייניגט די שפּרוכען פון אונזערע חז"ל, מקובלים און חסיד'ישע צדיקים וועגען שענהייט, האַרמאָניע, נאַטור, — וועלכע ניט קוקענדיג אויף דעם פּסוק „לא תעשה פסל ומסכה" האָבען זיך בעשאַפען אַ שענהייטס־אידעאַל ניט וועניגער, ווי די אַלטע גריכען, — שרייבט ער זעהר ריכטיג:
„בילדער און געשטאַלטען, אויף וועלכע די יודען האָבען תמיד

געקוקט, ווי אויף עטוואָס שלעכטעס, זענען בעהאַלטען געוואָ־
רען טיעף אין דער יודישער נשמה. דער יודישער גייסט, וואָס
האָט ניט געקאָנט שאַפען אויסערליך, האָט געשאַפען אינערליך".
און מיר דוכט זיך, אַז ה' צייטלין איז אַ נאַטירליך קינד פון
אַלטען פאָלק, וואָס האָט אַ רייכערען אינערליכען שענהייטס־געפיהל,
ווי דעם כח דאָס אויסערליך אויסצודריקען.
ווער עס האָט אָבער אַ געפיהל פאַר מוזיק, פאַר דער טיעפער
מוזיק פון אַן'אייביגער בענקשאַפט — שפירט, אַז טויזענדער
ליידען פיהרען דעם בויגען איבער ציטערדיגע געשפּאַנטע סטרו־
נעס און רייסען אַרויס פון צייטלין'ס פעדער התחלות פון טיעפע
נגונים.
צי לעבט ניט אין איהם אַ פונק פון ר' נחמן בראַצלאַווער'ס
נשמה, וועלכע האָט בעגריפען די וועלט, די נאַטור און גאָט
נור דורך דעם נגון זיינעם, וואָס האָט געזאָגט: „די גאַנצע וועלט
איז אַ נגון פאַר גאָט ברוך הוא. אין יעדער זאַך, אין יעדער
בריאה קלינגט עטוואָס פון וועלט־נגון... „יעדע אמונה האָט זיך
איהר זמר, וואָס פאַר אַן'אמונה אַזאַ זמר... אַפילו די אַפּיקורסות
האָט זיך איהר זמר"? און ווירקליך קיין אַרטיקעל פון ה' צייט־
לין מאַכט ניט אַזאַ טיעפען איינדרוק, ווי זיין „רבי נחמן", וואָס
איז דורך און דורך געווען אַ מוזיקאַלישער גאון, ביי וועמען
די בענקעניש צו גאָט האָט זיך אויסגעגאָסען אין אַ הייליגען
זמר און אין אַ ווילד־ריטהמישען רקוד, ביז ער איז געפאַלען
אָהנמעכטיג צו די פיס פון זיינע חסידים.
ה' צייטלין איז אַן'אמת'ער חסיד. פאַר איהם זענען די ווערטער
„כונה", „התלהבות" פיעל טייערער, ווי „עמקות" און „בקיאות".
ער גלויבט ניט אין די טיעפקייט פון אַ קאַלטען בקי. עס עקעלט
איהם אָב פון דעם היינטיגען יונגען דור, וואָס איז אַזוי בע'־
הבנ'ט אין אַלע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעאָריעס, מאַכט פול דעם
קאָפּ מיט אַלערליי פּלפּול'יסטישע פּראָגראַמען און האָט ניט
קיין פונק התלהבות ביי זיך. דער חסיד'ישער „ברען" האָט פער־
לאָפּט זיין האַרץ, און וואו ער בעגעגענט זיך מיט אַ קאַלטען,
כאָטש פּראַקטישען נוצליכען רחמנות־געפיהל — פיהלט ער אַ
טיעפען אינערליכען שמערץ. ווען אויך דער שפּיעגעל, וואָס ער

האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר דעם היינטיגען דור אין זיינע „ערנסטע שמועסען“ איז אַ ביסעל קרום געשליפֿען, אָבער יעדער דענקענדער מענש, וועלכער זעהט הינטער דער קאַריקאַטור דעם אמת׳ן פּנים, — וועט מוזען מודה זיין, אַז צייטלינ׳ס שפּיעגעל מעג שטעהן אין איטליכען חדר פֿון אַ היינטיגען בחור, צי רופֿט ער זיך ציוניסט, בונדיסט אָדער ס.-ס.-ווערץ.

די ווערדע פֿון צייטלינ׳ס שריפֿטען איז די, וואָס ביי אַלע זיינע פֿעהלערען בעזיצט ער דעם כּח צו הויבען זיין לעזער פֿון אָרט. אַליין אַ געשליידערטער פֿון איין וועלט אין די אַנדערע — שטויסט ער זיך אָן מיט זיין טיעף-בענקענדיגער נשמה אָן די פֿוילע פּלייצעס פֿון לעזער און שליידערט-איהם-מיט אַ שטיק וועג.

צייטלין, ביי וועמען עס האָבען זיך אויסגעמישט די פֿאָרמען פֿון אַלטען יודענטום מיט דער היינטיגער בילדונג — איז אַזאַ כאַראַקטעריסטישע געשטאַלט אין אונזער היינטיגער ליטעראַטור, דאָס מען קאָן גלייכגילטיג ניט פֿאַרבייגעהן פֿאַר איהם. דער אַלטער מגיד׳ישער טאָן איז צייטענווייז עהנליך צו דער שטים פֿונ׳ם פֿראַנצויזישען פּאַטער לאַמענע, וואָס האָט פֿערלאָזען די קירכע און דעם בייכטשטוהל און איז געוואָרען אַ וועלטליכער גרינדער און פֿיהרער פֿון דער קאַטוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די טיעפֿע בענקשאַפֿט זיינע נאָך אַן׳אידעאַלער האַרמאָניע אין היינטיגען יודישען גייסטיגען לעבען דערמאָנט אונז אָן די גרינדער פֿון חסיד׳יזמוס און דעם געניאַלען ניעטשע, וואָס האָט אפשר געהאַט די חסיד׳ישע התלהבות, אָבער ניט דעם טיעפֿען גלויבען פֿון אַ בעש״ט. מאַנכסמאָל לאָזט ער זיך אַראָב צום איינפֿאַכען גאַסען-טאָן, און מאַנכסמאָל רעדט ער די שווערע, טיעפֿע שפּראַכע פֿון אַן׳אַלטען מקובל.

וואָס ער זאָל אָבער נישט שרייבען, וואָס פֿאַר אַ התחלה פֿון אַ נגון ער זאָל ניט אָנהויבען — שטענדיג פֿיהלען מיר די שטאַרק-געשליידערטע נשמה פֿון אַ מענשען, וואָס בעוועגט זיך צווישען צוויי וועלטען — אַן׳אַלטע אַ ראָמאַנטישע, אַ נייע אַ גראָב-נאַטוראַליסטישע, און וואָס געהט אויס פֿון אַ טיעפֿער עבּיגער בענקשאַפֿט, פֿון אַ בענקשאַפֿט, וואָס איז שטענדיג געווען און

וועט בלייבען דער פרינציפּ פון דער וועלט-שעפּפונג.
און וויל מען זיך אָבגעבען אַ חשבון פונ'ם אייגענעם מענשען, זאָל מען ניט שוינען די נערוועז און צולעגען אַנ'אויער צו דער ווילדער מעלאָדיע פון אַ נשמה, וואָס לעבט אין הוילע בענקעניש, וואָס האָט בעגריפען דעם טיעפען וואָרט:
„צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי".

אברהם רייזען.

זעהר אָפט ווערט מיר געמאַכט די בעשולדיגונג, פאַרוואָס מייד איך אַזוי האַרטנעקיג אויס אַזאַ ליטעראַרישע פּערזענליכקייט, ווי א. רייזען. שוין דאָס אַליין, וואָס א. רייזען געהערט צו די בעליעבטעסטע פאָלקס-פּאָעטען און ערצעהלער — איז שוין גענוג, אַז דער קריטיקער זאָל זיך ערנסטער מיט איהם אָבגעבען. חוץ דעם מוז איך מודה זיין, אַז איך געהער אויך צו די, וואָס שעצען און אַכטען א. רייזינ'ס ווערק. און דאָך האָב איך קיינמאָל נישט געשפּירט קיין השק, זיך גענויער צו בעשעפטיגען מיט אַ. רייזינ'ס מוזע.

ווען דאָס וואָלט געווען נור מיין פערהעלטניס צו רייזעניען, וואָלט דאָס גאָר געהאַט אַ קליינע ווערדע. יעדער מענש, ווי אָביעקטיוו ער זאָל נישט וועלען זיין, טראָגט זיך אַרום מיט סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען. איך רייד שוין נישט דערפון, אַז איטליכער האָט זיינע גרענעצען, און נישט אַלץ איז איהם געגעבען צו פערשטעהן. „קיינער איזט פאָן מיינער טהיר געגאַנגען, אָהנע דאַס איך איהם פערשטענדניס ענטגעגענגעבראַכטע”, האָט נאָר געקאָנט זאָגען דער 18-יאָהריגער לאָהיס, וואָס איז היינט אויף דער עלטער בעקאַנט מיט נאָמען הוגאָ פאָן האָפמאַנסטהאַל. און איך בין שטאַרק מסופּק, אויב דער 35-יאָהריגער האָפמאַנסטהאַל וועט איצט איבער'חזר'ן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט צו 18 יאָהר.

איז אָבער די בעציהונג צו רייזעניען נישט נור ביי מיר קאַלט, נאָר אויך ביי אַנדערע בעקאַנטע ליטעראַטען און קריטיקער. איך דאַרף נאָר ערינערן אָן נאָמבערג'ס אַרטיקעל און אָן ניגער'ס. פאַר דעם פערגינסטיגערען לעזער איז קלאָר, אַז ביידען איז רייזען נישט צוגעוואַקסען צום האַרצען, און אויב זיי שרייבען וועגען איהם, טהיען

זיי דאָס אויס אַ געוויסען פּליטה-געפיהל. נאָר גאָהיס נישט, חייל זייער געמיט פיהלט מיט רייזענ'ס פּאָעזיע.

* *
*

א. רייזען איז אַריינגעטרעטען אין דער ליטעראַטור פאַר אַ יאָהר 10—12 צוריק. גראָד אין דער צייט, ווען אין יודישען לעבען האָבען אויפגעבליהט אַלערליי האָפנונגען און הלומות. אין די 90-ער יאָהרען איז געבאָרען געוואָרען דער מאָדערנער ציוניזמוס, דער בונדיזמוס צוגלייך מיט דער האָפנונג צו פערענטפערען די יודישע פראַגע אויפ'ן אָרט, אין זין פון די שפּעטערדיגע אויטאָנאָמיסטען. און די שטימונג פון דער יודישער אינטעליגענץ איז צוגלייך געווען אַ ראָמאַנטישע, אַנ'אוטאָפּיסטישע, אַ קריטישע, אָבער אַלערדינגס נישט קיין נאַטוראַליסטישע. ווענינער פאַר אַליץ האָט מען זיך אינטערעסירט מיט דעם נאָהענסטען, פשוט'ען לעבען. דער בונדיסט האָט גע'חלום'ט פון אַ גוי'שקען יודען אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שימעל און די פחדנות פון אַ גהעטאָ-יודען. דעם ציוניסט האָט זיך געמאָלט אַ רענעסאַנס-יוד אין קאָסטיום פון אַ לאַנדמאַן, אַנ'אַקערבויער, ווי אין דער צייט פון ישעיהו הנביא. ער האָט בעקומען אַ גרויסען אינטערעס צו דער אַלטער יודישער געשיכטע, נאָר ער איז מיט אַ כיון אַריבערגעשפּרונגען אַנ'עפּאָכע פון 100 יאָהר, די עפּאָכע, ווען אין פוילען און ליטא האָט זיך אויסגעבילדעט דער „מה יפית'ניק“. די אויטאָנאָמיסטען, רעאַל-פּאָליטיקער האָבען געקוקט אויף דעם היינטיגען געטאָ-יודען, ווי אויף דעם פּועל-יוצא פון הונדערטיאָהריגע בעגרענצונגען. אַלעמען אָבער האָט פערבונדען די פעראַכטונג צום פּשוט'ן, יודישען לעבען, ווי ער שילדערט זיך אין די מעשה'לעך פון אַנ'אברהם רייזען. סיי דעם ציוניסט, ווי דעם בונדיסט האָט אָבגעשטויסען דער „קבצנ'ישער טיפּ“ פון רייזענ'ס העלדען. מיט אַ קבצן האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע ווענינ וואָס צו טה'אָן. פון אַ קבצן ענטוויקעלט זיך נישט דער בעוואוסטזיניגער פּראָלעטאַריאַט. און אויך דער ציוניסט בויט נישט זיינע פּלענער אויף דעם קבצן, אויך ער זאַמעלט צונויף די יונגע קרעפטען פון פאָלק, אויך ער האָפט נישט, אַז די גאולה קען קומען פון דער אינגאַנצענזירטער מאַסע קבצנים.

און ווען אויך צו יענער צייט האָט זיך ענטוויקעלט אויף דאָס־נייע דאָס אינטערעס צו ר׳ מענדעלין, צו פּרץ׳ן, ערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט באמת׳ן סאַטיריש אויסגעלאַכט די אַלטע וועלט, און דאָס אינטערעס צו פּרץ׳ן האָט הויפּטזעכליך אָנגעהויבען צו שטייגען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אָנגעהויבען ראָמאַנטיש צו בעלעבען די חסיד׳ישע וועלט, אַלס אַ וועלט, וואָס איז דורך איהר געמיטס־שטימונג פיעל נעהנטער דעם פֿערשטענדניס פֿון דעם היינטיגען תחיה־יודען, און וואָס שילדערט דעם יודען אַ יום־טוב׳דיגען, אַנ׳אויסגעפּוצטען, געבענשט מיט דעם חן פֿון אַ נאַאיווען גלויבען. דערמיט ערקלערט זיך אויך דער סאָציאַלער אינטערעס צום טאַלענט פֿון אַ ש. אַש. אויך ש. אַש האָט אונז געוויזען אַנ׳אַנדער יודען, אין די פֿאָרמען פֿון אַ יונגער ראָמאַנטיק, אין דעם רוהיגען גלאַנץ פֿון חנו׳דיגער אידיליע. רייזען אָבער האָט ניט געקענט וועקען מיט זיינע נאָוועלען ניט קיין געלעכטער, נים קיין קריטישע, ניט קיין ראָמאַנטישע געפֿיהלען. זיינע ליעדער, וואָס זענען [illegible] אַזוי איינפאַך אָנגעשריבען, דאָס צייטענווייז דערמאָהנען זיי די פשטות פֿון אַ פֿאָלקס־ליעד, און צייטענווייז — פּראָזאַ אין גראַמען, און וואָס ריידען מעהר צו אונזערע רחמנות־געפֿיהלען, ווי צו אונזער בויענדער און שאַפֿענדער שטימונג — האָבען נישט געקענט געפֿינען קיין אָבקלאַנג אין האַרץ פֿון דער אינטעליגענץ פֿון זיין דור. גראָד דאָס, צו וואָס מען האָט געשטרעבט: צוגעהן צום לעבען מיט הענינער רחמנות, מיט מעהר צוטרויען צו די קרעפֿטען פֿון דער מאַסע, האָט נישט געפֿונען קיין אויסדרוק אין רייזען׳ס פּאָעזיע. אייביג מאָלט ער אונז צוטראָטענע, פֿערשמאַכטע, פֿער׳הלש׳טע מענשען, וואָס זענען אָרעם אין גייסט און אין געלד, צובראָכענע נשמות, געפֿאַלענע נגידים, ביי וועמען די געפֿיהלען פֿון אַמאָליגער נגידות איז מעהר נישט, ווי אַנ־איבעריגע משא, און וועלכע טרינקען זיך מיט אַזאַ געזעצמעסיגקייט, ווי ווען אַ שטיין וואָלט זיי געצויגען אין דעם פֿינסטערען תהום. און אויב מען קומט צו מענשען מיט אַ תחינות־פּנים׳ל אין דער צייט, ווען מיר האָבען געבענקט נאָך אַ שטיקעלע אַכזריות אין האַרצען — קען מען נישט פֿערלאַנגען אַ פֿריינדליכען קבלת פּנים. און אַז מיר האָבען געבענקט נאָך [illegible]כזריות־געפֿיהלען, ד. ה. צו אַנ׳אַכזריות׳דיגען פֿערהעלטניס צו זיך און צו אונזער יודישען

קיום — הייסען דאָס אַלע די, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען צו איינע פון די לעצטע כלל׳ישע בעוועגונגען צווישען יודען. דער ציוניזם איז דער גרעסטער אַכזור, ווען ער צוגליידערט דאָס לעבען פון היינטיגען יודען, זיין נאָהענטע פערגאַנגענהייט און זיין שלעכטע געגענוואַרט. דער בונדיזמוס האָט נישט מיט וועניגער אַכזריות אַרויסגערופען אַ פערברענטע שנאה ביי פערשיעדענע טיילען פון דער יודישער געזעלשאַפט. גראָד אין דער צייט, ווען מענשען זעהען די שאָטענס פון אַ בעסערער צוקונפט, ברעכען זיי מיט אַכזריות אַלע מניעות פון אַ געגענוואַרט, וואָס דערווייטערט די גאולה. מיט וואָס פאַר פעסטיגקייט דער ציוניזמוס האָט מעהר מאָל ערקלערט, אַז ער וויל נישט האָבען צו טאָן מיט די פּרינציפּען פון פילאַנטראָפּיע און בעלי־רחמנות, אַז ער פאָדערט קרבנות ביי זיינע אָנהענגער, נישט דעם קרעכץ פון אַ הייכען צוקראָכענעם געמיט. און וואָס פאַר אַן׳אַכזור עס איז געווען דער בונדיזם, ווייסען אַלע צו גענוי, אַז מען זאָל זיך לענגער אויף דעם אָבשטעלען.

א. רייזין האָט אָבער אונז שטענדיג געטייטעלט אין די אויגען מיט די בילדער פון אַ וועלט, וואָס איז אויסערליך און אינערליך צוקראָכען, וואָס קען מעהר נישט גלאָצען מיט די קוקערס צום הימעל, און ביי וועמען דער מלאך המות איז אַזאַ נאָהענטער קרוב ווי דער מלאך גבריאל. ווען א. רייזין איז פון טעות וועגען דאָך אָנגענומען געוואָרען ביי די תלמידים פון „בונד", האָט ער דאָס מעהר צו פערדאַנקען זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע מאָטיווען, ווי דעם הויפּטאינהאַלט פון זיינע ליטעראַרישע ווערק. חוץ דעם האָבען נאָך מיטגעשפּיעלט דערביי צופעליגע אורזאַכען, ווי זיין בלינדע שנאה צום ציוניזם, די האַמעטענע אַרט זיך איינצושטעלען פאַר׳ן זשאַרגאָן א. ז. וו.

* *

*

איך וויל נישט לייקענען, אַז א. רייזין בעזיצט די נויטיגע טעכניק פאַר זיין ערצעהלער־טאַלענט, אַז מאַנכע לידער פון איהם מעגען דרייסט קאָנקורירען מיט עכטע פאָלקס־לידער, אַז ער בעזיצט אַ געבאָרענע אינטעליגענץ צו פערענדיגען אָפט זיינע קליי-

נע נאָוועלען און לידער מיט אַ שאַרפזיניגען וויץ, מיט אַ שפּיציג וואָרט. אָבער אין זיינע ליטעראַרישע אַרבייטען זעהען מיר קיינמאָל נישט דעם נייעם יוד, וועמען ס'איז שוין מיאוס געוואָרען דאָס אייביגע לידעל פון רחמנות, און וואָס טהוט זיך ערציהען צו אַ פעסטערען, ווילענשטאַרקען און שעפערישען לעבען פאַר די אייגענע אינדיווידועלע צוקונפט, און פאַר די צוקונפט פון זיין פאָלק.

א. רייזין האָט געהאַט אַזאַ בידנעם מזל צו זינגען אַלטע לידער פאַר נייע פייגעל. און חאָטש ער זינגט זיי מיט אַ געבאָרענעם עכטען טאַלענט, אָבער די נייע פויגעל זענען אַזוי אונדאַנקבאַר, דאָס זיי זענען אָפט מוחל טאַלענט, קונסט, ווען אין דעם ליעד הערט זיך נישט די מעלאָדיע פון אַ נייער צייט. מען דאַרף נישט קיין גרעסערן אַכזר, ווי ביאַליק'ן — און ווי ליעב האָט מען איהם! מען דאַרף נישט קיין גרעסערן בעל-רחמנות פון א. רייזין, — און קיינער פיהלט זיך נישט היימיש אין דעם גערטעלע פון זיין פאָעזיע!

אפשר זענען מיר נישט גערעכט קעגען רייזענען — איך מיין אַפילו, אַז מיר זענען אַודאי אונגערעכט קעגען איהם — אָבער אונזער געפיהל פאַר די צייט, וואָס מיר לעבען דורך איצט, דערלאָזט נישט צו קיין סימפּאַטיען פאַר אַ שרייבער, וואָס זעהט נאָר ביי יודען דעם קבצן מיט זיין קבצנ'ישען געמיט, און איז בלינד פאַר די ליכטיגערע זייטען פון זיין אַלטער רייכער נשמה.

דר. נתן בירנבוים.

צווישען די אָריגינעלע געשטאַלטען, וואָס האָבען אַרויסגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַל־יודישען געדאַנקען, איז נ. בירנבוים איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע. שוין אַלס יונגער סטודענט, מיט קנאַפּע יודישע קענטניסען, אָבער מיט'ן פאַרגעפיהל פון דער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיין גזע, טרעט ער אַרויס מיט זיין צייטונג „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן“, וועלכע, היסטאָריש גענומען, איז געווען די ערשטע ציוניסטישע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך. אַלס עסטרייכער יוד איז ער אויסגעוואַקסען אין אַ סביבה פון נאַציאָנאַלע קאַמפּפען. אָנשטאָט אָבער זיך אָנצושליסען אָהן איינע פון די קעמפּפענדע נאַציאָנאַליטעטען, ווי טויזענדער אַנדערע פון זיינע געבילדעטע חברים, האָט ער געזוכט צו ענטדעקען ביי זיך זיין אייגענעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. אין דעם זידענדיגען קעסעל, וואו עס מישען זיך אויס מאַדיאַרען, טשעכען, רוסינען און דייטשען, האָט ער ענטדעקט אַ נייעם עלעמענט: די יודישע נאַציאָן. די פּאָראַרבייט פון אַ פּרץ סמאָלענסקין, פון די ערשטע רוסישע חובבי ציון זענען קוים דערגאַנגען צו זיין גייסטיגען אויג. ווי אַ טיעפע, ווייטע מעלאָדיע זענען זיי איינגעדרונגען אין זיין אויער. אָבער פאַר די פּערזאָן פון נתן בירנבוים איז דאָס געווען גענוג אום צו פיהלען די ערנסטקייט פון דער טעמפּער מעלאָדיע. דער כח הבטול, מיט וואָס דער געוועהנליכער יוד צייכענט זיך לײדער אַזוי אויס, האָט אויף איהם קיין שליטה נישט געהאַט. ער האָט דערפיהלט, אַז עס הויבט זיך אָן עפּעס צו וועבען ביי איינצעלנע מענשען פון יודישען כלל, און אַז פון דעם געוועב וועט אַמאָל בולט אַרויסשפּרינגען די יודישע נאַציאָנאַ־

לע פֿראַגע. כאָטש נ. בירנבוים האָט שוין געהאַט אַזעלכע פֿאָר־גענגער, ווי פּ. סמאָלענסקין, מ. ל. ליליענבלום און ד"ר פּינס־קער, — אָבער געפֿיהלט האָט ער זיך, ווי דער ערשטער, ווי דער יעגער, וואָס איז צוערשט געפֿאַלען אויף די שפּור פֿון דער חיה.

די אידעע פֿון אַ יודישען שטאַאַט אין ארץ ישראל איז פֿריה געוואָרען זיין גייסטיגע האַלוציאַנאַציע. נאָר איידער ער האָט זיך קלאָר געמאַכט די פֿראַגע וועגען מענשען־מאַטעריאַל, וואָס דאַרף בויען דעם יודענשטאַאַט, האָט ער שוין אינערליך גע־פֿיהלט, אַז זיין טרוימענבילד איז נישט קיין געבורט פֿון אַ קראַנקען מח, נאָר די זעהונג פֿון אַ נביא.

רוסאָ דערצעהלט, אַז בשעת עס איז פֿאַר איהם מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען די אידעע פֿון זיין שפּעטערדיגען בעריהמטען בוך "Contract social" האָט ער זיך פּלעצליך דערפֿיהלט אַזוי גליקליך, איבערגליקליך, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצען. גע־ראַד איז ער געגאַנגען דענמאָלסט אויף אַן'אָבגעלעגענעם שאָ־סע, ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין און האָט זיך פֿאַ־נאַנדערגעוויינט פֿון אַן'איבערוועניגסטען גליק.

איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק נאָהענט צו קענען די שעפּ־פֿער פֿון אונזער מאָדערנעם ציוניזם, נאָר איך צווייפֿעל נישט, אַז מאַנכע פֿון זיי האָבען נישט איינמאָל געוויינט מיט פֿריידענ־טרעהרען, בשעת זיי האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן פֿאַר זייער גייסטיגען אויג די זעהונג פֿון זייער אידעאַל. נ. בירנ־בוים, וואָס טראָגט אויף זיך, דוכט זיך, אַלע די דאגות פֿון אַ יודישער תחיה, וואָס קוקט אַזוי פֿערביטערט און פֿערבייזט אויף אייך דורך די דיקע ברילען־גלעזער פֿון זיינע קורצזיכטיגע אויגען, איז, גלויבט מיר, אַם וועניגסטען בעפֿרייט געוואָרען פֿון רוסאָ'ס פֿריידענ־טרעהרען. צווישען די שעפּפֿער פֿון יודישען רענעסאַנס איז דאָס געווען דער האַלוציאַניסט, דער זעהער, ביי וועמען די גרויסע האַרמאָ־ניע האָט זיך מיט דער שטאַרקייט פֿון אַ בליץ, מיט דעם קראַנץ פֿון אַ גרויסער ליכטיגקייט.

* * *

ביי דער ערשטער יוגענד-פּראָבע איז נ. ב. נישט געבליבען שטעהן. זיין זשורנאַל „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן“ האָט, דאַכט זיך, קיין יאָהר ניט אויסגעלעבט. ער פערעפענטליכט פּראָפּאַגאַנדע-בראָשורען אין דער דייטשער שפּראַך, און זוכט דורך וואָרט און שריפט צו פעראינטערעסירען די שטודירענדע יוגענד און די מענער פון דער וויסענשאַפט. מיט דעמזעלבען צעזאַראָ לאָמבראָזאָ, וועלכער האָט בעגריסט דעם צווייטען באַזעלער קאָנגרעס, איז שוין זייט יאָהרען געשטאַנען נ. בירנבוים אין בריעף-וועקסעל וועגען דער יודיש-נאַציאָנאַלער אידעע. יאָהרען לאַנג איז ער געווען דער פיהרער פון וויענער פעראיין „קדימה“, און ווען עס בעווייזען זיך איצט ביי אונז אויף די קאָנגרעסען פערשיעדענע דעלעגאַטען פון גאַליציען און עסטרייך, האָבען מיר אַ סך דאָס צו פערדאַנקען דער אַרבייט פון נ. בירנבוים.

און זיין אַרבייט איז ניט געווען בלויז אַן אָרגאַניזאַטאָרישע און אַגיטאַציאָנע. פאַר פיעלע ציוניסטען פון מערב-אייראָפּאַ איז נ. בירנבוים געווען דער ערשטער טעאָרעטיקער. זיין בוך „די יודישע מאָדערנע“, וואו ער האָט געפּרובט פעראייניגען דעם ציוניסטישען אידעאַל אינאיינעם מיט די פאָדערונגען פון סאָציאַליזמוס און דער אינדיווידואַליטעט-טעאָריע, איז פאַר פיעלע געווען אַ מין יודישער עוואַנגעליום. לעזט מען זיינע אַרטיקלען צושטרייט אין פערשיעדענע זשורנאַלען און אַלמאַנאַכען, געפינט מען אין זיי די צווייפלען און פראַגען, וועלכע דערנעהרען איהם צו אַלע שפּעטערע יודישע בעוועגונגען. סיי דער בונדיסט, ווי דער שפּעטערדיגער פּועל-ציון'ניק קענען געפינען אין בירנבוים'ס אַנאַליטיש-גריבלערישע שריפטען דיזעלבע פּראָבלעמען, צוליעב וועלכע זיי האָבען זיך אָבגעטיילט פון דעם געוועהנליכען בעל-הבית'שען ציוניסט.

דער סאָציאַליזמוס האָט נישט געטראָפען אין נ. ב. אַ קלענערען ענטוזיאַסט, ווי די יודישע געגענוואַרטס-אַרבייט אין די לענדער פון גלות. נאָך איידער עס איז געווען דער בערידמטער העלזינגפאָרסער צוזאַמענפאָהר, איז שוין נ. ב. אַרויסגעטרעטען פאַר אַ בריטען פּאָליטישען געגענוואַרטס-אַרבייט-פּראָגראַם צווישען די עסטרייכישע

יודען. דורך אַ גליקליכען צופאַל איז נ. ב. געבאָרען געוואָרען אין עסטרייך, זיך פריה בעקאָנט מיט דער פּסיהאָלאָגיע פון די גרויסע יודישע מאַסען אין גאַליציען און דערביי בעקומען אַנ׳עכט-אייראָפּעאישע ערציהונג. פערברענגענדיג זיינע יונגע יאָהרען אין דער סביבה פון דער מערב-אייראָפּעאישער קולטור. אַלצדינג צוזאַמען האָט געבראַכט דערצו, אַז נ. ב. איז געוואָרען דער נאַטירליכער רינג, וואָס קייטעלטצוזאַמען דעם אָסט-יודען און דעם וועסט-יודען. ער איז אין געוויסען זין געוואָרען דער מערב-אייראָפּעאישער אַחד-העם, דערביי פיעל קאָמפּליצירטער, האָטש נישט אַזוי קלאַסיש קלאָר, ווי דער רוסישער.

נישט איין גייסטיגען קריזיס האָט דורכגעמאַכט נ. בירנבוים. דער צאַרטער געוויסען, וואָס האָט איהם געטריבען צו זיינע נישט אָרגאַניזירטע ברידער, אין וועלכע ער האָט דערקענט אַלע סמנים פון אַ ליידענדער נאַציאָן, דער אייגענער געוויסען האָט איהם געטריבען צו דער גרויסער, אַרבייטענדער, ליידענדער מאַסע, וואָס האָט נאָר על-פּי טעות פערלאָרען אידרע כלי זיין געגען די בעדריקער. און גרויס איז געווען זיין „ריס אין האַרצען“ אידער ער האָט טעאָרעטיש פעראייניגט ביידע פאָדערונגען פון זיין גייסט. די אַלטע זעהונג איז געבליבען פריש ווי אין דער יוגענד, נאָר די פּערספּעקטיווע האָט זיך געענדערט. דאָס נאָהענטע האָט זיך ווייט אָבגערוקט. „פריי פליסען די געדאַנקען, אָבער האַרט שלאָגען זיי זיך אָב אין רוים“. דער רוהיגער איינזייטיגער,—אַ כונ׳דיגע איינזייטיגקייט,—אַחד-העמ׳יזמוס, האָט נישט געקענט בעפריעדיגען אַ נ. ב. ער בויט נישט קיין איינציגע ציגעל פאַר זיין קינפטיגען שלאָס, ער וויל זיין סיי דער אַרכיטעקט, סיי דער מאַלער, סיי דער איינפאַכער מויערער. ער וויל דעם גאַנצען בנין אויפבויען. „אין בעשרענקטהייט צייגט זיך דער מייסטער“,— זאָגט געטהע, אָבער נ. ב. גלויבט נישט אין דעם זאַץ. ער איז נישט מקנא אַנ׳אַחד-העם, וואָס קוקט אויף דעם יודען מיט דעם רוהיגען בליק פון אַ פאָלקס-קינד, וואָס האָט אַ טויזענד-יאָהריגע געשיכטע, פון שפּיץ פון די עגיפּטישע פּיראַמידען, און ביי וועמען ס׳איז נישטאָ קיין אַיילעניש אין זיינע פּלענער: „לכל עת ולכל זמן“, אַלע ווידערשפּריכע וועלען זיך אויסגלייכען. אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי אַלט, האָט צייט. נ. ב. איז גראַדע דער געגענזאַץ פון אַחד-העם. אַזוי

זוי יענער שטעקט מיט לייב און לעבען אין דעם אַלטען יודענטום, אַזוי איז בירנבוים פול אָנגעוועהטאָגט פון פיין און נויט פון דער געגענוואַרט.

יעדער צייטשטראָם פערשלינגט איהם אויף אַ ווײַלע, דורך זיינע וועלען אַזוי שטאַרק, אַז צייטענווייז פערטרינקען זיי אויך זיין יוגענד־זעהונג. אָבער באַלד שווימט ער ווידער אַרויס פון דעם תהום, וואָס האָט איהם אַ ווײַלע פערשלונגען, און זיין מוה אַרבייט שוין אויף אַ בריי־טערע סינטעזע, אין וועלכער עס זאָל אַריין אי זיין ציוניזמוס, אי די גייע, גערעכטע צייטפאָדערונגען.

דערביי ווייזט ער אַרויס אַ געוואַלדיגע עקשנות. ער שטעלט זיך נישט אָב פאַר קיין צייט־קרבן. צוליעב דעם ציוניזמוס האָט זיך בירנבוים אויף די עלטערע יאָהרען אויסגעלערנט העברעאיש. און פונקט, אַזוי ווי די בעגייסטערונג פאַר איבסען האָט איהם געבראַכט דערצו, אין נויט און דחקות צו לערנען דעניש, אַט אַזוי האָט ער זיך גענומען צו עטליכע 40 יאָהר פון זיין לעבען זיך אויסצולערנען ריידען און שרייבען יודיש. אין דעם טאָג, וואָס ער האָט די יודישע שפּראַכענקאָנפערענץ פערענטפערט אין זין פון דער שפּעטערדיגער טשער־נאָוויצער קאָנפערענץ (וועלכע ער האָט אייגענטליך צוזאַמענגערופען), האָט ער געפיהלט די הייליגקייט פון זיין פליכט צו זיין אַ זשאַרגאָ־ניסט, נישט ערגער ווי אַ מענש פון די גרויסע יודישע פאָלקס־מאַסען.

* *

*

עס איז נישט מעגליך אָבצושאַצען נ. ב. אַלס דעם געדאַנקען־העלד פון דער יודישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, כל זמן עס ליגען נישט פאַר אונז זיינע זעמטליכע שריפטען, וואָס ווערען אַזוי אונגעדולדיג ערוואַרטעט פון פיעלע זיינע פערעהרער. אָבער דאָס ווייס שוין היינט יעדער, וואָס איז גענוי בעקאַנט מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם ציוניס־טישען געדאַנקען, אַז דר. נ. בירנבוים'ס גרעסטע בעדייטונג בע־שטעהט אין דעם, וואָס ער האָט מיט פיל קענטניס און טיפקייט ענטוויקעלט דאָס נאַציאָנאַל־יודישע פּראָבלעם. די פּערזאָן פון נ. ב. קען מען נעהמען אַלס סימבאָל פאַר אַלע יודישע פראַקציאָנען אין ציוניזמוס, די פועלי־ציון, ווי די דעמאָקראַטישע פראַקציאָן, די סיימיסטען, ווי די אויטאָנאָמיסטען. ער איז די בריק, וואָס פעראייניגט דעם אָבסט־

יודישען מיט׳ן וועסטליכֿען, טעאָרעטישען ציוניזמוס. ער איז צוגלייך דער גרויסער זוכֿער, וואָס מיהט זיך צו מאַכֿען פֿון ציוניזם אַ ברייטע, נאַציאָנאַלע וועלטאָנשויאונג, אין וועלכֿען עס פֿליסט אויך אַריין דער שטראָם פֿון אַלגעמיין-מענשליכֿע שטרעבונגען. דורך זיין אייביגעם גריבלען, דורך זיינע אייביגע צווייפֿלען ווירקט ער, ווי די האַנד פֿון אַ שטרענגען מדריך, וואָס לאָזט נישט אויף אַ רגע איינדרעמלען. און אַקוראַט, ווי ער וואָלט געפיהלט, אַז זיין אָרט איז נישט צווישען די „אויספיהרענדע געוואַלט“, האָט ער זיך אָבגערוקט פֿון די אָפּיציעלע פיהרער פֿון דער בעוועגונג, און זוכֿט נור די יונענד, דעם זעהנזוכֿטפֿאָלען בליק פֿון אַ טאַלענטפֿאָלער יונגער נשמה, וואָס וויל נישט וויסען פֿון אַלערליי פֿעסטע „קרעדא׳ס“.

צווישען די „גענעראַלען“ פון איצטיגען ציוניזמוס איז נ. ב. דער „נביא“ פֿון איהם, און צווישען דעם קליינעם אָנצאָהל „נביאים“ וועט זיין נאָמען שטעהן אין די ערשטע רייהען.

זיין פֿינף-און צוואַנציגסטער שרייבער-יובילעאום וועט באַלד נאָך בולט׳ער אַרויסווייזען, ווי טיעף ער וואָרצעלט אין די הערצער פון אונזער דענקענדער יוגענד. אַלס אַ בשורה פאַר׳ן יודישען לעזער קענען מיר מודיע זיין, אַז קירצליך וועלען אַ טייל פון זיינע שריפֿטען ערשיינען אין יודיש אונטער דער השגחה פון מחבר אַליין.

ל. קאַבּרין.

געזאַמעלטע שריפטען, ניו-יאָרק.

ל. קאָבּרין האָט אָנגעהויבּען צו שרייבּען מיט אַ יאָהר 17 צוריק, ער געהערט צו די געצעהלטע יודיש-אַמעריקאַנישע שרייבּער, וועלכע האָבּען געהאָלפען בּעשאַפען אַן׳אַמעריקאַנישע יודישע בּעלעטריסטישע און דראַמאַטישע ליטעראַטור. יעקבֿ גאָרדין, ז. ליבּין און ל. קאָבּרין זענען די שפּיצען פון דער דאָזיגער ליטעראַטור. דער ערשטער נאָמען איז בּיי אונז גענוג פּאָפּולער, ווייניגער פּאָפּולער זענען בּיי אונז די לעצטע צוויי נעמען. כאָטש יעס ליעגט שוין אַ יאָהר 10 בּיי אונזערע בּוכהענדלער אַ בּאַנד נאָוועלען פון איהם, כאָטש פאַר צוויי-יאָהרען האָט ער אונז מהנה געווען מיט אַ גראָבּען ראָמאַן פון יודישען עמיגראַנטישען לעבּען — פונדעסטוועגען. איז ל. קאָבּרין זעהר ווייניג בּעקאַנט בּיי אונז. דער גאַנצער קאָבּרין ליעגט צוזייהט און צושפּרייט אין דער יודיש-אַמעריקאַנישער פּרעסע. ער, וואָס איז הויפּטזעכליך אַ נאָוועליסט, דער טעכניקער פון דער קורצער מעשה׳לע, קאָן נור דעמאָלט בּעקומען די ריכטיגע אָפּשאַצונג, ווען זיינע צושפּרייטע נאָוועלען זאָלען ווערען געזאַמעלט אויף איין אָרט. און דאָס האָט ערשט פּאַסירט, ווען דער אַמעריקאַנישער זשורנאַל „צוקונפט“ האָט געגעבּען אַלס פּרעמיע זיינע אַבּאָנענטען די געזאַמעלטע שריפטען פון ל. קאָבּרין, אַ שעהן-געדרוקטען בּאַנד פון 974 זייטען, וואָס ענטהאַלט 70 געקליבּענע נאָוועלען.

צי האָט געוואונען ל. קאָבּרינ׳ס נאָמען דאַדורך, וואָס ער האָט פּעראייניגט זיינע בּעלעטריסטישע סקיצען אין איין בּוך? צי ווערט איצט אונזער פאָרשטעלונג וועגען זיין טאַלענט קלערער? צי

איז מיט דעם בוך צוגעקומען אין דער ליטעראַטור אַ נייע קינסטלערישע פּערזענליכקייט?

ליידער, מוז מען זיך מודה זיין, אַז ל. קאָבּרין אין דער טונקעלער אַטמאָספערע פֿון זיין ליטעראַרישער צושפּרייטקייט האָט מעהר צוגעצויגען צו זיך דאָס אינטערעס פֿון קריטיקער און בעאָבּאַכטער פֿון דער יודישער ליטעראַטור, ווי איצט, ווען ער האָט זיך אונז פֿאָרגעשטעלט אין זיין גאַנצען וואוקס.

ל. קאָבּרין פֿערמאָגט אַ סך טהעמעס, עס פֿעהלט איהם אָבּער די איין־איינציגע שטימונג, וואָס מאַכט פֿון דעם געוועהנליכען נאָוועליסט, מעשה׳לעך־שרייבּער אַ קינסטלערישע פּערזענליכקייט; עס פֿעהלט איהם די שטימונג, וואָס ליעגט הינטער יעדער ערצעהלונג, ווי אַ דונקעלער אָדער פֿרעהליכער הינטער־גרונד, אָדער וואָס ציהט זיך, ווי אַ מוזיקאַלישער גרונד־מאָטיוו דורך איטליכער סקיצע. זיינע נאָוועלען האָבּען מעהר דעם כאַראַקטער פֿון אַ נישט שלעכט־דערצעהלטען אַנעקדאָט. זיי פֿעראינטערעסירען דעם לעזער מעהר דורך די פֿאַבּולע (ספּור המעשׂה), איידער דורך די אָריגינעלע פּערזענליכע אַרט צו זעהן און צו פֿיהלען מענשליכע שיקזאַלען און עפּיזאָדען פֿון מענשליכען לעבּען.

ל. קאָבּרינ׳ס שריפֿטען זענען געטיילט אין זעקס טייל. די נאָוועלען זענען ניט חראָנאָלאָגיש געאָרדענט, נאָר לויט דער טהעמאַ נאָך, און כאָטש אין יעדען טייל געפֿינען מיר זאַכען, וואָס צושיידט זיי איינס פֿון איינאַנדער מעהר אַלס אַ צעהנדליג יאָהרען, דאָך זעהען מיר צווישען די יוגענד־אַרבּייטען און די שפּעטערע (מאַכמאָל שיינט זאָגאַר, אַז די יוגענד־אַרבּייטען זענען בּעסער פֿאַר די שפּעטערדיגע נאָוועלען), קיין אונטערשיעד נישט, דיזעלבּע שפּראַך, די אייגענע וועניג כאַראַקטעריסטישע אַרט צו שילדערן, די אייגענע חסרונות אין דער בּעהאַנדלונג פֿון דעם טהעמאַ. מען זעהט, אַז ל. קאָבּרין האָט אין קינסטלערישען זין זיך וועניג וואָס ענטוויקעלט. דאָס לעבּען האָט איהם נאָר בּערייכערט מיט טהעמעס, האָט אָבּער נישט פֿערטיעפֿט זיין קונסט און איהם נישט געמאַכט זעהענדיגער.

זיינע 13 נאָוועלען אונטער דעם טיטעל „ליעבע“ זענען מיטעל־מעסיג אין דער גאַנצער אויפֿפֿאַסונג. אין דער יודישער ליטע־ראַטור איז אַפֿילו אַ נייעס דאָס טהעמאַ „יענקעל בוילע“ (פֿון יודישען פֿישער־לעבען), פֿאַר׳ן רוסיש־יודישען לעזער זענען אַפֿילו אינטערעסאַנט מאַנכע כלאחר־יד הינגעוואָרפֿענע איינצעלהייטען פֿון אַמעריקאַניש־יודישען לעבען — אָבער נאָכ׳ן לייענען לאָ־זען זיי נישט איבער קיין טיעפֿערן צייכען אין זכרון פֿון לע־זער.

די נאָוועלען אונטער׳ן טיטעל „פֿאַמיליען־לעבען“ זענען קליינע בילדלעך, וואָס ווייזען, אַז קאָברין האָט אַנ׳אויג פֿאַר מאַנכע קליינינגקייטען פֿון דעם לעבען אין דער פֿאַמיליע, אָבער וואָס ווערען אָפֿט פֿערדאָרבען דורך די פֿיעל איבערטרייבונגען אין דער שילדערונג („אַ בעשערטע זאַך“) און דורך די אַנעקדאָטי־שע נאַקעטע אַרט צו בעשרייבען פֿערשיעדענע עראָטישע סצע־נעס.

זעהר שוואַך און אין געוויסען גראַד באַנאַל זענען די שילדע־רונגען פֿון יודישען קינסטלער־לעבען. די נאָוועלע „ער און זי“, וואו עס איז, דאַכט זיך, אַרויסגעשטעלט דער אַלטער גאָלד־פֿאַדען און אַ יונגער אַמעריקאַנישער „יודעלע קלאַפּשטערן“ פֿון לאַטיינער׳ס חדר — איז אַנ׳אַמעריקאַניש אויפֿגעבלאָזען מעשה׳־לע, וואָס ווירקט אויפ׳ן לעזער דורך זיין אונגאַטירליכקייט לע־כערליך.

בעסערע זאַכען געפֿינען מיר אין „צייט און מענשען“. בעזונ־דערס געלונגען איז ל. קאָברינ׳ען זיין טיפּ „קאַרל מאַרקס“ צווי־שען די יודישע עמיגראַנטען־כאָציאַליסטען, וואָס איז, איבע־ריגענס, געשריבען געוואָרען פֿון קאָברין מיט אַ יאָהר צעהן צו־ריק. אין פֿינפֿטען טייל צייכענט זיך אויס מיט׳ן פֿרישען טאָן די ערצעהלונג „דער מילכיגער בית מדרש“ (1904). דער זעקס־טער טייל, „קאָמישעס און טראַגי־קאָמישעס“, איז אים אַלגעמיין מיטעלמעסיג. ל. קאָברין האָט נישט דעם געבאָרענעם קאָמי־שען טאָן, און זעלטען ווען צווינגט ער דעם בעסערען לעזער צו אַ קאָמישען שמייכעל.

אים אַלגעמיין מוז מען זאָגען, אַז ל. קאָבּרינ׳ען, וואָס האָט אָנגעהויבּען שרייבּען יודיש אין אַמעריקאַ, האָבּען זיך בּעסער פֿאַר אַלץ איינגעגעבּען סיי אין דער שפּראַך, ווי אין דער כאַראַקטעריסטיק די ליטווישע „היימישע בּילדער“. קאָבּרין אַליין פֿיהלט דאָס אויסגעצייכענט. „לעבּענדיג אין אַמעריקאַ, האָבּ איך זיך צייטענווייז דערמאָהנט אָן די בּילדער פֿון דער אַלטער היים, און די שטאַרקסטע פֿון זיי, וואָס האָבּען זיך אַם טיעפֿסטען איינגעקריצט אין מיין נשמה, האָבּ איך דאַן אין ערצעהלונגען געשטאַלטעט. אַזוי זענען בּעשאַפֿען מיינע ערצעהלונגען „יענקעל בּוילע“, „דער מילכיגער בּית מדרש“ און די אַנדערע פֿון היימישען לעבּען“ — זאָגט ל. קאָבּרין. די ערצעהלונגען פֿון היימישען לעבּען האָבּען איהם זיך לייכטער געגעבּען בּיי דער אַרבּייט, ווי די ערצעהלונגען פֿון אַמעריקאַנישען לעבּען. „שרייבּענדיג וועגען דעם יודישען לעבּען אין רוסלאַנד, האָבּ איך — שרייבּט קאָבּרין — געהאַט פֿאַר זיך אַ בּעשטימטען אויסגעאַרבּייטען גאַנצען טיפּ מיט אַ בּעשטימטער וועלט־אַנשויאונג, אַ נחלה פֿון דורות און דורות, וועהרענד שרייבּענדיג פֿון יודישען לעבּען דאָ האָבּ איך אימער געהאַט פֿאַר זיך פֿערבּלאָנדזשעטע נשמות, נישט איינגעשטעלטע כאַראַקטערען, אַ כאַאָס־לעבּען... און פֿון כאַאָס צו שאַפֿען לעבּען און געשטאַלטען, דאָס איז נישט לייכט“.

שאַפֿען פֿון אַ כאַאָס געשטאַלטען איז נור אַ גאָט מעגליך, ל. קאָבּרין איז אָבּער נישט דער גאָט־געבּענשטער קינסטלער, וואָס שאַפֿט פֿון כאַאָס. ער איז בּכלל נישט פֿון דעם סאָרט שרייבּער, וואָס מען פֿיהלט אין איהם אַ זעלבּשטענדיגע פּערזענליכקייט. אַזוי ווי הינטער זיינע דראַמען זעהט מען דעם שאָטען פֿון רבּי׳ן יעקבֿ גאָרדין, אַזוי וואַרפֿען זיך אין די אויגען צעהנדליגער שאָטענס בּיים לעזען פֿון זיינע נאָוועלען. כאָטש קאָבּרין זאָגט מיט שטאָלץ אין זיין פֿאָררעדע צו די שריפֿטען, דאָס די יודיש־אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבּען נישט געהאַט פֿאַר זיך קיין מאָדעל, ווי למשל: די יודיש־רוסישע, — דאָך פֿיהלט מען אויף יעדען טריט דעם איינפֿלוס פֿון ע מ י צ ע ן אין יעדער נאָוועלע קאָבּרינ׳ס, אָבּער ליידער איז דער „עמיצער“ אַליין אַזאַ

קליינע ציפער אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אַז עס איז שווער איהם אָנצורופען ביים נאָמען.

די אַבראַמאָוויטש'עס, פּרצ'ס, די נאָמבערג'ס, די אַש'ס זענען גע-שטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער רוסישער און פוילי-שער ליטעראַטור; די אַמעריקאַנער אָבער האָבען פון קיין זייט קיין מדריך נישט געהאַט; דען די אַמעריקאַנישע ליטעראַטור איז בכלל נישט ווערטה צו טראָגען דעם דאָזיגען נאָמען אויף זיך. אַזוי שרייבט ל. קאָברין. דערביי פערגעסט ער, אַז די אַמע-ריקאַנישע ליטעראַטור איז די ליטעראַטור פון דער ענגלישער שפּראַך. שעקספּיר, בייראָן, וואַלטער סקאָט, טהאָמאַס מאָר און די שפּעטערע שולען ביז אַנ'אָסקאַר אואַילד — ווערען מיט אַ-מאָל אויסגעמעקט פון קאָברינ'ס זכרון, ער בעמערקט אויך נישט די סתירה, ווען ער וויל אונז, רוסישע יודען, איינריידען, אַז אַני-אַמעריקאַנער יודישער שרייבער, וואָס האָט זיין יוגענד צוגע-בראַכט אויף די רוסישע קלאַסיקער, איז מיט אַמאָל געוואָרען אין אַמעריקאַ אַ נייער מענש, וואָס האָט פערלאָרען דעם זכרון פאַר אַלץ, וואָס איז געווען אויף יענער זייט ים.

איבעריגענס, אַ ווײַלע ווייטער כאַראַקטעריזירט קאָברין אַליין די ערשטע פּיאָנערען פון דער אַמעריקאַניש-יודישער ליטעראַטור מיט די ווערטער: „די דאָזיגע יונגע-לייט האָבען גערעדט רוסיש צווי-שען זיך, האָבען געוואוסט פון אַ טשערנישעווסקי און אַ דאָבראָ-ליובאָוו, פון אַ פּיסאַרעוו, ביעלינסקי, פון אַ טאָלסטאָי און טור-געניעוו", און עס קומט אויס, אַז די שרייבער אין אַמעריקאַ האָ-בען געהאַט די אייגענע מאָדעלען ווי זייערע רוסישע ברידער. אמת, זיי האָבען נישט געוואוסט פון ר' מענדעלי מוכר ספרים, אָבער מענדעלי אַליין, פּרץ אַליין האָבען אויך נישט געוואוסט פון אַ מענדעלי און אַ פּרץ און דאָך זענען זיי געוואָרען די שעפּ-פער פון אַ נייער ליטעראַטור. ל. קאָברין איז איינער פון די פּיאָנערען פון דער יודישער נאָוועלע אין אַמעריקאַ, אָבער דער פּיאָנער איז נאָך ניט קיין שעפּפער, און ווען ל. קאָברין מיינט, אַז ער האָט געשאַפען אָהן פאָרגענגער, בעווייזט עס נור, אַז ער איז טאַקי נור אַ פּיאָנער, נישט קיין שעפּפער, ווייל דער לעצ-

טער פיהלט שטענדיג די וואָרצלען, פון וואַנען עס ציהט זיין ווערק די זאַפט און חיות.

* * *

אין דער פאָררעדע צו די שריפטען דריקט קאָבּרין אויס דעם געדאַנק, אַז די יודיש-אַמעריקאַנישע ליטעראַטור איז, וואָס אָנ-בּעלאַנגט נייע מאָטיוען, געוועז דרייסטער ווי די היגע. זיי, די אַמעריקאַנער שרייבער, האָבּען צוערשט אָנגעהויבּען בּעהאַנדלען די ליעבּע און אַלערליי עראָטישע פּראָבּלעמען, זיי האָבּען צו-ערשט אַרויסגעשטעלט אין נאַטירליכע פאַרבּען דעם יודישען אַר-בּייטער, זיי האָבּען צוערשט אָנגעהויבּען שילדערן דעם טיפּ פון אַ יודישען רעוואָלוציאָנער, דעם טיפּ פון דער מאָדערנער פרוי. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ שטיקעל גוזמא. ערשטענס, איז פּרץ געווען דער ערשטער, וואָס האָט בּערייכערט די יודישע ליטעראַטור מיט דעם ליעבּע-פּראָבּלעם. ד. פּינסקי אין רוס-לאַנד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ענטדעקט דעם אַר-בּייטער פאַר דער יודישער נאָוועלע. און וואָס אָנבּעלאַנגט דעם רעוואָלוציאָנער און דער מאָדערנער פרוי — מוז איך מודה זיין, אַז איך האָבּ זיי נאָך נישט געפונען, נישט בּיי אונז, נישט בּיי די אַמעריקאַנער. נעהמט מען דעם בּעגריף פון אַ רעוואָלוציאָנערן טיפּ טיעפער, נעהמט מען אויך ערנסטער דעם בּעגריף פון דער מאָדערנער פרוי — מוזען מיר זאָגען, אַז זיי האָבּען נישט גע-פונען אין אונזער ליטעראַטור קיין אָבּשפּיעגלונג, און קיין אָבּ-שפּיעגלונג האָבּען זיי ניט געקענט געפינען, ווייל זיי, די טי-פּען זענען נאָך אפשר נישטאָ. געוויס קאָן מען שרייבּען אויף'ן „קליינעם בּונד" אַ מזמור ווי קאָבּרין און זיי בּעשרייבּען ווי העל-דען מיט אַ פּאָהן אין איין האַנד און מיט אַ רעוואָלווער אין דער אַנדערער. מעהר אָבּער ווי בּעגנגאַלישע פייערווערק וועט אַזאַ מזמור נישט זיין. דער „קליינער בּונד" איז איצט שוין בּר-מצוה געוואָרען און לאַכט אַליין פון קאָבּרינ'ס גוזמאות'דיגער פּאָעזיע מכּח איהם.

און דאָך איז ל. קאָבּרין נישט אינגאַנצען אונגערעכט. אין איהם רעדט נישט דער קינסטלער, נאָר דער מענש, וואָס האָט

זיך אויסגעלערנט די טעכניק פון אַ נאָוועלע שרייבען. איהם איז וויכטיגער דאָס טהעמאַ, ווי די קינסטלערישע אויסאַרבייטונג פון אַ כאַראַקטער. און וואָס אָנבעטרעפט טהעמעס, האָט די אַמע־ריקאַנישע ליטעראַטור, וואָס איז געוואַקסען מיט'ן טאַגע־בלאַט און זיך פריה אויסגעלערנט די קונץ צו געבען דעם לעזער אינטע־רעסאַנטען לעזע־מאַטעריאַל, געווים אַריבערגעיאָגט די היגע, וועל־כע היל מעהר געבען, ווי פשוט'ען לעזע־מאַטעריאַל.

אַלס לעזע־מאַטעריאַל געהערען ל. קאָברינ'ס שריפטען נישט צו די שלעכטע. וועניג קונסט, אָבער אַ סך מעשה'לעך, וואָס זע־נען גוט צום פערווײַלען זיך.

III. נאטיצען פון א קריטיקער.

ל. שאַפּירא.

(נאָוועלען. וואַרשוי, פערלאַג „פּראָגרעס“).

צוויי פאַקטען אין לעבען פון ה׳ ל. שאַפּירא האָבען געמאַכט פון איהם אַ ליטעראַטען: די פּאָגראָמען אין די אָקטאָבער־טעג און זיין רייזע נאָך לאָנדאָן און אַמעריקא אין דעם אייגענעם יאָהר. אייגענטליך איז דאָס ניט געווען קיין רייזע, נור אַ ווילדע לויפעניש, וואוהין די אויגען טראָגען, אַ ווילדער אימפּעט, וואָס האָט איהם געטריבען פון דעם לאַנד, וואו ס׳האָט זיך אָקאָרשט געגאָסען יודיש בלוט.

דערמיט וויל איך אָבער ניט זאָגען, אַז ל. שאַפּירא האָט ערשט נאָך דער גרויסער יודישער קאַטאַסטראָפע זיך אָנגעהויבען פיהלען אלס קינסטלער. נאָך איידער עס זענען ערשיענען זיינע איצטיגע נאָוועלען האָבען זיך שוין וואו ניט וואו און ווען ניט ווען בעוויזען קליינע, שעגע פּראָבען פון זיין פעדער. „דער רבי און די רבי׳צען“, „שטאַרקער“ — די ביידע זאַכען האָב איך שוין געלייענט פאַר אַ יאָהר זעקס צוריק, און איך געדענק גאַנץ גוט, דאָס פון צייט צו צייט האָבען זיך בעוויזען קליינע, אָבגעפיילטע קינסטלערישע אַרבייטען אין פערשיעדענע יודישע אויסגאַבען, ווי „צווישען פעלדער“ און אַנד.

אָבער כל זמן עס האָט איהם ניט געטראָפען מאָראַליש דאָס אומגליק פון די אָקטאָבער־טעג, כל זמן די יודישע ערנידערונג און שוצלאָזיגקייט האָט ניט אויסגעברענט אַ וואונד אין זיין האַרצען, איז ער געווען אין דער יודישער ליטעראַטור נאָר אַ צופעליגער גאַסט.

ערשט פאַר אַ יאָהר פינף צוריק האָט ער אָנגעהויבען עפּטער

צו שרייבן, עפּטער צו ענטפּלעקען זיין קינסטלערישען „איך"
פאַר דאָס יודישע פּובליקום.
ל. שאַפּיראָ איז פאַר דעם ליעבהאָבער פון דער יודישער לי-
טעראַטור אַן'אָריגינעלע ערשיינונג. ערשטענס, קומט ער צום לעזער
מיט אַ פאַרטיגע אייגענאַרטיגע טעכניק, מאַכט קיינעם ניט נאָך
און עהנט קיינעם ניט פון אונזערע יודישע גדולים. צווייטענס, איז
ער כמעט דער איינציגער, וואָס וויל ניט הערען און ניט וויסען
פון יודישען שטעדטעל. דאָס וואָס שפּיעלט זיך אָב אין זיי-
נע ערצעהלונגען, פּאַסירט וואו איהר ווילט. — גור ניט אין
די טונעיאַדעווקעס און קאַבצאַנאָווקעס.
ווי בעקאַנט קאָנען זיך אונזערע יונגע שרייבער ניט בעפריי-
ען פון דעם אָרט, פון וואַנען זיי שטאַמען, און אַזוי ווי אַלע
אונזערע „יונגע" שטאַמען פון קליינע שטעדטלעך, שפּיעגעלט
זיך אין זייערע זאַכען קיינמאָל ניט אָב אַ ברייטערעס, קאָלענ-
דיגעס, רייכערעס לעבען, ווי מיר זעהען דאָס אין אַ וואַרשוי,
ווילנא, אָדעס, ריגא א. ז. וו.
אַודאי זענען ניט שולדיג דערין אונזערע „יונגע". אַקוראַט ווי
די רוסישע ליטעראַטור שמעקט שטענדיג מיט דאָרף, אַקוראַט
ווי די אייראָפּעאישע — מיט דער לופט פון די גרויסע שטעדט
און פאַבריק-צענטרען, אַזוי הערט זיך פון אונזער יודישער לי-
טעראַטור, וועלכע איז נאָך ביז ניט לאַנג אויפגעהאַקסען אויף
אַ קליינשטעדטעלשער סביבה, דער ריח פון יודישען שטעדטעל.
ל. שאַפּיראָ מאַכט אָבער אַנ'אויסנאַהם. אין די אַלע 14 זאַ-
כען, וואָס עס גיט אונז היינט ל. שאַפּיראָ, הערט איהר קוים
דעם אָבקלאַנג פון אַ קליינשטעדטעלדיגער סביבה. חוץ איינִי-
גע זאַכען („שטאַרקער", „אין דער טויטער שטאָדט"); אַוואו עס
רייסען זיך אַריין איניגע קליינשטעדטעלשע קולטור-שטריכען,
איז דאָס [illegible]עלען-בוך פריי פון יעדען ענגען פּראָווינציאַליז-
מוס.
דאַדורך בעקומען אפשר זיינע נאָוועלען אַ שוואַכערען יודישען
קאָלאָריט, אָבער צוגלייך שאַפט ער אַ מעגליכקייט פאַר דער
יודישער קונסט ארויסצוגעהן פון די ד' אמות פון אַ טונעיאַ-
דעווקע.

אָבער דאָס זענען דערווייל נור אויסערליכע סמנים, וואָס אונטערשיידען ל. ש. צווישען זיינע חבֿרים בעלעטריסטען. אַלס קינסטלער־טיפּ צווישען אונזערע „יונגע“ איז ער כאַראַקטעריסטיש מיט זיין שווייגענדיגע פֿעדער. זי האָט די מעלה, דעם פֿיינפֿיהלענדען לעזער אַרומצוּוויקלען אין אַנ'אַטמאָספֿערע פֿון אַ שטילקייט; פֿון אַ שטילקייט וואָס שרייט, פֿון אַ פֿערגליווערטקייט, וואָס וועט באַלד מוזען ווערען צופּלאַצט אין טויזענדער שטיקער, פֿון אַ שטילקייט פֿון אַ פּולווערפֿאַס, צו וועלכער עס רוקט זיך דער ברענענדער קנויט. ניט דער לעצטער טראַגישער מאָמענט מיט זיינע קולות און ווילדען געפּילדער אינטערעסירט איהם, ווי די פּאָר סעקונדען פֿריהער, וואָס גרייטען צו דעם טראַגישען מאָמענט, ניט דאָס געבאָרענע, זונדערן דאָס שוואַנגערע, ניט דאָס שרייענדיגע לעבען, ווי די שטילע אַיינגעהאַלטענע קאָנוואולסיעס פֿון אַ קומענדיגען לעבען. אַזאַ קינסטלער־טיפּ גיט זיך מעהר אָב מיט די זייטיגע ניואַנסען פֿון אַ לעבעדיג בילד, ווי מיט דעם בילד אַליין, מיט דעם פֿערבאָרגענעם אין מענשען, — וואָס איז נאָך פֿאַר איהם אַליין ניט קלאָר, — ווי מיט דעם פֿאַרטיגען ענטפּלעקטען.

זוכט ניט ביי ל. שאַפּירא, דאָס וואָס מען רופֿט, מעשׂיות; מעשׂיות, וואָס ליגען ווי אַ יאָדרע אין אַ נוס, אַרום וועלכע עס וויקעלט זיך אַרום די זייטיגע בעשרייבונג. אין ערגיץ פֿון די 14 נאָוועלען געפֿינט איהר ניט קיין מעשׂה, וואָס לאָזט זיך דערצעהלען ווי אַנ'אַנעקדאָט. דערפֿאַר פֿיהלט איהר שוין פֿון דער ערשטער צייל, אַז עס זיצט פֿאַר אייך אַנ'אָנגעלאָדענע נשמה, אָנגעלאָדען מיט פּיין, האַרצוועהטאָג, מיט ליעבשאַפֿט צו דער נאַטור, צו אַ יונג, פֿריש לעבען, מיט ליעבשאַפֿט צו דעם טראַגישען מענשליכען שיקזאַל. דאָס רעדט מיט אייך ניט דער געוועהנליכער נאָוועליסט, נאָר די נשמה פֿון אַנ'איינזאַמען ווייכפֿיהלענדען מענשען.

אייגענטליך האָט ל. שאַפּיראָ זיך ניט ריכטיג טאַקסירט. ניט קיין נאָוועלען האָט ער אונז געגעבען, נור אָריגינעלע זעלענצושטענדע אין אַ בעלעטריסטישער פֿאָרם.

און נאָך איינס בעמערקט מען בײַ ל. שאַפּיראָ. ער שטעהט צום לעבען אין אַן'אַנדער פּערספּעקטיווע, ווי אונזערע „יונגע". ער האָט זיך שוין אַזוי אָבגערוקט פון איהם, אַז ער זעהט עס שוין ווי אַ ווייטע לאַנדשאַפט (פּייזאַזש). מאַנכמאָל בעקומט דאָס לעבען בײַ איהם אַ פער'חלומ'טען אויסזעהן, עפּיס ווי אַן'עולם-הדמיון, מאַנכמאָל שיינען איהם דאַדורך די מענשען אין לעבען ווי „קאַטאָוועס-מענשעלעך" און מאַנכמאָל זעהט ער צוליעב זיין אָבגערוקטקייט נור דעם אויסנאַהם, דאָס גיפטיגע, „די שלאַנגען און עקדעשען" פון לעבען.

איך בין ניט געקומען איבערצוגעבען דעם לעזער דעם אינהאַלט פון דעם טאַלענטפאָלען נאָוועלענבוך. נאָך דער געגעבענער חאַראַקטעריסטיק מוז מען דאָס בוך לעזען, ווי מען לעזט אַ געדיכט אָדער אַ פּאָעזיע אין פּראָזאַ. בײַ דער איבערגאַבע פערלירט זיך גראָד דאָס, וואָס איז אַזוי מוזיקאַליש און שען.

בעמערקען וויל איך נור, אַז דאָס בוך טיילט זיך אין דריי טיילען, וועלכע זענען פעראייניגט זעהר ניט אָרגאַניש.

די ערשטע 4 נאָוועלען זענען פּאָגראָם-נאָוועלען. אין צענטר פון יעדער שילדערונג פערפאָלגען דעם פערפאַסער שרעקליכע בילדער פון אַ יודישען פּאָגראָם. אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג רופט אַרויס דער טייל „אויפ'ן ים", וועלכער איז דער בעסטער געלונגענסטער טייל אין בוך. דער לעצטער טייל „שטריכען" זענען טאַקי ניט מעהר ווי שטריכען און פערדאַרבען דעם שטאַרקען איינדרוק, וואָס לאָזט איבער דער צווייטער טייל.

וואָס אָנבעטרעפט די פּאָגראָם-בילדער האָבען זיי געמעגט ערשיינען אין אַ בעזונדער בוך. זיי זענען בײַ אַלע מעלות געשריעבען פאַר דער צייט און פערפאַסט אונטער דעם איינדרוק פון דער צייט. זיי קאָנען מעהר ניט געבען אַ בעגריף, ווי יודען האָבען רעאַגירט אויף פּאָגראָמען, אָבער אין תוך האָבען זיי קיין גרויסען קינסטלערישען ווערט ניט. אַ צו-אָנגעצויגענע סטרונע — פּלאַצט, — גיט אָבער ניט קיין מוזיקאַלישען טאָן. דער פּאָגראָם אַלס צענטר אין אַן'ערצעהלונג און אַלס הויפּט-מאָטיוו, וואָס קאָן מאַכען אַפילו פּלאַצען אונזער נשמה, איז אַזאַ אָנגעצויגענע סטרונע און קאָן אונז ניט געבען קיין קינסטלע-

רישען פֿערגניגען. ניט איין טאַלענט האָט שוין געמאַכט בײַ אונז דעם דאָזיגען פֿעהלער (שניאור, פּינסקי און אַנד.) און ל. שאַפּיראָ, וואָס האָט אַלס פּערזאָן אַזוי טיעף איבערגעלעבט אונזער שאַנד אין 1905, האָט זיך אויך ניט געקאָנט אײנהאַלטען ניט צו שרײבען פּאָגראָם־נאָוועלען. זײערע אײגענע נאָהענטע לײדען האָבען זײ געוואָלט בעאַרבײטען. דאָס אָבער וואָס איז צו נאָהענט לאָזט זיך קײנמאָל ניט בעאַרבײטען. די קונסט פֿאָדערט, אַז די וואונד זאָל זיך שוין פֿערהײלען, אײדער מען נעהמט זי קינסטלעריש שילדערן — און דאָס איז בײַ אונז נאָך ניט דער פֿאַל.

דאָך בעקענען מיר זיך אין אַלע טײלען פֿון שאַפּיראָ'ס בוך מיט אַנ׳ערנסטען, אײנזאַמען קינסטלער, וועלכער האָט ליעב דאָס לעבען, קוקט אָבער אויף איהם פֿון אַ ווײטער פּערספּעקטיווע און פֿיהלט די שרעקליכע, שווידערנדיגע טראַגישע שטילקײט, די שטילקײט, וואָס ליעגט צווישען וואָלקען און דונער.

דוד איינהאָרן.

אונטער דעם טיטעל „שטילע געזאַנגען" האָט דוד איינהאָרן צונויפגעזאַמעלט זיינע ליעדער, וועלכע זענען צושפּרייט אין ציי־טונגען, זאַמעלביכער און אַלערליי יום־טוב־בלעטלעך.
עס זענען נאָך נישטאָ קיין פיער יאָהר, זינט ד. איינהאָרן האָט אָנגעהויבען זיך צו בעווייזען אין אונזער ליטעראַטור. צווישען דעם בינדטעל ליעדער, וואָס ער האָט געבראַכט, איז געווען:

און גרויס איז דער מדבר, אין וועלכען איך וואַנדער...
דאָס ווינדטעל פערוועהט מיינע עלענדע טריט.
אַך, ווינדטעל, דו ווינדטעל, פערוועה נישט די צייכען,
די צייכען, וואָס ווייזען, אַז איך האָב געלעבט...

—————

און ברייט איז דער מדבר, נאָר איינג איז אין האַרצען,
און אָפטמאָל פון איינגשאַפט שטיל קאַפּעט אַ טרעהר...
אַך, זעמדלעך, איהר זעמדלעך, נישט שלינגט איין די טרעהרען—
די צייכען, וואָס ווייזען, אַז איך האָב געבענקט.

—————

הויך אויבען צושפּרייט זיך אַ פינסטערער הימעל...
איך פיהל ווי עס רוקט זיך אַלץ נעהנטער דער טויט.
פערשיט מיך, דו ווינדטעל, אַך שלינגט מיך איין זעמדלעך!
זאָל קיינער נישט וויסען דעם סוף פון מיין וועג... (ז. 24).

אַ נייער טאָן האָט געקלונגען אין זיי. אַ שטילע בענקשאַפט, אַ שטילער פחד פאַר'ן לעבען, דער ציטערדיגער טאָן פון אַ קראַנקען קינד, וועלכער שטרעקט אויס די בלייכע הענד אויף אַלע זייטען, האָט אָבער קיין כח נישט צו האַלטען לאַנג אין האַנד די צאַצקע, וואָס מען גיט איהם. איינהאָרנ'ס פּאָעזיע איז די פּאָ־

עזיע פֿון פּרץ׳ס „קראַנקען יונגעל“. ער פֿערטראָגט נישט קיין שטאַרקע פֿאַרבען, קיין גרויסע ליכטיגקייט. קיין צו־שטאַרק גע־פֿיהל, קיין צו־טיעפֿען געדאַנק. די געוועהנליכע פֿאַרבען פֿון לעבען בלענדען דאָס קינד מיט זייער צו־גרויסער העלקייט. דאָס קאָן נור לעבען און עטעמען אין אַ צימער, וואו געדיכטע שטאָ־רען ציהען זיך איבער די פֿענסטער און שוואַכען אָב די שטראַה־לען פֿון טאָג. און קומען אָן די פֿאַר־נאַכטען, ווען די וועלט אַרום ווערט פֿון זיך אַליין פֿערשוועכט, — געהט ער אַרויס פֿון זיין קראַנקען צימער און באָדט זיינע שלאַפֿע גליעדער אין לבנה־שטראַהלען און אין די „וויסליכע זיידענע נעבלען“ פֿון אַ שטי־לער נאַכט. ראָזע נעבלען, זאַנפֿטע ווינדטעלעך, אַ טייכעל, וואָס מורמעלט, בלאַסע שטערנדלעך, לבנה־שיין — דאָס זענען די פֿאַרבען און קלאַנגען, וועלכע מאַכען פֿול איינהאָרנ׳ס פּאָעזיע.

פֿון די ברייטע גאָלדענע פֿעלדער וועהט אַ ווינטעלע אַ זאַנפֿטער.
און דער קלאָרער טייכעל מורמעלט, ווי פֿון שלאָף אַ קינד,
טיעף פערזונקען אין געדאַנקען שטעהען דרעמלענדיג די בוימער,
און די דונקעלע לאָנקע הילט אַ ראָזער נעבעל איין.

— — — — — — — — — — — — — —

בלאַסער, בלאַסער ווערט דער רויטער פֿלעק אין בענקענדיגען
מערב,
און אַ שאָטען אַ געהיימער הילט די פֿעלדער איין.
ווייט אין מזרח הויבט אָן בלייכען, עמיץ הויבט דאָרט אָן צו
האָפֿען...
וואַרט, עס וועט זיך באַלד צוגיסען דער לבנה־שיין...

נור ליעבער פֿאַר אַלץ האָט ער די נעבלען, די ראָזע נעבלען, די וויסליכע זיידענע נעבלען, די זיידענע טולען פֿון ליכטיגע אָוועדס, די זיידענע צאַרטע שאָטענס פֿון אַ נאַכטיגען דרעמיל, קורץ, דעם פֿיינעם דינעם נעץ, וואָס פֿערציהט די שטאַרקע העזה׳דיגע פֿאַרבען פֿון לעבענס־פּנים מיט אַ שלייער, און מאַכט פֿון רייכען קאָלעדיגען, ליידענשאַפֿטליכען טאָג אַ כּלה־פּנימ׳ל, וואָס גאַרט, בענקט, טרויערט שטיל און חלומ׳ט זיך פון עפּיס אַ בן־מלך אָדער אַ פֿער׳כשופֿ׳טער פּרינצעסין.

ד. איינהאָרן פֿערוואונדערט נישט דעם לעזער מיט זיינע אָריגינעלע בילדער, זעלטענע איינפֿאַלען און דעסגלייכֿען. עס געפֿינט זיך ביי איהם נישט קיין איין מאָטיוו, וואָס אַנדערע, יודישע אָדער נישט-יודישע פּאָעטען זאָלען דאָס שוין נישט האָבען בעריהרט. נאָכֿמעהר. מען פֿיהלט, אַז עס זענען איהם נישט פֿרעמד די אויסלענדישע און די רוסישע פּאָעטען. דאָס, וואָס ער בענוגענט זיך אין זיינע ליעדער נור מיט דעם מוזיקאַלישען ריטם אַליין, אַוועקוואַרפֿענדיג אָן אַ זייט דעם גראַם — בעווייזט, אַז ער איז אַ תּלמיד פֿון דער מאָדערנער איראָפּעאישער פּאָעזיע. ער בעזיצט אָבער צוויי מעלות, וואָס צייכֿענען איהם אויס צווישען אַ סך פֿון זיינע חבֿרים: דער טאָן, דער טאָן פֿון אַ שענער קראַנקער יוגענד, כֿאָטש נישט אָריגינעל, איז ז י י נ ע ר, אַנ'אייגענער, אַ טיעף אויפֿריכֿטיגער; צווייטענס, איז ער מוזיקאַלישער און מאָלערישער פֿון אַלע זיינע חבֿרים — פּאָעטען פֿון די לעצטע יאָהרען. ער פֿערמאָגט אַ פּענזעל מיט אַלערליי פֿאַרבען-איבערגענג פֿון ראָז ביז די זילבער-פֿאַרבען פֿון אַ לבֿנה-שיין. זיין בענקשאַפֿט, זיין הונגעריגע נשמה האָט זיך גענומען פֿאַר די פֿאַרבען, וואָס מאָלער רופֿען דאָס מיט'ן נאָמען נ י ש ט ג ע ז ע ט י ג ט ע. זיין אויער כֿאַפּט אויף די מוזיקאַלישע קלאַנגען פֿון שטילע אומעטיגע איינפֿאַכֿע מעלאָדיען. אין זיינע ליעדער געפֿינט איהר זעלטען ווען אַ געקינצעלטען טאָן, און איינגעהילט זענען זיי אין אַ שטיל-זינגענדיגער שטילקייט. זיי זענען, מעהרסטענטיילס, אמת'ע „שטילע געזאַנגען“.

אין דער זאַמלונג זענען נישט אַלע ליעדער גלייך גוט אויסגעאַרבייט. למשל, נישט ווייט פֿון די אויסגעצייכֿענטע שטימונגס-בילדער „ליטוּ“, „אין אַ לבֿנה-נאַכֿט“, „פֿאַרנאַכֿט“ געפֿינען מיר דאָס ליעד „פֿערבלאָנדזשעטע“ מיט דעם נישט-יודישען זאַץ: „מיין האַרץ, מיין האַרץ געהט אויס אַליין אין מיטען וועלט“. מען פֿיהלט אַמאָל, ווי ד. איינהאָרן מאַטערט זיך מיט דעם יודיש זיינעם. ער וויל בלייבען טריי דעם גייסט פֿון דער שפּראַך, און צוגלייך זי פֿעראיידעלען, מאַכֿען פֿון איהר אַנ'אינסטרומענט פֿאַר פֿיינע לירישע פּאָעזיע. ניט אומעטום גיט זיך איהם דאָס אַיין. ד. איינהאָרן איז נאָך נישט קיין פֿאַרטיגער. דאָס ערשטע זאַמעל-בוך

ליעדער ווייזט אָבער אונז שוין, אַז ער נעהמט ערנסט צום האַר־
צען די אויפגאַבען פון זיין טאַלאַנט און מיהט זיך צו פעראייניגען
דעם גרונד־טאָן. פון זיין פּאָעטישען גייסט מיט דעם גייסט פון
דער שפּראַך.
נאָך מ. ראָזענפעלד, רייזען איז ד. איינהאָרן די אינטערעסאַנטעס־
טע ערשיינונג אין אונזער יודישער לירישער פּאָעזיע.

ז. ליבין.

צוויי נעמען פון די אַמעריקאַניש-יודישע שרייבער זענען אַלגע-מיין באַקאַנט. דער איינער האָט געלעגט זיין שטעמפּעל אויף דעם היינטיגען יודישען טעאַטער און דער אַנדערער האָט אונז באַשאָנקען מיט זיין פּאָעזיע, וואו עס הערט זיך דער ליידענדער קרעכץ פון דעם יודישען עמיגראַנט, וועלכער קומט אום אין די שוויץ-ווערקשטאַטען. יעקב גאָרדין, דער יודישער דראַמאַטורג, און מאָר"ס ראָזענפעלד, דער זינגער פון יודישער קבצנות אין גאָלדענעם לאַנד, זענען גע-וואָרען די פּאָפּולערסטע שרייבער ניט נור אין אַמעריקא, נאָר אויך ביי אונז אין רוסלאַנד. געהערט האָבען מיר, פערשטעהט זיך, אויך פון אַנדערע שרייבער, אָבער אין זייערע ווערק האָט זיך ניט אָב-געשפּיגעלט דאָס יודיש-אַמעריקאַנישע לעבען. מייסטענס האָט זיך געפיהלט דער וועהטאָג פון „גרינעם", וואָס האָט זיך נאָך ניט איינ-געלעבט אין דער נייער סביבה, און וואָס הערט ניט אויף צו חלומען פון זיין טונעיאַדאָווקע און קאַבצאַנסק. די נייע, שווערע מערדערישע לעבענס-פאָרמען, אין וועלכע עס פאַלט אַריין אַ יוד אין אַמעריקא, זענען ניט אַרויסגעקומען אין זייערע ערצעהלונגען און געדיכטע. מען האָט נור געזעהן, אַז דער נאָפּעלשנור, וואָס פערבינדט דעם „גרינעם" מיט דער פּאָגראָם-וועלט, איז נאָך ניט אָבגעשניטען גע-וואָרען, און אַ בענקעניש האָט זיך געהערט פון יעדער צייל, דאָס בענקעניש נאָך דעם ליטווישען טויטען שטעדטעל, וואו עס ליעגט זיך אַזוי כהיה'דיג זומערצייט אין היי.

פון צייט צו צייט איז דערגאַנגען צו אונזערע אויערען, אַז עס געפינט זיך אין ניו-יאָרק אַ געוויסער ז. ליבין, וועלכער שרייבט קליינע סקיצען, מעשה'לעך און סצענקעס פון יודישען לעבען אין ניו-יאָרקער געטאָ. אָבער די סקיצען זענען צעוואָרפען געווען אין

טויזענדער אַמעריקאַנישע בלעטער, און מען האָט געמוזט שוין זיין אַ געבוירענער קאָלעקציאָנער, אום צו קאָנען אויפקלייבען דעם צע־זייטען ליבינ׳ען, וואָס האָט זיך סקיצענווייז צעוואָרפען אין טויזענדער צייטונגס־בלעטער. און דעריבער האָבען מיר ניט געקאָנט זיך גע־נויער בעקענען מיט דעם דאָזיגען יודיש־אַמעריקאַנישען טאַלענט. אַ דאַנק אָבער צום פערלאַג פון מ. וואַלענקאָ, ליעגט איצט פאַר אונז אַ בוך פון ליבינ׳ס געקליבענע סקיצען. און מיר קאָנען זיך באַלד איבערציינגען, אַז אין איין הינזיכט מעג ליבין מיט מעהר רעכט פרעטענדירען אויף פּאָפּולאַריטעט ביים רוסיש־יודישען לעזער, ווי יעקב גאָרדין און מ. ראָזענפעלד.

שוין יאָהרענלאַנג, ווי מען הערט אַ טענה פון יודישען ליעבהאָבער פון ליטעראַטור צום אַמעריקאַנישען ליטעראַרישען ברודער. ער בעט זיך, מען זאָל איהם געבען אַ רעאַלען בעגריף פון די, וואָס „מאַכען אַ לעבען“ אין אַמעריקא. ער בעט זיך ביי זיי ריין אַמעריקאַניש־יודישע בילדער. זאָגאַר יעקב גאָרדין און מ. ראָזענפעלד האָבען ניט גענומען אין בעטראַכט די טענה. זעלטען ווען איהר געפינט ביי די דערמאָנטע אַ ווערק, וואָס האָט ניט געקאָנט געשריבען ווערען אין רוסלאַנד אָדער גאַליציען. אמת, מאָריס ראָזענפעלד האָט אונז געפּרובט גע־בען ליעדער פון יודיש־אַמעריקאַנישען קבצן, וואָס לעבט שוין אין נייע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען, — און דערום איז ער טאַקע אַזוי פּאָפּולער געוואָרען, — אָבער זיי פערנעהמען נור אַ קליין טייל פון זיין פּאָעטישען אָדער. די אַלגעמיין־לירישע און נאַציאָנאַלע מאָ־טיווען האָבען קיין פּאָטערלאַנד ניט און אַהינטער זייער מעלאָדיע שיינט ניט דורך דאָס יודישע ניו־יאָרק

דער איינציגער אָבער, אויף וועמען מען קאָן דאָס ניט זאָגען, איז ז. ליבין. פון דער ערשטער ביז דער לעצטער זייטעל פערגעסט איהר אַ ווייל ניט די סביבה פון יודישען עמיגראַנט. מען קאָן פאַסט זאָגען, אַז איהר געפינט ניט קיין צייל, וואָס עס זאָל ניט זיין דורכגעווייקט מיט די ספּעציעלע ליידען פון אַן עמיגראַנט, וואָס „גרינט“ זיך בּיס־לעכווייז אויס.

איבער די עטליכע צעהנדליג סקיצען שטעהט דער שאָטען פון אַ מלאך־המות אין געשטאַלט פון די אַמעריקאַנישע שוויץ־וואַרשטאַ־טען, וואָס זויגען אויס ביסלעכווייז דעם אָנגעקומענעם עמיגראַנט.

אין יעדער סקיצע זעהט איהר דעם סך־הכל פון א לעבען, וואס האט אָבגעהושל'ט ביי די מאַשינעס אין ענגע צימערען, אין דער פערשטיקטער לופט. עס טראָגען זיך פאַר אייך בילדער פון גע־זונטע מיידלעך, וואס קומען קיין אַמעריקא מיט פולע באַקען, „אַז דאָס בלוט שפּריצט", און ענדיגען אין אַ יאָהר צעהן אַרום אין די בקור־חולים'ס.

איהר זעהט דאָ דעם יודען, וואס האָט אין אַ משך פון צעהן יאָהר צעהנדליגער מלאכות און וואס געהט אויס פון הונגער אין צייטען פון „סלעק" (ווען עס איז ניטאָ קיין אַרבייט).

איהר זעהט דאָ די אַמאָליגע אינטעליגענטען, וועלכע קומען קיין אַמעריקא מיט אידעאַלען און הויכע פּלענער, ווערען צעטראָטען אין קאַמפּף פאַר אַ שטיקעל ברויט און קאָנען זיך ניט פריי מאַכען אַ רגע פון די שרעקליכע דאגות וועגען אַן אָרימער הזנה.

אין די סקיצען זעהט איהר דעם פעדלער, וואס ליידט אַלס יוד פון די אַנטיסעמיטישע גאַסענבאַלייזונגען, וואס ליידט אַלס פרומער יוד פון די נייע לעבענס־בעדינגונגען. איהר זעהט דעם אַרבייטער, וואס געהט אַרום אין די סלעק־צייט הונגעריג, זיין נאַכט'עגער איז אַ באַנק אין אַ גאַרטען און וואַרימען וואַרימט ער זיך אין ערגיץ אַ האַרט־צימער פון קראַנקענהויז, וואו מען נעהמט אָן אומזיסט קראַנקע.

איהר בעקאַנט זיך מיט ניו־יאָרקער ענגע און הויכע הויפען, וואו עס הילכען די שטימען פון אַ גאַנצען יודישען שטעדטעל.

איהר זעהט אפילו דעם בוים אויף די הויפען, וואס קאָן ניט וואַקסען צוליעב דער פערשטיקטער לופט אין זיי. ס'געהען פאַרביי פאַר אייערע אויגען צעהנדליגער יודישע פּנים'ער פערוועלקטע, אויסגע־לאָשענע, צעריבענע פון דער אַכזריות'דיגער אַמעריקא.

ווי איך האָב אויבען געזאָגט, שוועבט איבער אַלע סקיצען פון ליבינ'ען דער שווייצוואַרשטאַט. ליבין האט אין זיין פעדער איינ־געזאַפּט אַלע ליידען, מיט וועלכע זי פּילט אָן די „הענד" אין איהר. און לויט דעם קרעכץ, וואס הערט זיך פון יעדער צייל, לויט דעם טיעפען רחמנות, וואס קלינגט פון יעדער שורה, פיהלט מען, אַז עס שרייבט ניט אַ געוועהנליכער שרייבער, זונדערן אַ טיעף ליידענדע האַרץ.

 ווען איך זאָל וועלען בעשטימען, אין וואס בעשטעהט ליבינ'ס טאַ־

לענט, וואָלט איך געזאָגט: ניט אין דער פיינקייט פון דער שפּראַך, ניט אין דער שטאַרקער פאַנטאַזיע פון שרייבער, ניט אין דעם, וואָס ער קלייבט אויס דעם כאַראַקטעריסטישען אויסדרוק, ניט אין דעם ביטערען הומאָר, און ניט אין דער שאַרפער בעאָבאַכטונגסגאַבע אָדער אין דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליזע — זונדערן אין דעם טאָן זיינעם, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ליידען, וועלכער איז אַזוי רידרענד און נאַטירליך מיט דעם רחמנות, וואָס ליעגט אין איהם אויסגעגאָסען. דערמיט וויל איך ניט זאָגען, אַז ז. ליבין האָט קיין פאַנטאַזיע ניט. מאַנכע זאַכען, ווי „פּאָדראָלקינ'ס חלום“, „דער בוים“ און אַנדערע, ווייזען, אַז ער פערמאָגט אויך אי דאָס. און זיינע „אַרויסגעטריבענע קעניגע“, „כתבים פון אַ ציימונגס־טרעגער“ און אַנדערע, ציינען איהם אַלס ליטעראַט מיט אַ געבאָרענעם הומאָר. אויך זיין דיאַלאָג איז נאַטירליך און לעבעדיג, און מאַנכע קליינע סקיצען, ווי „צוויי תנאים“ בעווייזען, אַז ער פיהלט דעם שטילען קאַמפּף פון אַ פּרויענזעלע. אָבער שטאַרקער ווי אַלץ ווירקט ער אויף אונז מיט דעם ביטערען ליידענדען טאָן פון אַ מענשען, וואָס האָט אַזוי פיעל דורכגעלעבט, וואָס ווערט צעגאַנגען פון אַ טיעפער רחמנות צום עלענדען עמיגראַנט, וואָס לויפט אין דאָס גאָלדענע לאַנד זוכען גליקען.

אין די סקיצען פון ז. ליבין וועט איהר זיך בעקענען מיט אַ וועלט, וואָס איז אונז אַזוי נאָהענט און פון וועלכער מיר האָבען אַזאַ שוואַך בילד. ווילט איהר וויסען דעם לעבענס־גאַנג פון אייער קרוב, וואָס לאָזט זיך מאָרגען אויפ'ן שיף — טאָ לייענט ז. ליבינ'ען. פאַר אייערע אויגען וועלען זיך פונאַנדערטראָגען בעקאַנטע טיפּען און געשטאַלטען. עס וועט אייך זיך דוכטען, אַז איהר זיצט ביים פענסטער פון אַ ברייטער גאַס, וואו עס איילען און לויפען די מענשען, און איהר וועט מיט שרעק זעהן, ווי די אַלטע פנימ'ער האָבען זיך געביטען אין אַמעריקא.

דען אַלץ, וואָס איהר האָט דאָ אין קליין שטעדטעל איז אויך דאָרטען. איהר האָט דאָרטען סאָציאַליסטען, ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען, איהר האָט דאָרטען די אייגענע יודישע פראַגען און פּראָבלעמען, איהר האָט דאָרטען דעם אייגענעם אַנטיסעמיטיזם, דעם אייביגען האַס צום „אייביגען פאָלק“, וואָס „פעדעלט“ אין אַמעריקא.

און דאָך האָבען זיך די אַלע פּנימ'ער עפּ'ס געביטען, און דאָך קאָנט איהר ניט קוקען אויף דעם שינוי מיט רוהיגע אויגען.

ז. ליבין פיהרט אייך גיך, ווי אַ סקיצען-שרייבער, פון מענש צו מענש און אַ טרויער ליעגט אויסגעגאָסען אין דער צייט, ווען ער מאָלט אייך אין קורצע ליניען דעם אַמעריקאַנער רוסיש-יודישען עמיגראַנט.

פיעל האָבען מיר צו פערדאַנקען יעקב גאָרדין און מאָריס ראָזענפעלד'ן. אָבער ערשט אַ דאַנק די געזאַמעלטע סקיצען פון ליבינ'ען — בעקומען מיר אַ האַרציגען, קלאָרען און טרויעריגען גרוס פון אונזערע פערוואָגעלטע ברידער.

IV. שטריכען און געדאנקען.

I

די יודישע גאַס.

איך געה דורך די רוישענדע גאַסען און זוך אַן׳אַלטען בעקאַנטען, אַ בעקאַנטען פֿון מיינע יונגע יאָהרען, וואָס האָט אייגענטליך קיין נאָמען און קיין פּנים ניט, וואָס זעהט אויס, ווי אַ בלייך־בלויער חלום, ווי די פֿאַרבען פֿון אַ נעכטיגען טאָג. איך זוך די יודישע גאַס פֿון חדר־יונגעלווייז, בשעת איך האָב נאָך געריטען אויף אַ שטעקען און נאָך געשפּיעלט זיך אין שאול׳ן־און־דוד׳ן אין דעם ענגען הויפֿעל פֿון ירוחם דעם מלמד און גנבֿה׳שדיג דערטרונקען דעם ים־שטעקעל פֿון בייזען רבי׳ן אין ברונעם פֿון הויפֿעל. איך זוך די יודישע גאַס, וואָס פֿלעגט צייטענווייז בעקומען אַ נשמה, אָנהויבען ציטערן און פֿלאַטערן אין די אלול׳דיגע טעג, סליחות־צייט, בשעת עס פֿלעגען זיך אַרויסרייסען פֿון די קלייזלעך די טרוקענע קולות פֿון אַ שופר און טיעף ביינאַכט פֿלעגט לויפֿען אַ פֿערשפּעטיגטער דאַוונער מיט׳ן טלית און תּפֿלין אונטערן אָרעם צו די פֿינקעלנדיגע שויבען פֿון אַן׳אָרימען בית־המדרש׳ל. איך זוך די גאַס, וואָס פֿלעגט צייטענווייז בעקומען אַ פֿרעהליכען יום־טובֿ׳דיגען פּנים, בעת פּורים פֿלעגט ר׳ איצעלע דער מגיד געהן שכור׳ליך מיט אַ פּאָמעלע איבער יודישע הויפֿען און זינגען זיין „שושנת יעקבֿ“ און שמחת־תּורה פֿלעגט ער איינברעכען די עמוד׳ס און די שאַפּעס פֿון בעלי־בתּים מיט זיין הילכיגען קול אין זיין „אנא ד׳ הושיעה נא“. איך זוך די פֿאַרבען און שאָטענס, וואָס האָבען ווי אויסגעטאַפּעצירט די גאַס מיט אַ בעזונדערען קאָליר און איהר בעשאָנקען מיט אַ יודישען חן... און קאָן זי ניט געפֿינען.

צי בין איך דאָס שוין אַזוי ווייט פֿון דער יודישער גאַס, אַז איך זעה זי שוין נור ווי דורך אַ חלום? אָדער צי איז שוין די יודישע גאַס אַן אַנדערע געוואָרען, האָט פֿערלאָרען איהרע אַמאָליגע פֿאַרבען, און צוזאַמען מיט אַבֿרהם קעז, דעם אייביגען שוהל־קלאַפּער, און לייבע פּאַק, וואָס פֿלעגט כל ימיו זאָגען מיט ניט־געלערנטע ווייבער ודוי פֿאַר׳ן טויט, — אַוועק קיין אויסטשעפּעל אין לאָנדאָן און אין איסט־סייט אין ניו־יאָרק? ניין... אבֿרהם קעז איז שוין אַ נפֿטר, און לייבע פּאַק און ירוחם דער שלייפֿער און ר׳ איצעלע מגיד זענען שוין אַיינגעבויגענע זקנים מיט בלויע טרוקענע ליפּען און גרין־גרויליכע פּאות. אָבגעשטאָרבען איז ביי זיי די אַמאָליגע פֿרעהליכקייט; מיט טונקעלע בליקען קוקען זיי אויף זייערע אייניקלעך, וואָס יאָגען זיך אין רוסלאַנד נאָך אַ פֿאַרמאַצעווטען־דיפּלאָמכעל און אין אַמעריקאַ נאָך אַ פּעדלער־דאָלאַר.

די יודישע גאַס איז בעגראָבען געוואָרען דורך דער גרויסער שטאָדט מיט איהרע טראַמוואַיען, עלעקטריע און קאַנאַליזאַציע; מיט דעם קנויל פֿון דראָטען, וואָס ציהען זיך ווי קונציגע שפּינעוועבס איבער איהר פֿערראָסטעטען אָרעמען ערובֿ. די יודישע גאַס, וואָס איז צור מעגליך געווען ביי אַ צייט, ווען עס איז ניט געווען קיין גרויסער חלוק צווישען שטאָדט און דאָרף, ווען איטליכע זאַך איז זיך געלעגען אין זיין מחיצה, ווי אַ יאָדרע אין אַ נוס — איז צעקוועטשט געוואָרען פֿון די אייזערנע פֿויסטען פֿונ׳ם גרויסשטעדטישען לעבען, וואָס וואַרפֿט זיך אַרום מיט גאַסען און מענשען ווי מיט אַ פּילקע.

די גרויסע שטאָדט איז אַן אַכזר. זי האָט ניט קיין רחמנות מיט די אָבגעבלאַקירטע טאַפּעטען; זי פֿערקלעבט איהרע גאַסען מיט אַן אייגענעם מוסטער און אייגענע קאָלירען. און קאָן זי דאָס אַלטע ניט בייקומען, — פֿערשטויסט זי איהר פֿונ׳ם מענשענס אויגען און פֿעררוקט עס אין חורבֿות, הייהלען און הינטער־פּאַרקאַנס.

ווי אַ מאָל די אַלטע גריכישע געטער, האָט געמוזט די אַלטע יודישע גאַס זיך פֿערבעהאַלטען הינטער אַ פּאַרקאַן, וואו עס

זאָל צו איהר שוין ניט דערגרייכען די גרויזאַמע פויסט פון'ם ניי־מאָדנעם עוג־מלך־הבשן, די גרויסע שטאָדט.

די אַלטע יודישע גאַס איז געווען די פערגליווערטע יודישקייט, זי האָט שוין ניט געהאַט אין זיך קיין בעוועגונגס־ציעל. דאָס נייע אייראָפּעאישע לעבען, וואָס איז געווען דורכאויס בעוועגונג, האָט זי געמאַכט ניט־ווילענדיג פאַר אַ נע־ונד'ניק. און זי איז אַוועק הינטער חורבות און פאַרקאַנעס, וואו עס וואַקסען נור מאָך און דערנער.

און ווען מען זוכט איצט אַ יודישע גאַס, זוכט מען אַ בלייך־בלויען חלום, די פאַרבען פון אַ נעכטיגען טאָג.

II

מען לייזט נישט.

מען לייזט נישט...

ווי שטעקענס שטעהען זיי אָנגעשפּאַרט בּיי די טירען פֿון די קראָמען, און קוקען אין גאַס אַריין. ווען נישט דאָס פּנים, אויף וועלכען עס האָט זיך צוגעפּאַסט אַנ'אומעט און אַ נישט-ניחה'קייט, — וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער בּעל-הבּית און דער משרת, וואָס שטעהען בּיי די טהירען, ווי ליימענע גולם'ס, זענען אויך אַזאַ מין „אויס-שטעלונג“, ווי די ציצענע בּלוזקעס און די העל-קאָלירטע שלייקעס, וואָס פֿערהאַפּען דעם פֿאַרבּייגעהער מיט זייער שענקייט און קאָליר. מען לייזט נישט, און דער משרת שעמט זיך פֿאַר'ן בּעל-הבּית, ווייל מען שטעהט אָב אַ גאַנצען טאָג אין הוילע פּוסטקייט. און קומט אָן דער פרייטאָג, ווען ער נעהמט אָב זיינע שכירות, דאַכט זיך איהם, אַז די שכירות זענען אַ מין גמילת-חסד. — און עס פלאַמט איהם דאָס פּנים.

דעם בּעל-הבּית איז נאָך ערגער. ער דערמאָהנט זיך אָן דאָס ליעדעל, וואָס ער האָט געזונגען יונגעלווייז: „דירה-געלד דעם בּעל-הבּית, דירה-געלד דעם גאָראָדאָוואָי, דירה-געלד דעם פּאָמאָשטשניק; אָי, דירה-געלד, דירה-געלד!!“. ער דערמאָהנט זיך אָן די וועקסעלעך, וואָס לויפען, לויפען און קייקלען זיך אַזש צום נאָטאַריוס אַריין; אָן זיינע שטעהענדיגע „קאָנטעס“, וואָס ער האָט שוין נישט געביטען אַ הדשים זעקס; אָן דעם פּויער, וואָס קומט נישט אין שטאָדט אַריין, האָטש טהו וואָס דו ווילסט; אָן די וואַסערען, וואָס ווילען זיך בּשום אופן נישט אָבשטעלען; אָן די וועגען, וואָס הויך פֿרעסט און היץ נעהמט זיי קיין טייוועל נישט, און זענען בּלאָטיג און זומפּיג. האָטש

געה און טרינק זיך. זיין פנים ווערט נאָך מעהר אויסגעצויגען, זיין וועלאָפּעדען=מיצעל קידעוועט זיך שוין צום קאַרק אַראָב, זיין אויס=געדרעהטער שטאָלענער פענסנע גליטשט זיך שוין צום שפּיץ נאָז אַרונטער; עס הויבט איהם אָן שטיקען ביים גאָרגעל, ער שפּילעוועט אָב די פּאַטשיילקע ביים האַלז און די האַמעטנע ברודיגע קאַלאָשען אויף די פיס קלאַפּען=אָב אַ ימים=נוראים׳דיגע מעלאָדיע.

פונקט פרייטאָג=צו=נאַכט האָט אָנגעהויבען זיך צו בעווייזען אַ פראָסטיל. דער טערמאָמעטער ביים אַפּטייקער ווייזט שוין אויף נול גראַד. מיט שטילע טריט, ווי אויף זאָקען, קריכט אַריין אַ האָפנונג אין האַרץ פונ׳ם קרעמער. אפשר האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט און ער וועט אָבשטעלען דעם טייך, וואו עס דרעהען זיך די קריעות ווי אין אַ מכשפה=טאַנץ. אין דעם אומעטיגען נגון פון „ויתן לך“ דרינגען אַריין ביים קרעמער פרעהליכע נאָטען. און די מעשה מיט׳ן הסיד׳ל, איז אויך נישט קיין אויסגעטראַכט מעשה׳לע! סחורה איז געשטיגען און ער האָט ב״ה נאָך פון זומער=אָן ליגען, בעת די פאַבריקען האָבען פערקויפט לויט די אַלטע פרייזען. אַז גאָט וויל, קאָן דער ווינטער זיך נאָך אַרויסווייזען נישט ערגער ווי פאַר=אַ=יאָהרען. מען דאַרף נור נישט פערלירען דעם בטחון. אפשר וועט מען נישט דאַרפען שיקען קיין „הזרה“. אָבער פראָלאָנגירען די היגע וועקסלען מוז מען, און אַ „שטילען“ באַנקראָטעל אין לאָדז מוז מען מאַכען. דער פראָסט איז האָטש אַ טייערער גאַסט, אָבער ער האָט זיך אַביסעל פערשפּעטיגט...

זונטאָג פערפלייצען די שטאָדט אַלערליי „סערמיאַגעס“, וואָס האָבען זיך שוין פערבענקט נאָכ׳ן קאָסטיאָל. מיין קרעמער, צוזאַמען מיט דעם משרת, זענען ווי אָבגעלעבטע געוואָרען. מען וואַרפט אויס די נע=צען, און מען שלעפּט דעם פויער אין קלייט אַריין. פון טויזענדער קלייטען, וואָס ציהען זיך דריי וויאָרסט די לענג, ווינקען טויזענדער אויגען, און אַלע ווילע נעהמט מען אָן די פויערטע פאַר די ברייטע טאַליע און מען פיהרט זי, ווי אַ חתן=כלה, אין קראָם אַריין. אויפ׳ן טאָמבאַנק ליגען שוין אָנגעוואָרפען כל המיני סחורות, און די ציצענע בלוזעס מיט די קאָלירטע שלייקעס זענען שוין דורך נישט איין האַנד. און חאָטש זונטאָג איז אַ מנהג צו=צומאַכען אַ קראָם נישט שפּע=טער, ווי זעקס פאַר=נאַכט, נאָר ווער קוקט אויף דעם! דער סטאָ=

קאָווי האָט שוין לאַנג בעקומען זיין „דירה-געלד“ און הינטער די האַלב-פערמאַכטע קראָמען הערען נישט אויף צו פלאַקערען די „בליק-לאָמפען“.

מאָנטאָג האָט זיך בעוויזען אַ ווייכער צוקראָכענער שניי. דער טער-מאָמעטער ביים אַפּטייקער האָט זיך אַ הויב געטהון. די גאַסען זענען ווידער בלאָטיג געוואָרען, און דער קרעמער ווייסט שוין, אַז אָהן „הזרה“ וועט ער זיך נישט אויסדרעהען.

דער משרת מיט'ן בעל-הבית שטעהען שוין ווייטער ביי די טהירען, ווי די קלעצער. דער קאַפּיטאַן פון דאַמפף-שיף „קונעאויטוס“ האָט שוין געהייסען בעזעהן דעם קוימען און אָנגיסען אייל אין דער מאַשין. אויף דער גאַס האָט זיך בעוויזען יונה דער שטאָדט-משוגע'-נער מיט די צוקודעלטע האָהר און די באָרוויסע פיס. בת-שבע די בעט-לערקע איז שוין אַרויס פון בקור-חולים און מאָהנט ביי די קרעמער די „ציגעלעך“ צוקער, וואָס זי האָט נישט בעקומען פאַר צווי ראש-חודש'ן.

און די קרעמער שטעהען, ווי די שטעקענס ביי די טהירען, און חלומ'ען פורים-צייט פון אַ זומער מיט פרנסה. און אין זייער חלום איז נישטאָ קיין בטחון.

III

אויף בין הזמנים.

ביסלעכווייז ווערט די שטאָדט אויסגעליידיגט. מען צופאָהרט זיך אויף די זומער-וואוינונגען. די צדקה-חברות האָבען שוין צו-טיילט די לעצטע קוויטלעך אויף וואַנעס קיין בירשטאַן און דרוסקעניק, דער רב האָט שוין אויסגעטיילט זיינע רחמנות-בריעף צו זיינע חברים די רבנים פון פערשיעדענע אויסלענדישע בע-דער. וואו נור עס געפינט זיך אַ הויפען בוימלעך און אַ פויערשע חאַ-טע, האָבען זיך שוין אַריינגעקליבען עטליכע יודישע משפחות מיט קינד און קייט און עטליכע שכנים דערצו. די שטילע סלך-חעלדער האָבען בעקומען מיט אַ מאָל אַ גרויסע בעפעלקערונג. איהר שפרייזט דורך די אַרומיגע וועלדער און אויף איטלי-כען טריט דערזעהט איהר פאַר זיך — אַ הייפעל שמאַטעס! דאָס ליעגען אויסגעצויגען אין זייערע גראָהע ציצענע און קאָרטע-נע קליידער די אָרימסטע פון די אָרימסטע, וועלכע זוכען ביים חאַלד און דער זון היילונג פאַר זייערע אָנגעגריפענע לונגען. די שטאָדט בעקומט אַ נייע פנים. איהר טרעפט נישט אויף די גאַסען די אָרטיגע כלל-טהוער, וועלכע האָבען אין משך פון חינטער און פריהלינג אַייך גענויט צו טאַנצען אויף דער שלעפ-טער פּאָדלאָגע פון דעם שטאָדטיגען דומאַ-זאַל, אַייך געצוואונ-גען צו הערען „חינקע און פינקע“ לטובת דעם בקור-חולים און „שלמה גאָרגעל“ צום נוצען פון דער ביליגער קיך. זיי זענען שוין ערגיץ וואו אין אַ יודישער ים-באָד, צי אין קראַנץ, צי אין צאָפּאָט אָדער אין דובעלן. עס זענען אויך ווי אין וואַסער איינגעזונקען די שטאָדטישע דאַמען. צוויי מאָנאַטען האָבען זיי

געהאָרעוועט ערגער ווי די קעכֿינס זייערע, לויפֿענדיג אַלץ פֿון איין שניידערקע צו דער צווייטער, מאַכֿענדיג הכּנות צו דער רייזע קיין אויסלאַנד. דעם גאַנצען חן זייערן האָבען זיי פֿערלאָרען אין אָט דער שווערער צייט, ווען איטליכֿע שניידערקע איז געווען מיט גאָלד צו וואויגען. און איצט, ווען אַלע די שענע זאַכֿען פֿון הוט ביז צו די פֿאַרביגע זאָקען ליגען אויף שטוהלען, טישען און ביינק, ווי די בלאַנקע כּלי־זין פֿון אַ יונגען אָפֿיציר — צופֿאָהרען זיי זיך אויף אַלע זייטען און פֿערגינען אונז נישט אַפֿילו אַ קוק צו טהון אויף אַלע די שענע זאַכֿען, וואָס וועלען, בלענדען די אויגען פֿון פֿרעמדע מענער ערגיץ וואו ביי די ברעגעס פֿון ערגיץ אַ ים.

די איבערגעבליבענע בעקומען עפּיס אַ נייעם, ליעבען אויסדרוק. די מענער, וואָס זענען געבליעבען היטען די פּוסטע צימערן פֿון זייערע וואוינונגען, פּיהלען זיך ווידער ווי אין די צייטען פֿון בחור־ווייז. זיי בלאָנדזשענען אין די שטילע אָווענדען צווישען די גאַסען פֿון שטאָדט און אויף זייערע פּנים׳ער ליעגט אַ בענקשאַפֿט, אינאיינעם מיט׳ן נחת פֿון איינעם, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפֿען אַ יאָך פֿון קאָפּ. אמת, מאַנכֿע פֿון זיי האָבען בענוצט וועקסעל־פּאַפּיר, כּדי צו בעפֿריעדיגען ווייב און קינד. אָבער דאָס זענען זעקס־מאָנאַטיגע וועקסלען, און ביז נאָך סוכּות ברעכֿט מען זיך נישט דעם קאָפּ דעריבער. זיי געניסען איצט אַ פֿרייהייט, וואָס דערמאָהנט זיי די נאַרישע יוגענד און זיי מעסטען זיך אָן אויף אַ ווײַלע די מאַסקע פֿון אַנ׳אַמאָליגען בעל־תּאווה׳ניק, וואָס פֿלעגט האָבען אַ מגע ומשא מיט די כֿאָריסטקעס פֿון טעאַטער און זינגערקעס אויף די אָפֿענע זומער־סצענעס. דאָס איז אָבער נור אָנגעמאָסטען. מען שפּיעלט זיך מיט זיך אַליין. אַזוי מעסט זיך אָן אַ חדר־יונגעל דאָס היטעל אָדער דעם שווערד פֿון סאָלדאַט, וואָס קומט אויף פּסח צו סדר׳ן אינאיינעם מיט׳ן טאַטען און מאַמען. דאָס היטעל איז צו־גרויס און דער שווערד צו־שווער. אַוועק די צייטען פֿון בחור־ווייז. מען קאָן שוין קוים סובֿל זיין די קוויטשענדיגע פֿאַלשע שטימען פֿון די זינגערקעס, און דער פּודער, וואָס ליעגט ווי אַ וואָלקען אַרום די צולאָזענע נקבֿות, קראַצט אין גאָרגעל און ס׳עקעלט.

ווי אויסגעשפּאַנטע פערד בלאָנדזשענען זיי אין די שטילע פאַרנאַכטען. דאָס, וואָס מען האָט זיי אַ ווײַלע אויסגעשפּאַנט, איז געווים אַ גרויס תענוג. אָבער פון קיזיקעל איז געוואָרען אַ שווערבייכיג פערד און דאָס פאַמיליען־לעבען האָט איהם שוין אָבגעוועהנט דערפון צו געניסען די פאַשע פון אונטער די פיס. ער האָט שוין קיין הנאה נישט דערפון. ער קאָן שוין אפילו נישט מקנא זיין די, וואָס ווילען נישט וויסען און הערען פון געקאָכטע וואַסער און סטעריאַליזירטע היי און האָבער. ער איז אויסגעשפּאַנט, און דאָך אין אַ דריי־פאַכיגען יאָך. אַ בענקשאַפט אינאיינעם מיט דער מתיקות פון אַ בין־הזמנים־אָווענד מאַכען פול די אויסגעשפּאַנטע מענער, און אין קיין צייט פון אַ גאַנץ יאָהר פליסען נישט פון זייערע מיילער אַזוי פיעל נבול־פה, ווי אין די זומערדיגע פאַר־נאַכטען ביי אַ גלאָז ביער אין שטאָדט־גאָרטען. אָט אַזוי געניסט זיין בין־הזמנים דאָס חדר־יונגעל מיט אַ באָרד און אַ בייכעל. עס איז אָהן סכנות. זייער נבול־פה זענען די זכרונות פון אַ מאָל. קומט ער שפּעט, זעהר שפּעט, ביי־נאַכט אַהיים און הויבט ער אָן צוגרייטען וואַסער פאַר די אַריינגעשטעלטע ציינער— ווייסט ער אַליין נישט, פון וואַנען האָט עס זיך גענומען ביי איהם אַזאַ זכרון אויף אַלע די אַלטע מאוס'ע שלאָפצימער־אַנעקדאָטען. און איידער ער לעשט אויס דאָס ליכט שליסט ער זיך צוויי מאָל אָב, ווייל ער האָט מורא פאַר דער יונגער קעכין, וואָס איז מיט איהם אַליין אין דער גרויסער, ליידיגער וואוינונג, עס זאָל זיך חלילה נישט איבער'חזר'ן די מעשה פון יוסף'ן מיט פּוטיפרע'ן.

IV.

יודישער יחוס.

אַמאָל האָט ביי יודען זיך גערעכענט פאַר יחוס דער גייסטיגער אָבּ־שטאַם. איטליכער יוד, און זוער רעדט נאָך, ווען ער איז געווען אַ שטיקעל למדן, האָט געצויגען זיין יחוס פון דוד המלך אָן. אַ יודישע משפחה, וואָס איז געווען „אויסגעקנאָטען“ פון רבנים און דינים, האָט זיך געצעהלט צו די פאָרנעהמסטע. און ווען אַ יודענע האָט זיך געוואָלט בערימען מיט איהר יחוס, האָט זי גענומען פאַר אַנ׳עדות די „מזרח־וואַנד“ פון קאַבצאַנסקער בית־עולם, וואו עס ליעגען אַלע איהרע קרובים מיט די זעקלעך אֶרץ־ישׂראל־ערד צו־קאָפּענס. „גאַנץ טונעיאַדאָווקע איז דאָך מיין שטאָדט“, האָט מיינע אַנ׳אָרימע מוהמע זיך צופלאַמט אַמאָל, בעת זי איז געפאָהרען אַהין אויף קבר־אָבות, נאָך איהר דריטען מאַן.

קיין גרויס „עולם־הזה“ האָבען יודען דעמאָלט פון זייער יחוס נישט געהאַט. דערפאַר האָט איטליכער שטאָלצירט מיט דער מורא׳דיגער „עולם־הבא“, וואָס זיינע קרובים פערנעהמען דאָרט... כמעט גאַנצע גובערניעס! און האָטש דאָ, אויף דער־וועלט, האָט דעם הילצערנעם ביינקעל געפעהלט מכמה יאָהרען אַ פוס, אָבער דער געדאַנק וועגען דער גוטער סטאָליאַרסקער אַרבייט פון גילדענעם שטוהל אויף יענער־וועלט האָט פול געמאַכט אַ יודיש האַרץ מיט אַ שטאַרקען בטחון. און אַמאָל האָט טאַקע פאַסירט, ווי מיר. פראָסטע מענשען, לייענען דאָס אין „מנורת־המאור“, אַז צו דעם אָרימען תנא ר׳ שמעון בן יוסי איז אַמאָל ערב שבת אַראָבגעפאַלען פון הימעל אַ פודיגער פוס פון ריינעם גינגאָלד.

הײנט אָבער האָט זיך אונזער בעגריף װעגן יחוס שטאַרק געענדערט. אין צענטער פֿון אונזער יחוס שטעהט נישט דער אויבען-אָן פֿון קאַבּצאַנסקער בית-עולם, נאָר דאָס פּאַפּיר'ל פֿון „פּראַװאָזשיטעלסטװאָ". אין די גובערניעס פֿון אויסער דעם תּחום איז דער „ניקאָלאַיעװסקער" דער גרעסטער יחסן. נאָך איהם געהט שוין דער „אַלציגער", װאָס ציהט זײן „װאַיין-יחוס" ביז פֿאַר די אַלציגער יאָהרען, אויף װעלכע איגנאַטיעװ'ס צירקולאַרען האָבען, ב"ה, קײן שליטה נישט. אין מאַנכע רוסישע קאַנטען, װי, למשל, אין באַלטישען, האָט דער יודישער יחוס נאָך אַנדערע מדרגות. צו די עלטעסטע תּושבים אין באַלטישען קאַנט רעכענען זיך די „שלאָקער בירגער" — יודען, װאָס האָבען אײנגעװאַנדערט דאָרט צו יעקאַטערינאַ'ס צײטען, און װעלכע זענען געװען די פּראָסטעסטע פֿון די פּראָסטע פֿון דער יודישער אומה. די ערשטע פּאָר פֿאַמיליעס, װאָס האָבען בעקומען דאָס ערלויבניש דאָרט זיך צו בעזעצען, זענען געװען פֿאַקטאָרס. און לויט די היסטאָרישע דאָקומענטען, װאָס ד"ר יאָפּע אין ריגא האָט אַרויסגעגעבען, איז דאָס געװען אין גײסטיגען און מאָראַלישען זין דער ערגסטער עם-הארצ'ישער טײל פֿון יודענטום. נאָך די „שלאָקער בירגער" הויבט זיך אָן דער יחוס פֿון „ניקאָלאַיעװסקען", דערנאָך — פֿון „אַלציגער" און לסוף פֿון „אַפּטײקער-געהילפֿען און דאַנטיסטען". דער „שלאָקער בירגער" איז שוין אַזאַ יחסן, אַז מען מעג איהם פֿערגלײכען מיט'ן „קידאַנער חתן אין אַ פּסח'דיגען זאַק מעהל", צו װעמען עס איז זיך שוין נישט אָנצורירען, — אַזוי פֿול איז ער מיט זײן אינװײניגסטען יחוס. אויך דער „ניקאָלאַיעװסקער" קוקט מיט אַ שטילער גאוה אַרונטער אויף דעם װיטעבסקער יודען, װאָס פֿערבלאָנזשעט אַמאָל קײן ריגא, דער „אַלציגער" איז שוין אַ קלענערער יחסן, ער האָט נאָך אַביסעל מורא פֿאַר פּורישקעװיטש'ן, אָבער ער שלאָגט זיך אויך אויף דער ברוסט, װי דער איטאַליענישער קונסט-מאַלער „Anchio pittore" — „איך בין אַן אַלציגער!" און האָטש דער „אַפּטײקער-געהילף און דאַנטיסט" האָט די לעצטע צײט זיך בענוצט מיט זײן װאוינרעכט מיט אַ ציטערניש אין האַרצען, — װײל אַט-אַט קאָן ער פֿערלירען איבער-נאַכט זײן יחוס, — פֿונדעסטװעגען איז ער אויך אַן אָנגעזעהענער יחסן, מיט װעלכען דער „אַלציגער" שעמט זיך שוין נישט משדך צו זײן.

סיי דער „שלאָקער“, דער „ניקאָלאַיעווסקער“, דער „אַלציינער“ האָבען שוין אַ קליין שייכות צום ספר־היוחסין. זייער יחוס איז פֿערבריעפֿט און געחתמ'עט פֿון אַ רוסישען בעאַמטען אויף קאַנצעליאַרסקע פּאַפּיר מיט שלעכטע טריפּוואַקס. אָבער פֿונדעסטוועגען לעבט אין זיי שוין די גאוה פֿון אַ צוקינפֿטיגען באַראָן, מען דאַרף נור לעבען איינגע צייט אויסערן תחום, אום צו בענעהמען און צו דערפֿיהלען דעם שטאָלץ פֿון אונזערע שפּאָגעל־נייע יודישע אַדעל־לייט.

פֿאַרצייטען האָט דער יודישער יחסן זיינע מאַיאָנטקעס געהאַט אין די גרעניצען פֿון די ש״י עולמות, און איז דאָ אָבגעקומען מיט שה״י־פּה״י. דער היינטיגער יחסן אָבער האָט אַ גאַנץ קליינע השגה פֿון די אַמאָליגע גרעניצען; ער איז אַ מגושם'דיגער עולם־הזה'ניק און גרייט אַפֿילו נישט אָן פֿאַר זיך קיין זעקיל ארץ־ישראל־ערד.

און האָטש איך בין ניט מקנא דעם שפּאָגעל־נייעם יחסן, און פֿערגין איהם פֿון האַרצען זיינע פֿערבריעפֿטע רעכט, פֿונדעסטוועגען איז מיר דער אַלטער יחוס אַ סך ליעבער ווי דער נייער.

דען, זאָגט וואָס איהר ווילט, עס איז פֿאָרט אַנגענעהמער צו ציהען זיין יחוס פֿון דוד המלך אָן, ווי פֿון דעם דערפֿיל „שלאָק“, וואו אַ יודישער פֿאַקטאָר האָט צוערשט בעקומען חן ביי אַ רוסישען בעאַמטען.

פֿאָרט ליעבער זיך אַרומצוטראָגען מיט אַ זכרון, וואָס נעהמט אַרום גאַנצע עפּאָכען פֿון יודישען פֿאָלק, אײדער מיט דעם קעצישען זכרון פֿון אַ „שלאָקער בירגער“, פֿאַר וועמען דאָס יודענטום הויבט זיך אָן מיט באַמבערגער און אַריון, מיט די ערשטע צוויי מעקלערס, וואָס האָבען צוגעשטעלט פּוראַזש פֿאַר יעקאַטערינאַ'ס היל.

ניש ווילענדיג דערמאָהנט זיך מיר די מעשה מיט'ן מלאך הדומה, וואָס האָט געפֿרעגט אַ וויטעבסקער יודען און אַ „שלאָקער בירגער“: מה שמך? דער ערשטער האָט געענטפֿערט באַלד דעם פּסוק, דער צווייטער האָט נור געדענקט דעם נומער פֿון זיין לעצטען טעלעפֿאָן.

דער זכרון פֿון נייעם יודישען יחוס געהט, ליידער, נישט ווייטער פֿון טעלעפֿאָן־נומער. — וועלכער האָט נאָך די טבע זיך עפּטערס צו בייטען.

V.

בר־מצוה.

ער האָט שוין בעקומען פון דער באָבען דעם זילבערן זייגעריל, פונ'ם טאַטען — די קליינינקע תפילינ'לעך און פון דעם שוועסטערל — דאָס אויסגעשטיקטע תפילין־זעקעלע. דער אַלטער זיידע, וואָס איז שוין אין זיינע יאָהרען צו דער חופה געגאַנגען, וויל נישט וויסען פון דער נייער צייט מיט איהרע נייע גזרות און בהלות. ער שיקט דעם אייניקעל אַ פאַרטיגע דרשה אויף דאָס בעקאַנטע טהעמע: צי מעג אַ געלינקטער לעגען תפילין אויף דער רעכטער האַנד? אין שטוב איז ליכטיג, אויפ'ן ווייסען טישטוך שטעהען אַלערליי גוטע זאַכען, און צווישען די געסט מישען זיך אוים די הייבלעך פון אַלטע מוהמעס מיט די אַלט־מאָדישע קאַפּעלושען פון די בית־מדרש'דיגע כלי־קודש, וואו דער טאַטע פערמאָגט אַנ'אייביגע „שטאָט“. דאָס בר־מצוה־בחור'ל אַליין שיינט אין זיין קליינעם מונדיר'ל מיט די בלאַנקע מעשענע קנעפּ, און ער קוקט זיך צו מיט נייגיריגע יונגע אויגען צו די מתנות, וואָס שטעהען, ווי דרשה־געשאַנק, אויפ'ן יום־טוב'דיגען טיש.

זיך צוקוקענדיג צו דעם דאָזיגען בחור'ל, ווער וואָלט דאָס גלויבען, אַז דאָ שטעהט פאַר אַייך אַ געריבען, אָנגעפּראַקטיקירט נשמה'לע? שוין צו 7—8 יאָהר, ווען טאַטע־מאַמע זענען געשטאַנען מיט גרויס הכנעה פאַר אַ גוי'אישקען דירעקטאָר, האָט ער געהאַפּט דעם שניט פון דער יודישער לעבענס־פּראַקטיק, און אין דעם טאָג, ווען, ריי־טענדיג אויף זיינע פּלייצעס, איז אַריין מיט איהם צוזאַמען אין דער קאָמערץ־שול דער זוהן פון אַ בעקאַנטען סטרוזש, — האָט ער שוין בעקומען די תורה פון די „פּראָצענטען“. צוזאַמען מיט כלל־

ישׂראל האָט ער געציטערט און געפלאַטערט, בעת מיניסטער שוואַרץ האָט געוואָרפן אַנ'אויג אויף די קאָמערץ-שולען און צוזאַמען מיט טאַטע-מאַמען האָט ער געדאַנקט דעם בורא, וואָס האָט געשיקט אויף אונז אַ קאַסאָ און האָט רחמנות בעקומען אויף יידישע פראַצע, וואָס מיהט זיך אַזוי שטאַרק נאָך פאַר קינדער פון אַלערליי סטרוזשען. ווי אַנ'אייביגע מעלאָדיע קלינגט אין זיין אויער דאָס לידעלע פון „גאָלדענעם מעדאַל“, וואָס עפענט אויף אַמאָל די טויערען פון אַנ'אוניווערזיטעט פאַר אַ יודיש קינד, און אַלע טאָג לעגט ער זיך שלאָפען מיט'ן געדאַנק, אַז מיט צוויי מאָסען ווערט געמאָסטען דער יוד: ביים פריזיוו איז די מאָס מיט אַ פאָר ווערשקעס קירצער, און אין פשוט'ן לעבען — מיט אַנ'אַרשין גרעסער. און וויסען ווייסט ער שוין ניטשט ערגער פאַר אַנ'אַלטען געניטען דיפּלאָמאַט, אַז געלד איז ביי יודען די הויפּט-זאַך, אַז מיט געלד מאַכט מען אַלץ, אַז די מטבע האָט די דעה, אַז פאַר דעם רונדען שטיקעל מעטאַל הערען בטל אַלע צירקולאַרען מששת ימי בראשית אָן, און אַז געלד איז קיילעכדיג, וואָס קייקעלט זיך אַריין אין די פערשפּילעטעסטע קעשענע.

נאָך איידער דער טאַטע האָט איהם אָנגעהויבען מחנך צו זיין, האָט איהם שוין מחנך געווען דער יודישער גלות-שד, וואָס האָט ליעב צו צופּליקען די בלעטלעך פון אַלערליי פעלד-בלימלעך און יונגע שפּראָצונגען. אין זיינע אויערן פויקט ווי אַ מלחמה-מאַרש דאָס גרויסע פּראָגראַם „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. זיין לעבען הויבט זיך אָן ווי פון אַ מיטען, נאָך איידער ווען-וואָס, ווייסט ער שוין, אַז ערגיץ-וואו שטעהט אַ גרויסער, הויכער קלאָץ, בעשמירט מיט חלב ביז'ן שפּיץ, וואו אַלע יודען קלעטערען אַרויף, פאַלען אַראָב, ווערען געהרג'עט, שטעלען זיך אָב אין דער מיט, אָדער דער-גרייכען דעם שפּיץ. און נאָך איידער ווען-וואָס, פערקאַשערט ער שוין די [illegible] און גרייט זיך צו צו דער אַרבייט. ער קלעטערט ביז צום גאָלדענעם מעדאַל. דערנאָך קלעטערט ער ווייטער און ווען ער דערגרייכט שוין צום שפּיץ, איז ער שוין אַ צובראָכענער, אַנ'אייביג-פערמאַטערטער מיט אַ פערביטערטען שפּעטישען שמייכעל אויף די ליפּען און אַנ'אומעטיגען גלאַנץ אין די אויגען.

ווי פאַרצייטען דער זיידע האָט צו בר-מצוה געדרש'ענט פון דער

בימה אַן איינגענע דרשה אין הלכות זרעים, אַזוי מעג היינט דאָס איינייקעל דרש'ענען פון אייגענער פּראַקטיק וועגן לעבענס־פּאָליטיק און לעבענס־געניטקייט. אַן ענגלישער, אָדער אַ דייטשער סטודענט איז אַן עופֿה'לע אין פֿערגלייך צו איהם, זיי וועלען זיך נאָך לאַנג מוזען רייבען צווישען מענשען, איידער זיי וועלען בענעהמען די שלעכטקייט, קאַלטקייט און דאָס שפל'דיגע אין זיי. דאָס יודישע בחור'ל אָבער וואַקסט נישט ווילענדיג אויף מיט אַ פֿריה־צייטיגען בליק פֿאַר די שפלות פֿון מענשען, לערנט זיך נאָך אין די חינדלעך אויס, ווי צו „וואָיעווען מיט די וועלט“, און שוין אין די קינדערשע יאָהרען פֿערטיעפֿט ער זיך אין דער דיפּלאָמאַטיע פֿון אַלע געדריקטע, שוואַכע און פֿערשקלאַפֿטע.

און טרויעריג ווערט אויפ'ן האַרצען אויף אַ יודישען בר־מצוה, ווען מען בעקלערט, אַז דאָס צייטיגע קינד איז אַזוי איינזייטיג צייטיג געוואָרען. נאָך איידער דער נאַריש־שענער, קאָלירטער, ציטערדיגער לעבענס־טעפּיך האָט זיך פֿערשפּרייט פֿאַר די אויגען, האָט מען שוין דעם שלייער פֿון איהם אַרונטערגעריסען, שוין געוויזען די גראָהע פּעדעם פֿון איהם. און פֿון טיעפֿסטען האַרצען רייסט זיך אַרויס אַ קללה אויף אונזער אומגליקליכען יודישען מזל, וואָס רודפֿ'ט אונז עד הרמה, און נעהמט צו פֿון אונזערע פֿערדאגה'טע טאַטעס אַפילו דעם פֿרייען נאַאיווען שמייכעל פֿון אונזערע יונגע עופֿה'לעך.

VI

אַ שמועס.

בויענדיג אַ סוכּה האָט יעקעל דער סטאָלער ניט בּעמערקט, ווי אין דעם בּרען פֿון דער אַרבּייט האָט זיך אָבּגעריסען בּיי איהם אַ גאַנצע ציצה. אין דער לעצטער נאַכט פאַר סוכּות, ווען דורכ'ן נעץ פֿון סכך האָבּען אַריינגעקוקט די זילבּערנע לבנה־שטראַהלען אויף דער ניט־געבּרוקירטער פּאָדלאָגע פון דער אָרעמער סוכּה, האָט מען געקאָנט הערען אַ שטילען שמועס. די בּאַוועלנע ציצה איז געלעגען אומעטינ צעשפּרייט מיט איהרע אַלטע פעדים און האָט זיך שטיל־געקלאָגט אויף איהר בּיטערען מזל. זי געדענקט נאָך די צייטען, ווען זי איז נאָך ניט געווען אַזאַ בּריד, ווען זי האָט געשיינט אין הימעלבּלויע פאַרבּען, ווי דער מאַנטעל פֿון מרדכי אין שושן הבירה. ווי אַנ'אַלטיטשקע, מיט זעק אונטער די אויסגעוויינטע אויגען, האָט זי זיך מיט טרעהרען דערמאָנט אָן דער צייט, ווען זי איז געווען אַ שענע וואָלענע פראָנז און האָט זיך שטאָלץ געוויעגט איבּער'ן ווייסען דינעם ליינענעם קלייד פון אַ „בּחור כּאַרזים“, אָדער אויף דעם פּרעכטיגען מאַנטעל פון אַ „כּהן צו גאָט“. „וואָס האָט מען פון מיר געמאַכט“, האָט זי געזיפצט, „וואו איז די הימעלבּלויע פאַרבּ אַוועק, וואו איז אַהינגעקומען די ווייכקייט און די פיינקייט פֿון מיינע צאַרטע גליעדער“.

די כּיפּה, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אָבּגעבּלאַקירטע בּרעטלעך אין אַלערליי פאַרבּען, וואָס פּאַסען זיך ניט צוזאַמען, ווי שטיפּבּרידער פון דריי מאַמעס, וואָס רינגלען אַרום פֿון פיער זייטען אַ פּלאַץ פון הויף, ניט ווייט פֿון דעם אָבּגוס מיט זיינע שענע רידות, וואָס טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ נעץ פֿון דינע שטענגלעך, אויף

וועלכע עס ליעגען צעוואָרפען אָרימע סכך-צווייגלעך — האָט מיט גרויס געפיהל זיך צוגעהערט צו דער קלאָג פון דער ציצה און האָט טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט איהר סכך-קאָפּ.

אויך איהר איז געגאַנגען, ווי דער ציצה. אַמאָל איז זי געשטאַנען אויף בערג און גרינע פעלדער. ווייכע צווייגען האָבען זיך פעראייניגט ווי ברידער פון איין מאַמען און זיך מיט ליעבע צוזאַמענגעפלאָכטען. אָנשטאָט דעם דינעם סכך האָבען פאַלמען-צווייגען — ניט די היינטיגע טרוקענע לולבים, מיט וואָס עס צאַצקעט זיך אַנ'אויסגעטרייקענט פאָלק — בעדעקט איהר קאָפּ. לופט, ברייטקייט, די אַראָמאַטען פון אָטעמענדיגע פעלדער האָבען פול געמאַכט איהר נשמה. פון איהר פאַלמען קאָפּ האָבען זיך געלאָזען צו דער ערד אתרוגים, גראַנאַטען און די פרעכטיגע בלומען-גירלאַנדען פון אַ לאַנד, וואו עס הלומ'ט דער כרמל און וואו עס גלאַנצט דער לבנון אין זיין יום-טוב'דיג-קלייד. אויך זי איז געוואָרען אויף דער עלטער אַ ברודיגע אָנהענקען, וואָס זאָל מענשען דערמאָנען אָן אַמאָליגער שענקייט.

„איך פערשטעה ניט די מענשען, וואָס שטעלען מיין שענקייט אַזאַ מיאוס'ען דענקמאָל; וואָלט שוין ניט גלייכער געווען, ווען מענשען וואָלטען געמאָלט מיין יוגענדבילד אויף די ווענד פון זייערע עסצימער, איידער זיך צו פראַלען מיט מיין מיאוס'ער אַלטקייט, וואָס האָט שוין קיין צייהן ניט און האָט אָנשטאָט אַ בויגיגען צווייגענקערפער — אברים פון אַלטע אָבגעבלאַקירטע ברעטלעך?“

די זילבערנע לבנה האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען שמועס. אויף איהר „יהושע-בן-נון“-פנים איז אַריבער אַ צופריעדען שמייכעלע. אויך זי איז אַלט און טויט, אָבער איהר אַלטקייט איז פאָרט שענער פאַר דער אַלטקייט פון אַ היינטיגער באַהעלגער ציצה און אַ היינטיגער אָרימער סוכה. זי האָט כאָטש ניט פערלאָרען דעם חן פון דעם מענשליכען אויג. פאָעטען פערקוקען זיך אויף איהר נאָך עד היום...

VII

די אויסלענדער.

צוזאַמען מיט די ערשטע פריהלינגס-שטראַהלען בעווייזען זיך אין די גאַסען די אויסלענדישע סטודענטען, וואָס זענען געקומען אויפ'ן פסח'דיגען בין-הזמנים אַהיים. דאָ און דאָרטען זעהט איהר אַ נייעם „שניט“ פון אַ פּרייסישען בגד, אַ נייע פאָרם פון אַ קאַפּעליוש, און אונזערע סטודענטקעס בריינגען מיט אין דער פּראָווינץ די נייע „טורבאַן-פריזור“ מיט אַ ברייטען קאָלירטען באַנד אין די האָר. דאָרטען אין פּאַריז, בערלין, ברוסעל, זשענעווע, צווישען די „עכטע“, מאַכען זיי נישט קיין אַנגענעהמען איינדרוק. צווישען די אַרומיגע ציכטיגקייט און ריינקייט האַרמאָנירט נישט זייער ניי-מאָדנער קאַפּעליוש מיט די שמוציגע פינגער-נעגעל און שלעכט פערקאַמטע האָר. טראָגט מען אַ טורבאַן-פריזור, — פאָדערט זיך שוין אַ קליידעל „אַ לאַ פּרינצעס“ און עס פּאַסען שוין נישט אויף די [illegible]פלעך די שווערע, טיעפע קאַלאָשען. אָבער דאָ ביי אונז איז עפּיס גאָר אַנדערש. אין דער אַרומיגער גראָהקייט און אָבגעלאָזענקייט, דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך מעהר ריינקייט, ציכטיגקייט און מעהר אויסערליכע קולטור אין גאַנצען בענעהמען זייערן, עס טראָגט זיך פון זיי אַ שוואַכער אָבגלאַנץ פון אַ געזיטעטערער סביבה און עס דאַכט זיך, אַז צוזאַמען מיט'ן פּאַפּירל, וואָס מען קלעפּט צו צו זייערע אויסלענדישע טשעמאָדאַנען אויפ'ן גרעניץ, האָבען זיי אויך מיטגעבראַכט אַ חתימה'לע פון מאַדאַם אייראָפּאַ.

איטליכס מאָל, ווען איך זעה אַזאַ סטודענט געהן דורך די איינ-

גע פּראָווינציעלע גאַסען, נעהמט מיך אָן אַ בּענקעניש. זיינע פּיס, וואָס האָבּען זיך שוין צוגעוועהנט צו אַן'אַספאַלטענעם בּרייטען טראָטואַר, קלאַפּען אָבּ אויפ'ן שלעכטען בּרוק איטליכען טריט. זיין גאַנג איז נישט זיכער, און דער גאַנצער הילוך זיינער פון ניי-מאָדנעם קאַפּעליוש, גלאַקען-פּאַלטאָ און די געלע „געטר" (Guetre) אויף די אַמעריקאַנישע שטיוועל מאַכען אַנ'-איינדרוק פון אַ אורח פון אַ פרעמדער וועלט. ער איז שוין אָבּ-געוועהנט פון צו זיין שטענדיג אויף דער מאַמעס אויגען. ווי דאָס סטודענטישע לעבּען זאָל נישט זיין קאָלדיג, אָבּער בּיי זיך אין צימער'ל איז ער אַליין, איינער אַליין, פריי און איינזאַם, ווי אַ פויגעל אין דער לופט. און חאָטש ער בּענקט אָפּט נאָך דער מאַמעס אַ בּליק און די ווייכע הענד פון אַ שוועסטער'ל, אָבּער די צו-פיעל „צערטליכקייטען", מיט וועלכע מען בּעשיט דעם ניי אָנגעקומענעם גאַסט, ווערט שוין אַ בּיסעל איבּערדריסיג. ער איז שוין אָבּגעוועהנט פון קינדער-געשריי, און די גאַנצע מעשה פון „האָבּען", קינדלעך, בּרית'ן, תּנאים'ס, מזל-טוב'ס קומט פאַר אַזוי פרעמד און קאָמיש. היינט וואָס פאַר אַ אינטערעסען די מענשען האָבּען? און ווי פער'דאגה'ט זיי זענען? דער איז בּעליידיגט, וואָס מען האָט איהם נישט גערופען אויף די רבּנים-אַסיפה און דער דאגה'ט, וואָס זיין טאָכטער „קלויבּט" זיך אַלץ ניט צו און וואָס דער טייך האָט זיך אַזוי בּרייט צופלאָסען. ווי דורך אַ חלום פיהלט ער, אַז דאָס זענען געוועהנליכע מענשליכע אינטערעס-סען, אָבּער וואָס קאָנען זיי איהם אינטערעסירען, איהם, וואָס וויל נאָך נישט אַריין אין די וואָכענדיגע פּשטות. ערגיץ-וואו אין יהופּעץ, אָדער אין גלופּסק שפּאַצירט אַרום אַ סטודענטקע אַ פריילין מיט אויגען, — אַך, אויגען! — און מיט אַ טורבּאַן-פריזור. צי קלערט זי גאָר וועגען איהם, וואָס לאַנגווייליגט זיך איצט אין טונעיאַדעווקע בּיים טאַטען דעם קרעמער. צי קלערט זי גאָר? ווען ער וואָלט זיך נאָר נישט שעמען...

און ער געהט אַרויס צום טייך, וואו עס פערשטומען שוין די געשרייען פון שטאָדט, און קוקט ווי בּרייט ער האָט זיך צוגאָסען. בּיי די בּרעגעס שטעהען ווייבּער מיט די קליידער, פערקאַשערט בּיז די נאַקעטע קניה, און וואַשען און פּאַטשען

דאָס גרעט. ערגיץ־וואו שיפּט זיך אַנ׳אָנגעפּאַקעוועטע לאָדקע און פערשווינדט ביים אַנדער זייט טייך צווישען די פערטרונקענע בע־רעזקעס. חדר־יונגלעך שפּיעלען זיך אין שטיינדלעך־וואַרפען, אַ פערשלאָפענער סטראַזשניק, אַ ממונה פון קאָראָבקע, היט אָב, אַז מען זאָל חלילה נישט אַריבערשיפען קיין פרעמד פליישׁ. אַ וואַסער־טרעגער בויגט זיך אונטער דער משא פון די פולע עמערס. אַ יון שלעפּט זיך פאַרביי מיט זיינע גלעלע חאָלאָוועס: פון ווייטען הערט זיך דער געשריי פון אַ פוהרמאַן, וואָס איז פערקראָכען מיט זיין דאַר פערדיל אין אַ בלאָטע, און עס העלפט שוין נישט קיין „הויאָ! וויאָ!“... אַ שכור׳ער שוסטעריל אָדער אַ שניידעריל טראָגט זיך פאַרביי מיט אַ צורייצטען האַלב־פער־שלאָפענעם פּנים און מיט דעם גאַנג פון אַ קאַטשקע...

דער טייך ציהט אַרויף אויף איהם אַ מאָדנע הויט. ער ווערט עפּיס רוהיגער, פערטראַכטער... עס בעווייזט זיך מיט אַ מאָל אַ „קאָלעגע“ אין גלאָקען־פּאַלטאָ און אין אַ ניי־מאָדנעם קאַ־פּעליושעל, און מען בעגריסט זיך מיט אַ מינע פון אַנ׳אייראָ־פּעער, וואָס האָט אָנגעטראָפען אין טיעף אַזיען אַ צווייטען איי־ראָפּעער.

ווי נאַריש און שען עס איז די סטודענטען־צייט פון אַנ׳אויס־לענדישען.

VIII

א גאַסט איז געקומען.

א גאַסט איז געקומען אין דער פּראָווינץ־שטאָדט. עפּיס אַ מיש־מאַש פֿון אַ פּעטערבורגער טשינאָווניק, אַ יודישען כלל־טהוער. אַ יודישער רעוויזאָר און אַ קרוב למלכות, ד. ה., אַ נאָהנטער מענש פון זאַמיאַטין פּערעאולאָק, נומער 4.

אין דער פּראָווינץ־שטאָדט ווערט אויף אַ ווײַלע לעבעדיג. דער, וואָס האָט אַ חזקה אויף כלל־ענינים. אַנ'אַלטער אָנגעזעהענער גביר אַ בעל־צדקה, אָדער אַנ'אַלטער דאָקטאָר אָדער אַנ'אַלטער אַדוואָקאַט, וואָס טראָגט שוין אויף זיך דעם טיטול „פּריסיאַזשני“, לאַדען אײַן צו זיך די שבעה טובי העיר: אַ פּאָר דאָקטוירים אָהן פּראַקטיק, אַ פּאָר יוריסטען, אַ פּאָר אָנגעזעהענע גבירים אינטעליגענטען פון פֿאָריגען דור, — און מען איז מקבל פּנים דעם גאַסט.

אַלטע פֿערוואַלגערטע פּראָיעקטען שווימען אַרויף, מען דערמאָהנט זיך אָן אַנשטאַלטען, — וואָס האָבען געהונקען פֿאַר צעהן יאָהרען און הינקען נאָך עד־היום. מען האָט טענות און תרעומות צום „צענטר“, וואָס ענטפערט נישט אויף קיין בריעף, וואָס קאַרגט מיט סובסידיעס און רעכענט זיך אַזוי ווייניג מיט דער מיינונג פון די פּראָווינציעלע טהוער און גיט נישט די שטיצע, וואָס מען האָט שוין פֿערלאַנגט פֿאַר צעהן יאָהרען, פֿאַר זיעבען יאָהרען און נאָך נאָר נישט לאַנג — מיט דריי יאָהר צוריק.

דער פּעטערבורגער גאַסט ענטפערט אויף אַלע טענות. זיין צונג איז געשליפען; ער רעדט גיך, גיך, פֿערהאַקט זיך נישט אויף אַ רגע און בעת מעשה, בשעת דאָס מויל רעדט, קוקען די אויגען אָן אַ זייט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך צוהערען צו דעם האַקען און

הוזשען פון די וואגאן-רעדער, וועלכע קלינגען איהם נאך אין די אויערען פון דער נעכטיגער נסיעה.

די שבעה טובי העיר הערען זיך צו מיט גרוים פערגניגען. ווי קלאר ער רעדט, ווי שען קומט ביי איהם ארויס די רוסיש. די גלאטקייט זיינע, דער טאקט זיינער און דערהויפט דער רוהיגער בעזעסענער שכל-הישר. א פעטערבורגער טהוער איז פארט עפּיס א העכערע זאך. ער האט גאר אנ'אנדער קוק אויף אלץ, א ברייטערען, א רוהיגערען, אהן א טראפּען פערביטערטקייט, אהן דעם קליין-שטעדטילשען פאנאטיזמוס. און דערביי איז ער דורך און דורך אנ'אפּטימיסט. מיט א שמייכעל פון א געניטען אנגעפראקטיקירטען צושלאגט ער דעם דונקעלען פּחד פאר די צוקונפט, מיט וועלכען די נארישע פראווינץ איז אנגעזאפּט. עס ווערט עפּיס לייכטער אויפ'ן הארצען, ווען די שבעה טובי העיר אין זייערע ערנסטע שווארצע סטאן-רעק בעטראכטען דעם פעטערבורגער פארשוין אין דעם גראהען לייכטען פידזשאטשנעם קאסטיום מיט דעם לייכטען צינגעל, לייכטע בעוועגונגען און דעם צושטרייטען גראהען בליק פון די אויגען, וואס קוקען שטענדיג אן דער זייט.

עס עפּענט זיך די טהיר פון סאלאן, און עס בעוויזט זיך א שטובּ-מיידעל מיט א קלאר-ווייסען שירץ ארום די לענדען מיט א טאץ טהיי אויף די הענד. ביים טהיי איז בארמאנ'ס זיסען קעקס, וואס „קנוספּערט" ווי „באטשקעס" צווישען די צייהן. ווערט נאך היימליכער אויפ'ן הארצען. מען הויבט אן ביסלעכווייז צו טאפּען דעם פעטער-בורגער גאסט מכּח העכערער פּאליטיק, מכּח יודישער גלייכבערעכ-טיגונג, פורישקעוויטש'ן, די שווארצע מאה, די שטימונג אין די הויכע ספערען א. ז. וו., א. ז. וו. אלץ וויים ער, אלעמען קען ער. אלס לינקער קאדעט, וואס האט א מגע ומשא מיט די טרודאוויקעס, אין קען פּערזענליך מארקאוו דעם צווייטען, און דער טייוועל אליין איז איהם ניט שרעקליך. — רעדט ער וועגען אלץ מיט א לייכטער אנגענעהמער איראניע, מיט א שמייכעל אויף די ליפּען פון א מענ-שען, וואס האט שוין גרעסערע זאכען געזעהן און מורא'דיגערע זאכען דורכגעמאכט. מיט איין קרימעלע מאכט ער ארונטער א סך גרויסע מענשען, פון וועלכע מען האלט אין דער פּראווינץ אנ'עולם-ומלואה. דער אלטער סובארין איז א הונד אהן צייהן, פורישקעוויטש איז

פשוט אַ משוגע'נער. שוואַרץ איז גלאַט נישט איבערגעשפּיצט, און די שטערן־פּלאַטע איז אַ בבא־מעשה. ריינבאָט וועט צום עסק נישט צו־לעגען, און ניסעלאָוויטש? בעסער לאָמיר שוין וועגן אים גאָר־נישט ריידען.

צוועלף אַ זייגער ביי־נאַכט צוגעהען זיך די שבעה טובי העיר אַהיים. פאַר'ן אַוועקגעהן נעהמט מען פריינדליך אָבשייד פון גאַסט. מען בעדויערט אים, וואָס די זיצונג האָט זיך אַזוי לאַנג פערצויגן. ער איז אַוודאי נאָך נישט אויסגערוהט פון דער נעכטיגער נסיעה אין דער נעכטיגער זיצונג אין ווילנא צי אין דווינסק. דער גאַסט שמייכעלט ליעבליך אויף אַלע זייטען. אָ, ער איז שוין געוועהנט דערצו... מיר, פעטערבורגער, זיצען שפּעט אין דער־נאַכט. אויסערדעם, לוינט זיך שוין איבערהויפּט נישט צו־לעגען, ער מוז נאָך היינט פיעה ביי־נאַכט מיט'ן קוריער־צוג פאָהרען ווייטער.

אויף מאָרגען איז שוין דער גאַסט ערגיץ־וואו ווייט־ווייט פון די שבעה טובי העיר. זיין קומען און אָבפאָהרען איז פאַרביי ווי אַ לופטיגער חלום. עס איז אָבער געווען אַ שעהנער ליעבער חלום.

IX

מען איז זיך מתעסק.

ווינטער־צייט. ווען די פֿליגען קלעפּען אַרום דעם שטאַנג פֿון די הענג־לאָמפּען און שלאָפֿען אַ געשמאַקען שלאָף.—חאַפּען זיך אויף ביי די פּראָווינץ־לייט די כלל׳ישע אינסטינקטען. מען דערמאָהנט זיך, אַז דאָס שטעדטיל טונעיאַדעווקע האָט נאָך נישט קיין מוזיקאַליש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט, אַז עס פֿעהלט איהר נאָך אַ חברה חובבי שפת־עבֿר, אַ צווייג־אָבטיילונג פֿון דער פּעטערבורגער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט“, אַן׳עספּעראַנטאָ־קלוב א. א. וו. מען שרייבט אויס די פּאַרטיגע תקנות פֿון די „אוטווערזשעטע“ קאַבצאַנסקער חברות, — קאַבצאַנסק האָט מעהר איניציאַטיווע, און טונעיאַדעווקע קוקט אויף איהר ווי אויף אַ מוסטער־שטאָדט. — מען רופֿט צונויף די ערשטע גרינדונג־פֿערזאַמלונג. מען קלויבט אויס אַ פּאַסיגע „פּראַוולעניע“. טונעיאַדעווקע איז, אַדאַנק סטאָליפּינ׳ס בערוהיגונגס־פּאָליטיק, שוין לאַנג געקומען צום שכל. ווי באַלד די ראַדיקאַלע פּאַרטייען האָבען פֿערלאָרען דאָס גיפֿט זייערס, האָט זי אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין הלוק צווישען אַ בונדיסט, אַ ציוניסט און גלאַט אַזוי אַ קולטור־טרעגער. אַלע זענען העכסט דעמאָקראַטיש, אַלע זענען קינדער ביי גאָט, און נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועלען זיי אַלע קומען צו קבֿר ישׂראל. שוין אַ פּאָר יאָהר, ווי די „פּראַוו־לעניע“ שטעלט זיך צוזאַמען פֿון די איינגענע אינגרעדיענצען, ווי אַ האָרוואַסעריל געגען אַ פֿליך: דער קולטור־טרעגער, וואָס איז גליך ווייט און נאָהנט פֿון אַלע „אני מאמינ׳ס“, דער איין־איינציגער בונדיסט, דער איין־איינציגער אַרבייטער, דער איין־איינציגער ליטעראַט, דער איין־איינציגער ציוניסט, וואָס טראָגט אויס אויף זיינע שמאָלע

פלייצעס אלע צירקולארען פון „ווילנער צענטר“, דער איין-איינציגער חשוך-בנים, וואס האט ב"ה צייט גענוג צו זיין דער קאסיר פון אלע חברות. און אזוי ווי ביי אונז אין טונעיאדעווקע איז שוין די פרויען-פראגע לאנג פערענטפערט געווארען אין פאזיטיווען זין, — האט זי אין יעדער „פראוולעניע“ א יודענע א קאזאק. שוין באלד אויף דער ערשטער זיצונג פון די זיעבען אויסערוועהלטע און דריי קאנ-דידאטען (אזוי איז בעפוילען געווארען אין די רעגירונגס-תקנות) הייבען זיך אן די ליעבע ויכוחים. דער קולטור-טרעגער וויל „הויבען“ די מאסע, דער ארבייטער טענה'ט, אויב אז „הויבען“ איז נאך א שאלה ווער — וועמען, און דערביי קוקט ער אויפ'ן יאפאנישען וואוקס פון קולטור-טרעגער, וואס האט זיך קיינמאל ניט געלערנט שיסען. דער ציוניסט שלאגט פאר, אז אויפ'ן ערשטען אוונד, וואס די נייע דראמאטיש-מוזיקאלישע געזעלשאפט וועט מאכען, זאל מען שפיעלען א דראמע אויף לשון-קודש. און דער זשארגאנישער ליטעראט איז אין פרינציפ מיט איהם איינפערשטאנדען, נאר ער פערלאנגט, אז מען זאל די ארטיסטען דערצו אויסשרייבען פון ארץ-ישראל. דער בונדיסט ערקלערט, אז ער איז אריין אין דער חברה, נישט ווי א פארטיי-מאן, נאר אלס פשוט'ער בשר-ודם. נאר ער האפט, אז די ארבייטער וועלען קאנען האבען א שטיקעל יניקה דערפון, ווען אין די פרינציפען פון דער חברה וועלען נישט אריין די קליין-בורזשואזע חשבונות. דער חשוך-בנים טענה'ט, אז א מוזיקאליש-דראמאטישע חברה דארף זיך נישט שטעלען קיין הויכע ציעלען, עס וועט זיין גענוג, אז מען וועט זיך ארענטליך פערבריינגען די צייט. און דער ציוניסט גיט דייט-ליך צו פערשטעהן, אז יעדע געזעלשאפט דארף האבען א אידעאל. אהן אן אידעאל קאן, למשל, אזא מוזיקאלישע געזעלשאפט נישט האבען קיין קיום. די ויכוחים פערציהען זיך ביז טיעף אין דער-נאכט. יעדע מינוט גיט עמיצער אנצוהערעניש, אז אין אזא „פרא-וולעניע“ קאן ער נישט בריינגען קיין נוצען. דאס גלעקיל פון פרעזי-דענט איז שוין הייזעריג געווארען קלינגענדיג, די ליידיגע גלעזער טהיי זענען שוין אנגעפאקט מיט פאפיראסענע מונדשטוקען. אין צימער איז שוין די לופט שווער, הייס, אנגערויכערט. און מיט איינמאל דערמאהנט מען זיך, אז די חברה האט נאך דערווייל, הייך א פראוולעניע, קיין איין-איינציגען מיטגליעד נישט. און דעמאלט ווערען אנגענומען

10 רעוואָלוציעס, ווי צו-צוציהען מיטגליעדער. דער בונדיסט זאָגט-צו צו אַגיטירען צווישען די אַרבייטער, דער ציוניסט—צווישען ציוניסטען, דער ליטעראַט... נאָר דער ליטעראַט שמייכעלט שוין מיט זיין שטעכעדיגען געלעכטעריל. ער ווייסט, אַז, אַזוי ווי ער, איז אויך דער בונדיסט און דער ציוניסט דער איין-איינציגער, וואָס טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון אַן'אָבגעשטאָרבענעם יחוס. זיי זענען ווי אַ פֿערוועלגערטע שער'ל פון אַן'אָבגעריסענעם ספֿר, און דאָס איינציגע, וואָס איז נאָך געבליבען ביי זיי, דאָס איז די גאוה צו ליעגען אינאיינעם מיט אַנדערע שמות.

די ערשטע אסיפה צוגעהט זיך. דער סעקרעטאַר רופֿט צוזאַמען אַ צווייטע, אַ דריטע. אויף יעדער אסיפה שווימט אַרויף אַלץ די איינענע שאלה: וואו נעהמט מען מיטגליעדער? די 10 רעוואָלוציעס האָבען צוזאַמענגעקליבען אפשר אַ פּאָר מנינים חבֿרה-לייט, אָבער עס סטאַיעט נישט אויף אויסצושרייבען חאָטש איין לעקטאָר. דעמאָלט טרעט די „פּראַוולעניע" אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט אַן'אַנדער חבֿרה, וואָס האָט כמעט די איינענע אויסדערוועהלטע און די איינענע מיטגליעדער, און אַלע צוזאַמען קויפען אָב ביי אַ דורכפֿאָהרענדער יודישער טרופּע אַן'אָוועבד. ביי די טענער פון „חינקע און פּינקע" פערברענגט זיך טונעיאַדעווקע אַ לאַנגען שבת-צו-נאַכט. און אַ גאַנצע וואָך טיילען זיך די חבֿרות די הכנסה פון דעם אָוועבד. מען הויבט שוין אָן צו קלערען וועגען אַן'איינענער „פּאָמעשטשעניע" אין דער „וואָלוועלער קיך" אָדער אין בית יתומים" נאָך אַלט אַ זייגער. די „פּראַוולעניע" קריגט אַרבייט, גאָט צו דאַנקען.

דערווייל פאַלט אָן דער פסח, ס'קומט אָן דער זומער-לעב. די פֿליגען אויף דער העני-לאָמפּ הויבען אָן אויסצוגלייכען די פיסלעך, און אונזערע כלל-טהוער צופּאָהרען זיך אויף דאַטשעס, און לעגען זיך שלאָפען.

ז

אַ יודישער באַל,

איך בין אויף אַ יודישען באַל. דער זאַל איז פֿול געפּאַקט; אין אַ קנויל פֿון אויסגעפּוצטע דאַמען און שוואַרצע רעק שפּאַר איך זיך מיט דעם רעכטען עלענבויגען דורך נאַקעטע פֿרויען־שול־טערן און ווייסע פֿראַק־העמדער. דער אַנדערער עלענבויגען וואָלט אויך צו־נוץ געקומען, נאָר איך שלעפּ אויף איהם פֿער אָרעם אַ דאַמע און שפּאַר פֿאַר איהר דורך אַ וועג מיט מיין רעכטען קאַנט פֿון מיין אָרימען גוף.

וואוהין שפּאַר איך מיך? געוועהנליך, צום בופֿעט. הונגעריג בין איך אַפֿילו ניט. און די „בוטערבראָדען" ביים בופֿעט האָבען אַלע מעלות פֿון עלטער כשרות, און געלד קאָסטען זיי אַזוי פֿיעל, אַז מען קאָן מיינען, זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ צווייטע קאָראָבקע. אָבער דער בופֿעט מוז מיך זעהן, און איך מוז איהם געבען עפּיס צו לייזען. איהר זאָלט וויסען זיין, אַז אום עס זאָלען נישט אַרוים קיין מחלוקת, זיצען ביים בופֿעט אַלע, אַלע גלופּסקער אַריסטאָקראַטישע דאַמען. און אַרום זיי דרעה־הען זיך אַרום די טריי־געוואָרענע מענער, וועלכע ערלויבען נישט, אַז זייערע יפה־פּיות זאָלען זיך חלילה פֿערפּאַטשקענען די טואַ־לעטען מיט די כשר'ע בוטערבראָדען.

און ווען איך וואָלט שוין אויף מאָרגען, אַלס מאַנסביל, גע־קאָנט מפּיס זיין די בופֿעט־דאַמען — וועט דאָס מיר ניט געלינ־גען מיט זייערע מענער. זיי, די גריבענע סוחרים, וועלען באַלד חאַפּען וואו דער שוך קוועטשט און מיין קרעדיט קאָן חלילה געמינערט ווערען דערפֿון.

איך בין, גאָט צו דאַנקען, אין מיטען זאַל. מיט איין אויג חאַפּ

איך אַ קוק איבער די פּלייצעס פון מיינעם אַ בעקאַנטען וואַלד־סוחר, וועלכער שלעפּט אויך אויפ'ן אָרעם אַ פּולינקע ווייבעלע. גאָט צו דאַנקען! איך שטעה נישט אויף אַנ'אָרט; נאָך אַ מינוט צעהן און איך וועל אַרויס פון דער שפּאַרעניש. נאָר מיט אַמאָל ווערט אַזאַ איינגשאַפּט, אַז מיין דאַמע הויבט שוין אָן צו מאַכען מאוס'ע העויות און ביים פּולינקען ווייבעל פון וואַלד־סוחר פּלאַצען שוין אַ פּאָר העקלעך אויפ'ן דעקאָלטירטען קאָרסאַזש.

וואָס איז? די איין־איינציגע קאָסטיומירטע דאַמע, וואָס איז געקומען אויפ'ן קאָסטיומען־באַל, האָט געווירקט אויף די גלופּסקער באַל־פאַנטאַזיע, ווי אַ מורא'דיגער מאַגנעט — און דער גאַנצער קנויל האָט זיך אַ דרעה געטהון אַהין צו דעם איין־איינציגען קאָסטיום אויפ'ן „קאָסטיומירטען באַל“.

און אַזוי ווי גלופּסק בעשטעלט נאָך נישט איהרע קאָסטיומען אין פּאַריז — האָט זיך די גלופּסקער דאַמע — איהר מאַן איז אַ דאָקטאָר — אַליין פערפאַסט אַ קאָסטיום אין סטיל פון אַ מענשען, וואָס אַנ'אויטאָמאָביל איז איהם איבערגעפאָהרען, ד. ה. אַ קאָסטיום, וואָס בעשטעהט פון לויטער באַנדאַזשען. מען קאָן נישט זאָגען, אַז דאָס איז געוועזען זעהר חנו'דיג. אָבער אַלע אין גלופּסק האָבען געפונען דאָס פאַר זעהר אָריגינעל. אַ שאָד, וואָס די חברה „מושב זקנים“, וועלכע האָט געמאַכט דעם קאָסטיומען־באַל. האָט נישט געהאַט צו געבען אַ פּרעמיע פאַר'ן בעסטען קאָסטיום!

ענדליך שטעה איך שוין ביים בופעט. מיין דאַמע האָט שוין, ב"ה, אַ שטוהל, און עס שטעהען שוין פאַר אונז צו גלאָז טהיי. הינטער מיין רוקען דרעהט זיך ווי אַ שלאַנג אַ שוואַרצע מאַסע, פרויען־שולטערס מישען זיך צונויף מיט די ווייסע פּליכען פון די מענער, קליידער אין אַלערליי קאָלירען זעהען אויס, ווי טראַנטעס אין זאַק פון אַלטוואַרג־הענדלער. און די שענע פרויען־באַל־שיך מיט זייערע גליצערנדיגע שאַלען האָבען נישט קיין אַרשין פּלאַץ פאַר זיך, אַז מען זאָל קאָנען נתפעל ווערען פון זיי. דערפאַר טרעטען אויף זיי און אויף די הינער־אויגען אין זייערע סאָלידע גלאַנציגע מענער־שטיוועל.

אויף אַ יודישען באַל, ווי איהר ווייסט, ווערט נישט געטאַנצט. ערשטענס, איז שטענדיג דער זאַל צו־איינג. און איינג איז ער דערפאַר, ווייל אַ יודישער באַל איז נישט בערעכענט פאַר איין בעשטימטע געזעלשאַפט, ווי ביי קריסטען, נאָר פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל. צווייטענס, חאָטש יודען זענען גרויסע דעמאָקראַטען, מעסט דאָך איטליכער אָב יענעמס יחוס מיט אַ ריכטיגערער וואָג, ווי אין די קלייטען, און „עס פאַסט נישט" איז די הויפּט־שטימונג אויף אַ יודישען באַל. חוץ דעם, קומט מען דען אויף אַ באַל זיך אַמוזירען? חלילה! מען קומט אָבגעבען זיין חוב דעם „מושב זקנים", מען קומט פערבעסערען דעם קרעדיט מיט דער אויסשטעלונג פון ווייב'ס טואַלעטען, מען קומט שטעהן ביים בופעט און ביי די שאַמפּאַניער־טישלעך, מען צופּלאַמט זיך ביים געדאַנק, וואָס מעהר אַרויסצורייסען געלד ביים פובליקום, וואָס געהט אויפ'ן באַל מיט טויזענדער כונות, נאָר אָהן איין כונה: זיך צו אַמוזירען. מעג מען מיך האַלטען אין גלופסק פאַר אַ שונא ישראל, נאָר אַ לאַנגווייליגערע זאַך, ווי אַ יודישער באַל, איז, מיר דאַכט זיך, נישט לייכט צו געפינען. ער האָט נישט קיין שעָנע פאָרם, ער איז אין העכסטען גראַד נישט עסטעטיש, ער בעזיצט נישט קיין שום פרעהליכקייט און איז, קורץ און גוט, מורא'דיג לאַנג־וויילינג. נאָר איין שטימונג בעמערקט מען: די מאַכער פון באַל, די נעכטיגע „אַריסטאָקראַטען", ווערען מיט אַ מאָל קרעמער, וואָס ווילען וואָס מעהר לייזען, און דאָס פובליקום זעהט, הויפּטזאַכליך, צו זיין ביים בופעט אַ רואה ואינו נראה, ד. ה., מען וויל זיך וואַרפען אין די אויגען, נאָר ביים זייט אויג, נאָר נישט אויפ'ן שוואַרץ־אַפּעל.

מיר שטעהען איצט אין סאַמע געדיכטען באַל־סעזאָן. גלופסקער באַל־קאָמיסיעס ווועלען אפשר האָבען פּאַראיבעל אויף מיר. נאָר גלויבט מיר, איך ווייס, אַז איהר מיינט נישט זיך, נאָר דעם „מושב זקנים"... אָבער וואָס זענען מיר שולדיג, אַז אונזער נשמה איז נאָך ווייט פון דעם חאַלאַט פון אַ באָגאַדעלניע, און עס ווילט זיך אַמאָל פרעהליכקייט, אַ באַל־אַטמאָספערע, אַ ביסעל פלירט, שעָנע טענץ און אַלע די גוטיגקייטען, נאָך וואָס עס גאַרט אַמאָל אַ נאַרישע יונגע נשמה?...

XI

אַ יודיש בוך.

פֿון יעהופּעץ, טונעיאַדרעווקע און קאַבצאַנסק שיטען זיך אין די ציי־טונגען קאָרעספּאָנדענציעס אויף קאָרעספּאָנדענציעס. אומעטום עפֿענען זיך אויף צווייג־אָבטיילונגען פֿון דער פּעטערבורגער יודיש־ליטעראַרישער חברה. און וואו ניט וואו מאַכט זיך, אַ שטאָדט, ווי גלופּסק, לנ״של, אַ במה לפני עצמה און עפֿענט־אויף אַ זעלבשטענ־דיגע ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט. מען קאָן מיינען, אַז די ליעבשאַפֿט צו אַ יודיש־ליטעראַרישען בוך איז שוין אַזוי איינגעפּונדעוועט אין די הערצער פֿון די יעהופּעצער און טונעיאַדרעווקער יודען, אַז עס בלייבט מעהר נישט איבעריג, ווי נור צו פֿערשטאַרקען די ליעבע דורך פֿער־איינינונגען און פֿערזאַמלונגען. אין דער אמת'ן אָבער זענען יודישע ליטעראַרישע ביכער נאָך אַליץ אַ סחורה פֿאַר דעם אָרימען האַלב־געבילדעטען פֿון פֿאָלק. אַ מענש, וואָס האָט די זכיה צו לייענען רוסיש, וועט זיך נאָך לאַנג בעקלערען, איידער ער וועט קויפֿען אַ יודיש בוך. און ווען ער וועט שוין יאָ איינהאַנדלען אַ פּרק, אַ שלום־עליכם'ן, וועט ער אַייך געבען צעהן תירוצים פֿאַר די „נאַרישקייט“, וואָס ער האָט געטהון: ערשטענס, האָט דער „בערידהמטער“ אַמפּיטע־אַטראָוו געלויבט שלום־עליכם'ן אין הימעל אַריין, צווייטענס, איז פּרץ שוין אַזוי בעקאַנט, אַז עס דרוקען איהם אַפֿילו רוסישע פֿערלעגער, און דריטענס... מען דאַרף אַמאָל זעהן, מיט וואָס עס שמאַקעווען זיך אַזוי די ציוניסטען, א. א. וו., א. א. וו. דער מיטעלער געבילדעטער אינטעליגענט נעהמט זיך פֿאַר אַ יודיש בוך מיט אַ קרימעלע אויף די ליפּען, מיט דעם הינטער־געדאַנק: וואָס קאָנען שוין איהם, דעם פֿיינשמעקער, זאָגען די יודישע ליטעראַטען, אַז ער איז שוין אָנגע־

לעזען ווי אַ פּויק אין טשעהאָוו'ן, טורגעניעוו'ן און ווערביצקאַ'ן. אַ מענש, וואָס שלינגט איין יעדע זאַך פון אַנדרייעוו'ן און קוקט זיך אָן אין טעאַטער אַ טיהאָנאָוואַ, אַ רישקאָוו'ן און אַזעלכע טייערע שטיק, ווי „דער גרויסער מענש“ פון איקס-איפּסעלאָן א. ד. גל.—טאָ ווי קאָן שוין אַזאַ מענש געניסען אַ זשאַרגאָניש בוך? זיין געשמאַק איז שוין אַזוי איידעל, אַז ער איז שוין געאָרנישט מסוגל זיך „אַרונטערצולאָזען“ אַביסעל. שלום-עליכם'ן לייענען — איז נאָך ווי עס איז. מען לאַכט ווענינגסטענס, אָבער די אַנדערע? אַ פּרץ'ן, אַנ'אַבּראַמאָוויטש'ן? בעסער וועט ער גרינדען אַ ליטעראַרישע געזעלשאַפט, כּדי ער זאָל אָהן מיה און מאַטערניש דערגעהן פון דעם דורכּפאָהרענדיגען לעקטאָר די ווערדע און די וויכטיגקייט פון אַ יודישען שרייבער.

און אָבשאַצען די ווערדע פון אַ יודישען שרייבער דאַרף מען קאָנען. ס'איז היינט געוואָרען אַ מאָדע-זאַך צו קענען די זשאַרגאָנישע שרייבער, ווי אַמאָל די נאָרוועגישע. וועגען ש. אַש רעדט מען אַפילו אין גוי'אישע הייזער און פּרץ הירשביין דרוקט זיך אין „שיפּאָווניק“. אַ „געבילדעטער“ מענש דאַרף קאָנען וועגען אַלץ ריידען. צום אומגליק אָבער זענען די זשאַרגאָניסטען אַזוי ווייניג איבערזעצט אויף רוסיש. גראָד אַנ'אַבּראַמאָוויטש, אַ פּרץ, אַ שלום-עליכם, וואָס מען מאַכט פון זיי אַזאַ פּירוש („אַפילו אַש אַליין, וואָס איז שוין אָנגענומען ביי דער וועלט, זאָגט, אַז די דערמאָהנטע זענען גרעסער פאַר איהם“), ליעגען אין די ד' אַמות פון אַ יודישען מוכר ספרים און מען זעהט זיי קיינמאָל נישט אין אַ „קניזשני מאַגאַזין“. היינט די שפּראַך זייערע!! דוכט זיך, זשאַרגאָן קענען אַלע יודען, סיי אַדוואָקאַטען, צאָהן-דאָקטוירים. סיי גלאַט אַזוי מענשען מיט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. און פונדעסטוועגען ברעכט מען זיך די ציינער לייענענדיג אַ יודישען שרייבער. אָט נעהמט, למשל, פּרץ'ס אַ מעשה'לע „לא תחמוד“. בעהיט מיך גאָט, אויב איך, דער טונעיאַדעווקער אויגען-דאָקטאָר, פערשטעה דערפון אַ וואָרט.

און ס'ווערט געגרינדעט אַ יודישע ליטעראַרישע חברה. ה' דובנאָוו, דער יודישער היסטאָריקער, וועט שוין אַזוי גוט זיין שיקען אַ לעקטאָר. און מען וועט פערשפּאָרען לייענען אַ יודישען שרייבער.

נאָר אַזוי ווי אַ יוד מיט אַ דיפּלאָם איז מחויב וועגען אַלץ צו האָבען

אַ „זעלבשטענדיגע“ מיינונג, ווען אין די ליטעראַרישע חברות, — ווען די צייט איז שטיל און עס זעהט זיך נישט קיין לעקטאָר פון פעטערבורג. — פאָרקומען פיינע וכוחים וועגען העברעאיש און זשאַרגאָן; און צי איז רוסיש די שפּראַך, וואָס דאַרף אַריינגענומען ווערען אין אַ פּראָגראַם פון אַ יודישער חברה, וואָס גיט זיך נור אָב מיט יודיש-נאַציאָנאַלע פראַגען; און צי זאָל מען שיקען צו דעם קולטור-קאָנגרעס אַ דעלעגאַט, צי אַ טעלעגראַם, א. א. וו., א. א. וו.

אָבער קיינעם פון די „פיהרער“ אין די ליטעראַרישע חברות וועט נישט איינפאַלען, אַז דער זשאַרגאָן איז אפשר נאָך אַ שווערערע שפּראַך, ווי עספּעראַנטאָ, און אַז עס שאָדט נישט אונזערע „אינטעליגענטען“, וואָס רידען אויף אַלע לשונות אַ בוך-שפּראַך — זיך אויסצולערנען לייענען מאַמע-לשון, לייענען און פערשטעהן.

ווי לייכט עס איז צו גרינדען אַ יודיש-ליטעראַרישע חברה?

ווי שווער עס קומט אָן צו לייענען אַ יודיש בוך?

XII

דאס פינטעלע יוד.

ביי אַלע פעלקער, אויך ביי דער אינטעליגענץ, איז דער נאַציאָנאַלער מזג פון אַ פאָלק — אַ קלעקס; ביי אונז, הויפטזעכליך ביי די געבילדעטע — אַ פינטעלע. מעגען די אומות־העולם דאָס אָבלייקענען, מעגען זיי אויסטראַכטען אויף אונז דעם בלבול, אַז מיר שיידען זיך אָב מיט אונזער מזג פון דייטשען, רוסען, ווי בוימאייל אויף וואַסער. אונז אַרט דאָס קנאַפּ. מיר ווייסען, אַז תּיך פינטעלעך וועט איהר ביי אונז ווייניג וואָס געפינען יודישקייט. אַ גאַנץ יאָהר לעבען מיר, ווי מרדכי בשעתו, אין חצר המלך, ריידען: אין פערסיען — פערסיש, אין רוסלאַנד — רוסיש און אין דער שווייץ — חייבע־דייטש. נאָר ציטענווייז, אַמאָל, אַמאָל שפּרינגט אַרויס ביי אונז דאָס פינטעלע יוד. עס פערווילט זיך אַמאָל אַ שבת׳דיגען לאָקשען־קוגעל, אַ שיסעלע טשאָלענט, אַ שטיקעלע פיש מיט זאַפראַן פערגעלט, אַביסעלע פאָנטאַק צמוקים־וויין... יום־כפור־אָווענד אין דער „פילהאַרמאָניע“ ווילט זיך הערען אַ „כל נדרי“ פון מאַקס ברוך, און זומער, ווען עס בעווייזט זיך אין די גאָרטענס אַ יודישע טרופּע, ווילט זיך געניסען די שענע טעאַטער־שטיק פון אַ לאַטיינער, וואו סעם אַדלער שפּיעלט דעם קאָמישען ישיבה־בחור.

מיר האָבען, הלילה, נישט בדעה אומצומאַכען אונזער קיך, אַז זי זאָל אונז קאָנען שטענדיג פערזאָרגען מיט יודישע מאכלים, מיר בענוצען אויך נישט קיין פאָנטאַק אין די געוועהנליכע טעג פון אונזער לעבען. עס וועט אונז קיינמאָל ניט איינפאַלען אין קאָפּ צו ווערען אַ ושעראַנט פון אַ יודישען טעאַטער, אום זיך צו סמאַקעווען מיט סעם אַדלער האָטש איין מאָל אַ וואָך. די תאוה צו די אַלע זאַכען

איז נור אַ פינטעלע, און אויף אונזערע ליפּען רוהט שוין אַנ'איראָראַנישער שמייכעל, ווען מיר נעהמען זיך מיט גאָפּעל צו דעם געלען בע'חנ'טען פיש. מיר לאַכען אַליין אָב פון די נאַרישע פינטעלעך, וואָס קריכען אַריין אַמאָל אין דער נשמה, ווי קליינע שדים'לעך. און אַזוי ווי אַ מענש איז בטבע צו זיך אַליין אַ גרויסער בעל-רחמים— איז ער זיך מוחל פאַר די נאַרישקייט, וואָס ער טהוט, און עסט מיט גרוים אַפּעטיט יודישע בעבעלעך מיט קליסקעלעך.

עס פּאַסירט אָבער אויך אַמאָל, ווען דער יודישער אינטעליגענט, דער דאָקטאָר, אָדער אַדוואָקאַט פערליערט דעם איראָנישען שמייכעל אויף זיינע ליפּען און נעהמט ערנסט פערטיידיגען די ווילדקייט פון דעם שד'ל, וואָס האָט זיך בעזעצט אין זיין נשמה.

איטליכעס מאָל, ווען ער, אַלס גבאי, וויל פול מאַכען די קאַסע פון זיין אָרימער חברה — קויפט ער אָב מיט פערגניגען ביי דער יודישער טרופּע אַ טעאַטער-שטיק און צושיקט איבער גאַנץ שטאָדט די בילעטען.

דערביי ווייזט ער נישט-ווילענדיג אַרויס—אָדער זיין מורא'דיגע אונוויסענהייט פון יודישען טייאטער-רעפּערטואַר, אָדער זיין נידעריגען „יודישען“ געשמאַק. דער יונגער אינטעליגענט, וואָס קווענקט פון איבסען, אַנדרייעוו, הויפּטמאַן און אַנדערע גרויסע דראַמאַטורגען אין פרעמדע טעאַטערס, זיצט, מיט אַ ברייט צולאָזענעם שמייכעל אויפ'ן פּנים, ביי דער פאָרשטעלונג פון אַ „יודעלע קלאַפּ“, „חינקע פינקע“ אָדער „דער אָרימער מיליאָנער“. ער געניסט מיט התמדה שענע קופּלעטען פון ליעדעל: „וויל איך עסען, עסט מיין ווייב, וויל איך שלאָפען, שלאָפט מיין ווייב“ א. א. וו. אָדער: „אַז מען גיט מיר — פּיק איך, וואָרום — לעולם תקח“, און ושאַלעוועט נישט זיינע הענד אויף בראַוואָ-פּאַטשערייע.

נישט לאַנג בין איך געזעסען ביי אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון „חברה מפיצי השכלה בישראל“. די גבאים, וואָס לעבען אַ גאַנץ יאָהר מיט זייערע פינטעלעך, האָבען אויסגעקליבען פאַר דעם אָוענד „דאָס פינטעלע יוד“. פון דעם גאַנצען יודישען רעפּערטואַר האָבען זיי קיין בעסער שטיק נישט געפונען. דאָס טעאַטער איז געווען פּאַק און פול פון אונזערע פּריווילעגירטע, וואָס פערשפּרייטען בילדונג אין פאָלק. און עס איז געווען שוין צו

קוקען, ווי אונזערע בילדונגס־פערשפּרייטער האָבען שטאַרק נחת געקליבען פון דעם גרעבסטען באַלאַגאַן.

צייטענווייז האָב איך געטראַכט: שענע בילדונגס־פֿערשפּרייטער, וואָס שטעהען אין געשמאַק נישט העכער פאַר אַ משרת ביי אַ קצב! גאָר דערנאָך האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָ האָבען מיר צו טהון מיט דעם „פינטעלע יוד", וואָס איז נור אַ צופעליג אָנשיקעניש אין דער נשמה פון אונזערע פּריווילעגירטע אינטעליגענטען; אַז דער איינעגער יוד, וואָס האָט ערצויגען זיין גומען צו אונטערשיידען איין שאַמפּאַניער־מאַרקע פון דער צווייטער, האָט שטאַרק הנאה פון אַ מגושם'דיגען טשאָלענט; אַז דער היינט־מאָדישער בילדונגס־פערשפּרייטער ביי יודען פֿערמאָגט נור פֿון דער גאַנצער יודישקייט נור עטליכע פינטעלעך, און גראָדע אַזוינע, וואָס שטעלען איהם אַלס געבילדעטען מענשען אין איין הויך מיט דער פֿערגרעבטער מאַסע.

איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז איך האָב נאָך כמעט קיין איין מאָל נישט געזעהן אַ שטיק אויפפֿיהרען לטובֿת אַ יודישער קולטור־חבֿרה, וואו עס זאָלען נישט זיין עהנליכע קופּלעטען: „אַז מען גיט — פּיק איך, וואָרום — לעולם תקח" — און איך האָב זיך ביסלעכווייז בערוהיגט.

נאָכמעהר, איך האָב זיך שפּעטער נאָך גענומען איינריידען, אַז פֿאַר אונזערע בילדונגס־פערשפּרייטער איז גראָדע „דאָס פינטעלע יוד" דאָס בעסטע טעאַטער־שטיק, וואָס בעלייכט ווי מיט בענגאַלישען פייער זייער יודיש האַרץ און געמיטה, חאָטש אין אומגעקעהרטען זין.

און זיך צוקוקענדיג צו דעם באַלאַגאַנעם שפּיעלען פון אַ יודישער פּראָווינץ־טרופּע האָט זיך מיר געדוכט, אַז עמיצער שטעקט אַרויס אונזערע בילדונגס־פערשפּרייטער אַ צונג, אַ צונג פֿון אַליץ, וואָס האָט צו טהון מיט מענשען, וואָס פערמאָגען נור פינטעלעך, נישט די ברייטע פעסטע ליניען פֿון אַ מענשען מיט אַ כאַראַקטער, פֿון אַ פאָלק מיט אַ פֿעסטען קלאָרען פנים.

XIII

עקביה בן מהללאל.

אין די שענע זומערדיגע טעג, ווען דאָס תּדר-יונגעל רייסט זיך צו דער גאַס, צום טייך, — הייסט איהם דער מלמד זאָגען דעם פּרק, וואו ער בּעקענט זיך מיט דעם מרה-שחורה'דיגען עקבֿיה בּן מהללאל ס קוק אויפ'ן לעבּען:

—„פון וואַנען קומסטו? פֿון אַ... טראָפּען. און וואוהין געהסטו? קיין די שוואַרצע ערד"!

אַ שאָטען שוועבּט אַריבּער איבּער דעם קלאָרען זומערדיגען טאָג, אָבּער עס געדויערט נור אַ רגע, און בּאַלד איז דער שאָטען פֿערפלויגען: דער זומערדיגער טאָג האָט מנצח געווען דעם מעלאַנכאָלישען תּנא.

אַנטקעגען וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגנען די פֿערבּיטערטע מעלאַנכאָליקער, וואָס קאָנען נישט זעהן, ווי אַ מענש נעהמט אַ טרונק וואַסער אין מויל, און דערבּיי איהם נישט אַ פֿרעג צו טהון: „פֿון וואַנען קומסטו? וואוהין געהסטו?" און ווען בּעת מעשׂה הויבּט דער דאָרשטיגער אָן זיך צו שטיקען אַ רגע — האָבּען זיי, די פֿערבּייזטע, פֿערבּיטערטע מעלאַנכאָליקער, אַ שטילע הנאה דערפֿון.

עס זענען בּאַרהאַן נעבּיך מענשען, וואָס קאָנען נישט זעהן בּיי עמיצען אַ פֿרייע מינע, דעם גלאַנץ פֿון בּטחון אין די אויגען, דעם אָפּטימיסטישען בּעגייסטערטען שמייכעל אויף יונגע ליפּען. און בּעשענקט האָט זיי דער בּורא מיט אַ שטעכענדיג חוזק'ל, מיט דעם קליינעם שדי'ל, וואָס מאַכט קאַליע דאָס בּיער אין די פֿלאַשען און מאַכט זויער די מילך אין די קאַנען.

גענפינט עמיצער אין אַ מיסט-קאַסטען אַ דימענט און דערפֿרעהט

ער זיך מיט דער מציאה,—הויבען זיי אָן צו דרשנ'ען כזה הלשון: „וואָס קאָן מען שוין הנאה האָבען פון אַ דימענט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט צווישען אַ לעבעדיגען קאַלאָש און אַ צוריסענעם זינדעל". דער מיסט-קאַסטען פערנעהמט מעהר אָרט אין זייער קראַנקער פאַרשטעלונג, ווי דער דימענט; דער לאָף פון קאַלאָש בלייבט שטאַרקער אין זייער זכרון, ווי דער גלאַנץ פונ'ם טייערסטען איידעלשטיין. און ווען זייערע ווערטער געהען פאַרביי פאַר'ן אויער ווי דאָס זשוזשען פון אַ זלידנע-פליעג — הויבען זיי אָן אײַנצושרעקען דעם גליקליכען געפינער מיט אַלערליי התראות: „געדענק, ברודער, אַז אין אַ מיסט-קאַסטען קלויבען זיך צונויף אַלערליי באַקטעריען און באַצילען, דו וועסט נאָך חאַפּען די שווינדזוכט, ווען דו וועסט זיך האָצקענען מיט דיין טײַערער מציאה".

רעדט מען וועגען אַ נייער גרינדונג, וועגען אַ נייער כלל-אונטערנעהמונג, און דערפיהלען זיי, אַז די אַטמאָספערע איז אויף אַ ווײַלע וואַרימער געוואָרען — הויבען זיי אָן, די עקביה'ס, קעלטער צו מאַכען די התלהבות מיט דעם שענעם „פון וואַנען קומסטו? און וואוהין געהסטו?" דערמאָהנען כלל-ישראל, אַז עס איז נאָך פאַראַן ביי יודען עמיגראַנטען, און אַז די טערקיי האָט נאָך אַלץ אַ „רויט צעטיל" פאַר יודישע אײַנוואַנדערער, און אַז דער מענש נעהמט זיך פון אַ „טפה סרוחה", און מיט דער צייט וועט ער „קייען די ערד".

און טאָמער געפינט זיך אַ מענש, וואָס קלערט פון עפּיס אַ גרעסערע, ברייטערער נאַציאָנאַלער אַרבייט, געהען זיי שוין גאָר אַרויס פון די כלים.

„סטייטש! ווי „סמייעט" דאָס גאָר אַ פאָלק פון קבצנים צו קלערען און טראַכטען וועגען עפּיס אַנדערש, חוץ אַלטע הויזען און צוריסענע מאַרינאַרקעס, בעת „פינף מיליאָן יודען לעבען אין דחקות". און גלאַט גערעדט „פון וואַנען קומסטו? און וואוהין געהסטו?"

נאָר מען דאַרף נישט מיינען, אַז די פינסטערע עקביה'ס פערבריינגען זייער טאָג אין הוילע קלעמעניש.

עס טרעפט אַמאָל, אַז איין עקביה בעגעגענט אַ צווייטען שפּאַצירענדיג אין „זאַקסישען", און דעמאָלט הויבען זיי אָן איינער פאַר'ן

אַנדערען אויסצוגיסען זייער גאַל אויפ׳ן לעבען, אויף די וועלט, אויף די נפשות אין הויזען און אין די איינגע שמאָלע קליידלעך.
און איינמאָל האָב איך אונטערגעהערט אַזאַ שמועס:
„שווער צו לעבען, עקביה־לעבען, איך האָב היינט געלייענט, אַז אויף איטאַליענער שפּילקע־קעפּעל געפינען זיך טויזענדער באַקטעריען; אין יעדען גלאָז־וואַסער שווימען אַרום מיליאַרדען חיה׳לעך. און נעכטען האָט זיך איינער פערסמ׳ט מיט אַ קאַלבאַסע, וואָס ער האָט געקויפט אין אַ גרויס וואורשט־געשעפט. אונזער לעבען איז אין הוילע סכנות. ווער ווייסט, צי אויף דער באַנק, וואָס מיר זיצען איצט, איז נישט געזעסען פריהער אַ סוחאָטניק".
און דער צווייטער עקביה האָט דערויף געענטפערט מיט אַ זיפ׳ץ, אין ווערלכען עס האָט זיך געהערט אַ נחת־רוח:
„און ווען מען בעקלערט, מיין פריינד, אַז אין דער אמת׳ן שטעהען מיר אַ מינוט נישט אויף איין אָרט — ווייל די ערד דרעהט זיך תמיד אַרום עקוואַטאָר און אַרום דער זון — ווערט מען גאָר מבולבל. און, ווי איך האָב היינט געלייענט, זענען מיר אויף אַ רגע נישט זיכער פון אַנ׳ערד־ציטערניש; דער קאָמעט, וואָס איז פאַר־אַ־יאָהרען דורך, האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן. מיר וועלען נאָך דערלעבען, אַז קאָפּערניקוס׳עס דענקמאָל אין וואַרשא וועט נאָך אַמאָל ליעגען מיט דעם... אַרויף... אַ גרויסער מענש געווען קאָפּערניקוס"! — האָט ער פערענדיגט מיט אַ פערקלערטען געשמאַקען זיפ׳ץ.
ביי דעם געלעהרטען שמועס האָבען זיי זיך אָנגעלאָדעוועט מיט אַ פּאָר טוי׳ן התראות פאַר׳ן פשוט׳ן עולם, וואָס לעבט, ווי גאָט האָט געבאָטען, אָהן שום פחד. און אַרויסגעגעהענדיג פון „זאַקסישען", זענען זיך די עקביה׳ס פרעהליך אַוועק שרעקען שוואַנגערע ווייבער און קינדער אין די וויעגען מיט נייע התראות, מיט אַ רייסטער פון נייע סכנות.

XIV

דער פּובּליציסט פֿון א קעז־בלעטעל.

שימע פֿליימאַן האָט פֿון אַלע מלאָכות גראָד אויסגעקליבען די פען־אַרבּייט. פֿאַרוואָס? — האָט ער אַליין גוט געוואוסט. נאָר טיעף אין האַרצען האָט ער געפֿיהלט, אַז אַנ'אַיינגעטונקטע פען איז גאָט די נשמה שולדיג: וואָס מען וויל, מאַכט מען מיט איהר. נאָר מען דאַרף חלילה ניט מיינען, אַז פֿליימאַן איז באַלד געוואָרען אַ שרייבער ביי יודען. איידער דער אויבערשטער האָט איהם מזכּה געווען מיט אַ קעז־בלעטעל „עסט געזונטערהייט“ אין אַ גרויסער שטאָדט, און דאָרטען האָט ער פֿערנומען דעם בכּבֿוד'יגען אָרט פֿון ערשטען פּובּליציסט, — איז ער נעבעך געווען, ווי אַלע יודען, אַ גרויסער נע־ונד'ניק. די מעקלעריי און די סוחר'עריי האָבען איהם ניט דערלאָזען זיך צו נעהמען אָפּטער פֿאַר דער פען. אַנ'אויסנאַהם זענען נאָר געווען די געבענשטע זומער־טעג, ווען אין באַזעל האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ ציוניסטען־קאָנגרעס. דעמאָלט, ווען יודישע צייטונגען ברענען ווי אויף פֿייער — און צאָהלען מזומנים פֿאַר אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון באַזעל — פֿלעגט שיימע פֿליימאַן אַוועקוואַרפֿען אַלע זיינע געשעפֿטען און ווערען אַ קאָרעספּאָנדענט פֿאַר צעהן יודישע צייטונגען. דער מסחר מיט די קאָרעספּאָנדענצען האָט אמת געגעבען אַ גרעסערען ריוח, ווי יודישע מעקלעריי,—אָבער צום אומגליק איז דאָס נור געווען אַ סעזאָנאַרטיקעל, וואָס געהט נור אַ פּאָר וואָכען אין יאָהר, — און שיימע פֿליימאַן פֿלעגט ווייטער פֿערשווינדען פֿון די אויגען פֿונ'ם יודישען לעזער אויף אַ גאַנץ יאָהר, ווי אַנ'אתרוג נאָך סוכּות.

ביז דאָס יודישע קעז-בלעטעל „עסט-געזונטערהייט" האָט איהם איינגעלאַדען צו ווערען זיין „פּרימאַדאָנע", דאָס הייסט, זיין ערשטער פּובליציסט. און שיימע פליימאַן האָט אַוועקגעוואָרפען מעקלעריי און אַנדערע יודישע פערשאָלטענע עסקים — און געוואָרען אַ שרייבער ביי יודען, אַ שרייבער, וואָס בלאָזט זיין קודישען פּובליציסטישען שופר ניט נור אלול-צייט, נאָר אַ גאַנץ יאָהר.

די ערשטע צייט האָבען איהם גוטע תמ'עוואַטע פריינד און מחותנים אָבגעראַטהען זיך צו נעהמען צו אַזאַ שווערער פּרנסה. עס שטרענגט אָן דאָס האַרץ, האָבען זיי איהם גע'טענה'ט, און דו ווייסט דאָך, שיימע, אַז נאָך דיין געלענק-רעמאַטיזם איז ביי דיר איבערגעבליבען אַ סירכא אויפ'ן האַרצען... ווען אָבער שיימע פליימאַן האָט זיי ערקלערט, אַז שרייבען שרייבט מען מיט דער פען, ניט מיט'ן האַרצען, אַז בשעת דער שרייבעריי איז ער קאַלט, ווי אַ גרינער פראָש, האָבען זיך זיינע מחותנים און גוטע פריינד בערוהיגט.

און שיימע פליימאַנ'ס פען האָט אָנגעהויבען פאָהרען איבער אַ געקעסטעלטען בלאַט פּאַפּיער. ווילט איהר אַ קריטיק פון טעריטאָריאַליזם — אדרבה! זאָל מען אפשר קריטיקירען אַ ביסעל, גאָר גאָר אַ קאַפּעלע דעם ציוניזם — די פען פאָלגט. און אפשר ווילט איהר, איך זאָל אויסשטעלען אַ פייג אין קעשענע דער דומע — מיט דעם גרעסטען פערגניגען! גרויס איז אָבער פליימאַן געוואָרען ביים רעדאַקטאָר פון „עסט-געזונטערהייט" אין דעם טאָג, ווען ער האָט בעקלאָגט מיט זיין פּובליציסטישער פען דעם טויט פון אַ בעריהמטען יודישען טהוער און בעזונגען דעם „תנאים" פון אַ יונג פריילין, וואָס געהערט צום גרעסטען יודישען יחוס, ווייל איהר פאָטער האָט מיט פלאַמענדיגע אותיות אַיינגעשריעבען זיין נאָמען אין דער יודישער היסטאָריע.

וועגען ערשטענס טויט האָט זיין פען פלינק געשריעבען:

„דאָס האַרץ איז צעשניטען אויף שטיקער, די נשמה וויינט אינעווייניג אין איהר ווינקעלע, אַ מורא'דיגער צער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצען „איך" און דריקט איהם מיט פייערדיגע קלאַמערען,

וועלכע קלעמען און „שרפֿה'נען דאָס לעבעדיגע פֿלייש אויפֿ'ן לייב.

אַצונד איז דער מלאך אין מענשליכען געשטאַלט פֿון אונז אָבגעטהון געוואָרען. פּוסט און אונהיימליך איז אונזער וועלטעל געוואָרען; פֿינסטער און וויסט זעהט עס אַצונד אויס דאָרטען, ווייל די זונען־שטראַהלען פֿון זיין עדעלער נשמה וואַרימען עס ניט און בעלייכטען עס ניט מעהר...

„וועה איז צו אונז—אונזער זון איז מעהר ניטאָ צווישען אונז!"

באַלד דערויף האָט ער גיך אַביס געטהון אין אַוויינינגען עפּעל און מיט אַפֿולען מויל האָט ער אַקאָמאַנדע געגעבען צו דער פּען: שרייב איצט עפּיס אַפֿרעהליכס! און די פּען האָט אָנגעהויבען: „קוש מיך מיט די קושען פֿון דיינע ליפּען, דען דיין פֿריינדשאַפֿט איז מיר טייערער, ווי אַבעסאַראַבער ווימאָראָזעק". אונזער גרויסען העלדענס עלטסטע טאָכטער איז מיט מזל אַכלה געוואָרען! הימעל און ערד צעקושט זיך, און דו, טייערער היסטאָרישער טאַטע אין קבר, מאַך אַרקוד'ל, ווי אַמאָל ר' נחמן ברעסלאַווער. לעזערינען פֿון „עסט־געזונטערהייט"! פֿלעכט קרענץ פֿאַר דער יונגער, דער עדעלער, דער פֿיינער, דער היסטאָרישער כלה. דען אויך אין דער גרעסטער שמחה טאָרען מיר ניט פֿערגעסען, אַז מיר זענען אַהיסטאָריש פֿאָלק, וואָס וויינט „פֿריאָמערט, פֿערקלאָגט".

כלה, כלה וויין, דו געהסט צו דער חופה אַליין. אָבער מען טאָר ניט וויינען, וואָרום אייביג טראָגען מיר אויף די ליפּען די ווערטער: „ובא לציון גואל ונאמר אמן!"

די געניטקייט פֿון פֿליימאַנ'ס פּען האָט שטאַרק אויסגענומען ביים רעדאַקטאָר פֿון „עסט־געזונטערהייט". „וואָס הי לייט פֿון דער פּען קאָנען" — האָט ער אַגאַנצען טאָג זיך ניט געקאָנט אָבוואונדערן. „דאַכט זיך, אָט איז זיין האַרץ צעשניטען אויף שטיקער, און אָט געהט ער שוין אַטענצעל און שיט מיט פּסוקים, ווי אַלעכערדיגער זאַק מיט אַרבעס...

און שיימע פֿליימאַן איז פֿון דעם טאָג געוואָרען שוין אַזוי פֿעסט אין זיין מעמד, אַז דער רעדאַקטאָר פֿון „עסט־געזונטערהייט" האָט אָהן איהם קיין פֿינגער אין קאַלט וואַסער ניט אַריינגעטהון.

XV

ביים ברעג פון ים.

מאנכע פעלקער האבען ליעב די הויכע בערג. זיי חלומ'ן פון די שנעעבעדעקטע שפיצען. פון דער באלזאם־לופט אין דער ריינער הויכקייט. פון דעם קאלטען, קריסטאל־ריינעם ווינדטעל אויף די הויכע פעלזען. מיר, יודען, חלומ'ן אבער פון ים.

די געוואלטיגע ברייטקייט, די אייביגע בעוועגונג, דאס אייביגע רוישען פון דעם ענדלאזען וואסערטעפיך, וואס ווארפט זיך און שליידערט זיך, אקוראט ווי א שטארקע האנד וואלט איהם ביי די ברעגעס געשאקעלט, די טויזענד פארבען, וואס בעשיינען זיין בלוי־גרויען רוקען, די ווייסע קאמען, וואס צעגיסען זיך ווי גרייז־גרויע לאקען אויף א יונגען געזיכט — אלץ, אלץ וואס האט א שייכות צום ים, ציהט־צו דאס יודיש הארץ.

ניט צופעליג זענען אונזערע גרויסע יודישע פאעטען די דיכטער פון דעם ים, וועלכען שוין דער „תהלים" בעזינגט. די בעסטע ליעדער, וואס האט געשריבען יהודה הלוי, זענען געוועזן זיינע ים־ליעדער. און היינריך היינע'ס מעער־ליעד זענען די שענסטע פערלען פון זיין פאעטישען גייסט.

צוזאמען מיט היינע'ן מעג זאגען דער פיינפיהלענדער יוד:

„מיין הערץ גלייכט דעם מעערע,
האט שטורם, עבבע און פלוטה".

דער יוד, וואס האט קיינמאל זיך נישט געשטעלט מיט א פעסטען פוס אויף עפיס א לאנד; וואס האט אפשר צוזאמען מיט קאלומבוס'ן געשריען „לאנד, לאנד!" אין דעם טאג, ווען דאס היסטארישע שיף

האָט דערזעהן פֿאַר זיך אַ פֿעסטען, האַרטען ברעג; וואָס האָט אָבער זיך אין קיין לאַנד ניט איינגעוואָרצעלט, — פֿיהלט, אַז דער ים, וואָס מענשען האָבען נאָך דערווייל ניט אַרומגעשטעלט מיט צוימען און גרעניצען, איז איהם אַ סך נעהנטער ווי די יבשה. דער יוד, וואָס איז אין יעדער מערכה נאָך אַלץ אַ לופֿט-מענש, האָט אַ גרעסערע קרובֿה'שאַפֿט מיט דעם ים, וואו די ווינדטען בלאָזען פֿריי און פֿראַנק, ווילד און שטורמיש.

ווען מען רייסט אַרויס אַ גרעזעל מיט די וואָרצלען, ווערט דאָס אַ הוזק ביי יעדען פֿערשייטען ווינדטעל. אַרויף און אַראָב פֿליהט דאָס צאַרטע פלענצעל. אַמאָל דערנעהנטערט עס זיך צו דעם, וואָס גרעזעלעך רופֿען דאָס „הימעל“, אַמאָל פֿאַלט עס אַריין אין דעם שמוציגסטען רינשטאָק. אַלץ, וואָס ס'איז אָהן וואָרצלען, האָט „שטורם, עבבע און פֿלוטה“, לעבט דורך די צייטען פֿון אַנ'אויפֿגעקומענעם און פֿון אַ ירידה, וואַרפֿט זיך אַרום אַהין און אַהער, ווי די וואַסער-ברייטקייט פֿון ים.

און ווער ווייס, אפֿשר איז דער ים אויך אַזאַ מין גרעזעלע ביי גאָט, פֿאַר וועמען „טויזענד יאָהר זענען ניט מעהר ווי איין טאָג“ — אויך אַזאַ אויסגעפֿליקט בלימעלע, וואָס וואַרפֿט זיך אַרום צווישען די ברעגעס, ווי אַ טעפּיך, וואָס עס קלאַפּט אויס דאָס דיענסטמיידעל, ווי אַ פֿערוועלקט בלעטעל. וואָס ווערט געשליידערט פֿון יעדען ווינד? ווי גרויס דער ים זאָל ניט זיין, ביי גאָט איז ער אַזאַ שפּילכעל, ווי דאָס יודישע פֿאָלק, וואָס געפֿינט נאָך אַלץ קיין מנוחה ניט, און וואָס גיט אַרויס פֿון זיך פּאָעטען, וואָס זינגען:

מיין הערץ גלייכט דעם מעערע,
האָט שטורם, עבבע און פלוטה,

XVI

אין די שטילע צימערן.

...און ווען אַלע זענען זיך צופֿאָהרען אויף די דאַטשעס, האָט מען איהם, דעם מאַן, דעם ברויט־געבער, איבערגעלאָזען אַליין אין די שטילע צימערן. קומט ער ביי־נאַכט, נאָך אַ טאָג אַרבייט און מיה, דוכט זיך איהם אויס אין דער אַרומיגער שטילקייט, אַז איהם האָט מען איבערגעלאָזען דאָ אַלס פּקדון. און מאַנכמאָל דוכט זיך איהם, אַז ער איז גאָר אַ נאַכט־שומר געוואָרען אויף די עלטערע יאָהרען...

די ווייכע שטוהלען זענען פֿערהאַנגען מיט ברודיגע ציכען, די בילדער אויף די ווענד זענען פֿערצויגען מיט פּאַפּיראָסען־פּאַפּיער אָדער טולענע שלייערס; אַלץ, וואָס קאָן אַיינזויגען שטויב אָדער ווערען אָבגעבלאַקירט פֿון דער זון, האָט מען אַרויסגענומען פֿון די חדרים און זיי פֿערשפּאַרט אויף אַ גאַנץ זומער אין פֿינס־טערן קאַמער׳ל.

ער שפּאַצירט דורך די האַלב־אויסגעליידיגטע חדרים, ווי אין אַ פֿרעמדער דירה, און קוקט מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ אויף די פֿערהאַנגענע בלינדע בילדער. נאָך ווייניג, וואָס מען האָט פֿון איהם צוגענומען דאָס ווייב און קינד, נאָך ווייניג, וואָס מען האָט אויף אַ ווײלע צוריסען דאָס שנירעל, אויף וועלכען עס זענען אָנגעקרעלט זיינע טעגליכע געוואָהנהייטען, — מען פֿערדעקט פֿון זיין אויג אַלץ, וואָס קאָן דערפֿרישען זיין בליק, וואָס קאָן אַרויסרופֿען אין איהם אַן אַנגענעהמע ערינערונג.

מאַנכמאָל ווערט זיין האַרץ אָנגעצונדען פֿון כעס. די, וואָס אַר־ בייטען אַם ווייניגסטען, רוהען מעהר פֿאַר אַלע, רוהען מיט אַ

זיכערן, פעסטען געוויסען, אַז די רוה האָבען זיי כשר פער־דיענט. קליינע קינדער, וואָס זייער גאַנצער טאָג געהט אַוועק אין שפּיעלען זיך, ליגען איצט אויף די גרינע לאָנקעס; אין וואַלד אונטער געדיכטע בוימער, ביי די ברעגעס פון טייך, וואו עס וועהט אַזאַ מחיה׳דיג ווינדטעל. יונגע פרויען, וואָס אַ האַלב לעבען פערגעהט זיי ביי דער שניידערקע און מאָדיסטקע, ליעגען איצט אין שעֶנע פּאָזעס אָנגעלעהנט אין די זומעל־זעסלען און געניסען די זיסע צייט פון דעם זומער צוזאַמען מיט זיי־נע ליעבע חלומות. און ער, וואָס האָט אַ רגע קיין מנוחה נישט, וואָס שלאָפט נישט קיין נעכט פון דאגות און צומאַטערט זיי־נע נערווען פון פריה ביז אָוועגד, — שפּאַצירט איצט אַרום אין ליידיגע צימערן, וואָס האָבען אויף מאָנאַטען לאַנג פערלאָ־רען דעם אַלטען, בערוהיגענדען אָנבליק.

נאָר דער כעס פערברענט גיך ווי אַ שטרויעלע און ער ווערט פלוצלונג אַ האַלבער פילאָזאָף. נישט אומזיסט האָבען קינדער און פרויען שוין אַזאַ מזל. מען האָט זיי ליעב, און דאָס, וואָס מען האָט ליעב, וואָלט מען אייביג וועלען זעהן אַזוי שען און יונג, ווי אין דעם טאָג, ווען די ליעבע האָט אויפגעשפּראָצט אין האַרצען. דער מאַן, וואָס שטעהט נישט אויף איין אָרט, וואָס פיהלט זיך נור גוט, ווען ער איז אין אַנ׳אייביגער בעוועגונג, וואָס שטויסט און ווערט געשטויסען, האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער וויל, אַז דאָס קינד און די פרוי זאָלען בלייבען אין זיינע בליקען און אין זיין האַרצען אייביג דיזעלבע, די אייביג נישט פערענדער־ליכסטע.

זיי זענען פאַר איהם, דעם שיפער אויפ׳ן ים, ווי דער לייכט־טורם, וואָס ריהרט זיך נישט פון אָרט, און לייכט שטענדיג מיט דיזעלבע ליכטיגע שטראַהלען.

און ווען אין האַרצען פון האַלבען פילאָזאָף שטראָמט אַריין אַ וועל פון וואַרימער גוטסקייט, קוקט ער אויף די ליידיגע, נאַ־קעטע צימערן מיט אַ זיס־אומעטיגען בליק און טראַכט: אַזוי האָט שוין גאָט די נאַטור איינגעריכטעט, אַז אַ מענש קאָן נישט

זיך בּעגליקען, נאָר אַ צווייטען. דער מענש איז אַזוי בּעשאַפֿען, דאָס ער קאָן גליק פֿערטראָגען, קאָן דאָס אָבּער נישט אָנ־נעהמען מיט די הענד. צו אַליך האָבּען מיר הענד, נאָר נישט צו דער נעמין פֿאָרטונאַ. אַ צווייטער מוז אונז געבּען די גאָל־דענע מתּנות. וואָס פֿאַלט פֿון איהר שוים.

און ער פֿרעהט זיך, וואָס ער, דער פּקדון, דער שומר פֿון די ליידיגע צימערן, האָט, גאָט צו דאַנקען, די האַנד, וואָס איז נויטיג אַ צווייטען אויף אַ ווײלע גליקליך צו מאַכען.

XVII

אונטער'ן סכך-בוים.

...ער ליעגט איצט אַ גאַנצען טאָג אונטער'ן סכך-בוים, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיינע צווייגען, ווי אַ מנורה, זיינע רעהרען, און הילט-איין אין שאָטענס זיין מאַטען קערפּער, מאַט פון דער גרויסער היץ. אין קאָפּ קריכען די געדאַנקען, ווי די רעדער פון אַ וואָגען אין געדיכטען זאַמד, ווי דאָס בלוט אין די אויפגעדראָלענע בלאָהע אָדערן, ווי די ווערעמלעך אויף דעם אויסגעטריקנטען בלאַט: פאַר זיינע אויגען בעוועגט זיך פויל דער פּאַס פון טייך, וואָס שפּיגעלט אָב פּוכיגע ווייסע וואָלקענס, אַ בלאָהען הימעל און אַ באַרגיגען גרינעם ברעג. אַ וואַרימע שטילקייט נעהמט אַרום דעם גאַנצען שטח. די שפּיציגע הייסע שטראַהלען האָבען פעריאָגט פון דער יבשה אַלץ, וואָס לעבט און קריכט, פעריאָגט אין די נעסטען, אין די גריבער און אין די לעכער, אַקוראַט, ווי איהם אונטער'ן געדיכטען שאָטען פון בוים.

די קריכענדיגע געדאַנקען קומען אַלץ נעהנטער און נעהנטער. באַלד וועלען זיי שוין אַריין אין דעם פּאַלאַץ, וואָס דער מענש רופט דאָס אָן כח הדמיון, הכרה און דעסגלייכען. עס טרעטען פאַר איהם אַרויס אַלץ קלאָרער און קלאָרער די טעמפּלען פון אַן'אינדישער שטאָדט, די בודיסטישע הייליגטימער, וועלכע דרעמלען אין דער שטילקייט פון אַ פּאַלמען-וואַלד. און ער דערזעהט דעם „בן מלך" פון ר' יהודה הלוי. גויטאַמאַ, בידאַ, וועלכער קוקט מיט פערשטיינערטע, קאַלטע גלייכגילטיגע אויגען אויף אַלץ אין דער וועלט.

ער טראַכט: נאָר די גרויסע טראָפּישע היצען האָבן געקאָנט אָנפילען אַ מענשענ׳ס האַרץ מיט אַזאַ מורא׳דיגער גלייכגילטיגקייט. אונטער דעם פייער פֿון אַנ׳אינדישער זון ווערט צושמאָלצען דער „איך“ פֿון אַ מענשען, ווי אַ צינערנער קנאָפּ אין אויוען. די גאַנצע נאַטור אַרום האָט נור איין רצון: וואָס גיכער נעלם צו ווערען און צוגעהן אין דעם אין־סוף, ווי אַ רויך פֿון אַ קוימען. דער בודיסטישער געדאַנק, אַז איטליכער מענש מוז שטרעבען צו „נירוואַנאַ“, ד. ה. — נעלם צו ווערען נישט נור אויף דער וועלט, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע וועלטען—האָט נור געקאָנט געבאָרען ווערען אין אַ לאַנד, וואו דער קערפּער צורינט פֿאַר היץ, וואו די בוימער וואַרפֿען זומער־צייט אַראָב זייערע בלעטער, ווי ביי אונז ווינטער־צייט, וואו שלאַנגען און עקדעשען אַנטלויפֿען פֿון דער פֿלאַקערנדיגער זון אין די טיעפֿסטע בעהעלטענישען פֿון אַלערליי זומפּען; בעת איטליכער פֿיהלט, אַז דער גוף איז אַנ׳איבעריגע משׂא, און נישט נור דער גוף, נאָר אויך די נשמה, וואָס פֿערליערט איהר בויגיגקייט, איהרע לייכטע פֿליגעל, ווערט שווער און קריכענדיג כמעט ווי אַ גשמיות׳דיגער חומר.

אויך דער פֿראָסט, די אייזיגע קעלט שמיעדט־צו די גליעדער פֿון אַ מענשען און גיט איהם צו פֿיהלען די שווערקייט, די משׂא פֿון גוף. אָבער אינאיינעם מיט דער משׂא שלעפּט זיך נאָך צוערשט דער וועהטאָג און שפּעטער, אַ ווילע פֿאַר דעם טויט, קומט אויף איהם אַרויף אַזאַ וואַרימקייט, וואָס וויעגט־איין זיין נשמה מיט די בעסטע חלומות.

די היץ אָבער צוגיסט זיך אין די גליעדער אָהן אַ שום שטאַרקען געפֿיהל. סיי דער וועהטאָג, ווי די פֿיעבערהאַפֿטע פֿאַנטאַזיע, וועקען נישט אויף די דינע פֿעדים פֿון אַ לעבען, וואָס האַלט ביים גוסס׳ן. אַלץ ווערט כלה, אַלץ ווערט עפּיס ווי נעלם און עס בלייבט נור איין געפֿיהל, אַז דאָס נעלם־ווערען זאָל שוין זיין אינגאַנצען, זאָל שוין זיין ווי דער גראָבען אויפֿ׳ן ים, וואָס אַ שיף האָט איהם אויסגעשניטען און וואָס די קומענדיגע ווע־לען פֿערגיסען איהם און לאָזען פֿון איהם קיין זכר נישט.

... און ער טראַכט מיט אַ פֿולען געדאַנק ווייטער:

דער גרויסער בורא, וואָס האָט פֿערקערפּערט אין זיך אַלע ליידען

און פּיין פֿון די לעבעדיגע בעשעפֿעניש'ען אין זיין לאַנד, האָט אויך געפֿיהלט מיט אַ געניאַלען האַרצען די פּיין פֿון אַ מענשען, װאָס װערט לעבעדיגערהייד צוגאָסען פֿון היץ, װי אַ צינערנער קנאָפּ. אין זיין רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿיע ריידען אויפ'ן קול די טראַ־פּישע היצען פֿון אַ לאַנד, װאָס איז געװאָרען אַ גרויסער שמעלץ־קעסעל, אַ װאונדערליכע כלי, װאָס צושמעלצט אויך די טייערסטע חפצים אין אַ געדיכטער פֿליסיגער מאַסע. דאָס רעדט דער אויס־געמאַטערטער הינדו, אויסגעמאַטערט פֿון היץ, און װאָס האָט נור איין געדאַנק — װאָס גיכער צורונען און נעלם צו װערען. און עס דוכט זיך איהם, אַז נור איצט, ליגענדיג אַ פֿער'חלש'טער אונטער'ן סכך־בוים, האָט ער דערטאַפּט דעם טיעפֿערן זין פֿון אַ בודיסטישער פֿילאָזאָפֿיע...

... װי נור ער איז אָבער אַרויס פֿון אונטער'ן בוים, און איז אַריין אין דער זון פֿון אַ װאַרשויער הייסען טאָג, — האָט ער שוין פֿערגעסען אָן דעם „נייעם געדאַנק" זיינעם, און עס איז איבע־ריג געבליבען ביי איהם נור איין געפֿיהל, איין רצון — װאָס גיכער נעלם צו װערען, נעלם צו װערען, װי אַ צינערנער קנאָפּ אין טעפּעל פֿון אַ תדר־יונגעל, װאָס שמעלצט אויס אַ דריידעל אויף חנוכה.

בעל מחשבה שריפטען.

XVIII

אַנ'אַלטער הענגלייכטער.

(די ימים-נוראים-טעג איז בערלין.)

איהר געהט דורך די קאָלעדיגע גאַסען, פֿריעדריך-שטראַסע, לייפּ-
ציגער-און קעניגשטר., און טרעפֿט אויף איטליכען טריט בלינ-
דע שויבען און פֿערמאַכטע טהירען. נעבען דער בערזע, אין בער-
זען-קאַפֿע זעהט איהר בלאָנדזשען אַ פּאָר לעדיגגעהער. דער
פּלאַץ, וואָס איז שטענדיג געפּאַקט מיט אַלערליי בערזען-טיפּען,
איז ווי אויסגעלעדיגט. דערפֿאַר איז אין גרויסען און קליינעם
טיער-גאָרטען קיין באַנק ניט פֿריי. אויסגעפּוצטע יודישע דאַמען
שפּאַצירען אַרום מיט דעם יום-טובֿדיג געקליידטען מאַן אין
די אַלעען. הינטער זיי שלעפּט זיך נאָך די „שפּרעוואַלדער" באָנע
מיט דעם נאַציאָנאַלען „קאָפּפּוץ" און די ברייטע אָנגעקראָכמעלטע
אונטעררעק, וואָס פֿיהרט ביים האַנד „יונג-איזראַעל". דאָס האָט
מען געבראַכט צו פֿיהרען טאַטע-מאַמען די יונגוואַרג, גראָד אין
דער צייט, ווען מיעד ווערענדיג פֿון לאַנגען דאַוונען-הערען,
האָבען זיך די עלטערען געלאָזען געהן אין די גרינע אַלעען.
אַ פּאָר הונדערט טויזענד „דייטשע בירגער יודישען גלויבענס"
האָט פּלוצלינג פֿערוואָלט זיך דאַוונען, און אַזוי ווי עס קלעקען
ניט קיין סינאַגאָגען פֿאַר אַזאַ מחנה יודען, האָט מען פֿאַר די
ימים-נוראים-טעג אָבגעדונגען אַלע גרעסערע זאַלען אין פֿערשיעדענע
טיילען פֿון בערלין. פֿון דער פֿילהאַרמאָניע, וואו ניקיש בע-
וויזט זיך אַלע ווינטער מיט זיין דיריזשער-שטאָק, ביז דעם
„פֿענפּאַלאַסט", וואו בעריעל רעדט אָפֿט פֿאַר 6—5 טויזענד אַר-
בייטער, און וואו אַ גאַנץ יאָהר הויבען די פֿיסלעך מיטעלמעסיגע

שאַנסאָנעטינס און טאַנצען „קעק-וואָק" פעך-שוואַרצע נעגערס; פון „אונטער-די-לינדען-טעאַטער", וואו יונגע טאַלענטען ווייזען זייער דעקאַדענטישע השגה ביים שפּילען פון די נייעסטע מעטערלינקס און אַנדרעיעוו'ס פּיעסעס, ביז צום „הערענפעלד-טעאַטער", וואו די צוויי ברידער הערענפעלד שפּילען טאָג-טעגליך זייערע יודיש-דייטשע פאַרסען „ענדליך אַליין", „קלאָבעריאַש", „פרוי ראָזאַ טורטעלטויב ביים האָפּבאַל" א. א. וו., — אומעטום האָבען יודען פערשפּרייט זייערע נעצען פון פרומקייט און יודישקייט. אַלע די דאָזיגע זאַלען האָבען זיי מיט אַמאָל פערוואַנדעלט אין אַ מקום-קדוש, מיט אַן אָרון-קודש, אַ בימה פאַר'ן פרעדיגער און אַ מזרח-וואַנד פאַר'ן בעל-תפילה.

אין די לאָזשעס פון די פערשיעדענע „וואַריעטע-טעאַטערס" זיצען איצט יודישע צניעות מיט אַ הוט "dernier cri" אויף די קונציג פריזירטע פּנים'לעך. דער פאַרטער האָט הויך די שטוהלען נאָך שטענדערס צווישען, און איבער די פרעק פון די דאַמענערס ציהט זיך אַ ברייטער זילבערגרויער באַנד, אַ זכר פון אַ טלית'ל.

די סצענע, וואו אַ לאָנאַ באַריסאָן האָט געוואונקען מיט איהרע שטרוי-דינע פיסלעך, האָט איצט פערנומען דער אָרון-קודש, דער שטוהל און טישעל פונ'ם יונגען פרעדיגער. וואָס ווערט אין די העכסט קריטישע מאָמענטען, למשל, פאַר „ונתנה תקף", אָדער נאָך „כל-נדרי" האַלטען זיין דרשה און זיך „רעדליך" בעמיהען נאָכצימאַכען דערביי די בעוועגונגען און דעם פאַסטאָר-טאָן פון אָבער-ראַבינער ד"ר מאַיבוים.

אַ פאָר הונדערט טויזענד יודען האָבען מיט אַמאָל בעקומען אַ יצר-הרע צו אַ ראַבינער אַ פרעדיגער. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דאָס ראַבינער-סעמינאַריום אין בערלין, אַלץ איז זי ניט אימשטאַנד צו פערזאָרגען כלל-בערלין מיט פאַרטיגע פרעדיגער. און מען מוז שוין פאַר ליעב נעהמען מיט סעמינאַריסטען-קאַנדידאַטען, מיט ניט-געענדיגטע שילער פון דער ראַבינער-שול, ביי וועמען עס האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו שפּראָצען דאָס בערדעל. און אין די ראש-השנה טעג קאָן מען זעהן, ווי נעבען דעם שאָטען פון לאָנאַ באַריסאָן שטעהט און דאַווענט אַן'עמבריאָלאָגישער ראַבינערעל און וואַכט מיט שוויס אויפ'ן שטערען, איינצוהורן זיך די קומענדיגע רעדע.

ער טאָג איז פֿאַר איהם אַן אמת'ער יום-הדין, און קיינער פֿיהלט ניט אַזוי די ערנסטקייט זיינע, ווי דער אָרעמער ראַבינער-שילער: אויף די שטוהלען אין פּאַרטער, וואו מען האָט נאָך אייערנעכטען אַזוי נאָכלעסיג געהאַלטען דאָס פּראָגראַם-בלעטעל פֿון דער אָווענד-פֿאָרשטעלונג — זיצען איצט יודען און בלעטערען די מחזורים. טאַטעס ווייזען אָן דעם זוהן דעם גימנאַזיסט, — שוין אַ הערוואַקסענער בחור'ל, אין קורצע הויזען מיט שניר-שטיוועל און שוואַרצע זאָקען — דעם סדר פֿון דאַוונען; אָפּטמאָלס ווייס דער טאַטע אַליין ניט וואו מען האַלט, אָפּטמאָלס פֿערבייטען זיך טאַטע און זוהן די יוצרות; דער גימנאַזיסטעל, — שוין אַ מיטגליעד פֿון אַ נאַציאָנאַל-יודישען פֿער-איין — פֿיהרט דעם טאַטען דורך דעם פֿינסטערען לאַבירינט פֿונ'ם בייכיגען מחזור. און סוף-כל-סוף זענען פֿאָרט די דאַוונער אַ סך געניטער אין אַ קאָנצערט, ווי אין דער סימפּאָניע פֿון אַ ימים-נוראים'דיגען דאַווענטאָג. דאָרטען ווייסען זיי גאַנץ גענוי, ווען עס ענדיגט זיך דער מוזיקאַלישער זאַץ. וואָס אָנבעלאַנגט דעם מחזור, — קאָן נר איין גאָט זיך מרחם זיין אויף זיי! חוץ דעם בחור'ל, דעם פּרע-דיגער, וואָס שטאַמט אַליין פֿון גאַליציען, פֿיהלען זיי זיך, ווי בלינדע, און טאַפּען דעם מחזור מעהר מיט די פֿינגער, ווי מיט די אויגען. נעבען לאָגאַ באַריסאָנ'ס שאָטען, — אויף דער שאָטען איז פֿיעל סימפּאַטישער, ווי דער גאַליצישער בחור'ל מיט די וויינפערלעך אויף די באַקען — בעווייזט זיך דער פּרעדיגער. מיט אַ בת-קול פֿון ד"ה מאַיבוים ערקלערט ער דעם עולם, אַז זיי זאָלען ניט מיינען, אַז זיי זענען ניט זינדיג. פֿאַר גאָט זענען אַ—אַלע, אַ—אַלע, אַ—אַלע זינדיג. נאָר — אָבעסען זיך דאָס האַרץ דאַרף מען ניט. עס זענען אָפּען די „תשובה-טהאָרען" און ווען מען „בעט אינברינסטיג", האָרכט גאָט און פֿערצייהט. ווייל ער איז איין „אֵל רחום וחנון" און בעטען דאַרפֿען מיר נור, אַז עס זאָל אומעטום הערשען פֿריעדען. און מיר דאַרפֿען דאַנקען די פֿאָרזעהונג, וואָס האָט אונז געגעבען אַזאַ לייטזעליגען קייזער, וואָס שירמט דעם פֿריעדען אין אייראָפּא. „דען וויר, יודען, טרייע בירגער, בעטען שטענדיג פֿאַר פֿריעדען" א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אָבער לאַנג זיין צוגעבונדען צו דער פֿרומער פֿילהאַרמאָניע אָדער פֿענפֿלאַסט איז דער בערלינער יוד ניט געוועהנט. נאָכ'ן פּרע-

זינגער'ס דרשה פערלאָזט ער די שוהל. געהט שפּעטער לופט אין די גרינע אַלעען, וואָס שיינען איצט מיט אַזאַ מילדען הערבסטיגען זוננענשיין.

אין געהענדיג דורך די גרינע אַלעען, — פערטראַכט זיך מאַנכער מענגען זיך, זיין יודענטום און זיין בעציהונג צום פרעדיגער און יודישען מחזור. און דעמאָלט דערטראַכט זיך דער „דייטשער בירגער יודישען גלויבענ'ס“, אַז אַ גאַנץ יאָהר איז ער אייגענטליך אַ דייטשער בירגער; נאָר עטליכע טעג אין יאָהר ווערט ער עפּיס אַ מחותן מיט אַנ'אַלטערטימליכען גלויבען, אַלטערטימליך, ווי די געגענשטענדע, וואָס שטעהען אין „צייגהויז“ אויפ'ן שלאָס-פּלאַץ; אַזאַ מין אַנטיק, ווי די אַלטע קאַנאָנען פון הערצאָג פון בראַנדענבורג. און ניט נור אַ מחותן; ער אַליין ווערט עפּיס אַזאַ מין אַנטיק פון אַ מוזעאום, ער מיט'ן טלית'ל, מיט'ן מחזור מיט דעם וואונדערליכען אַלט-סעמיטישען לשון אין מויל און די אַלטע מוזיקאַלישע קלאַנגען פון אַ „ונתנה תוקף“ און אַ „מפּני חטאינו“ אין אויער. ווען ניט זיין גימנאַזיסטעל ביים זייט און זיין ווייבעלע מיט'ן ניי-מאָדישען פּאַריזער הוט — וואָלט שוין צווישען איהם און אַ חפץ אין אַ מוזעאום גאָר קיין חלוק ניט געווען. דען פּונקט ווי אַנ'אַלטערטימליכען חפץ האָט מען איהם מיט אַמאָל אַנידערגעשטעלט צווישען עהנליכע אַנטיקען. זיין בערזענאויג פון אַ גאַנץ יאָהר בלאָנדזשעט איצט אַרום איבער אַנ'עמוד, אַנ'אָרון-קודש, איבער די זילבערנע ידים פון אַ גראָלטען פּאַרמעט-ספר — פון אַ ספר, וואָס לעבט שוין טויזענדער יאָהרען אין מענשענס גייסט.

ווי דורך אַ כשוף איז ער מיט אַמאָל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אַלטען טייערען חפץ, ווי למשל, אַנ'אַלטער העגגליכטער פון טיטוס'עס צייטען. און אַזוי ווי אַלטע געגענשטענדע האָבען ליעב די האַלבע דונקעלהייט פון אַ מוזעאום, — זיצט ער איצט אין אַ זאַל, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזעהן די גאַנצע זון, און וואו פלאַמען פון וועקסענע ליכט האָבען שטענדיג געוואָרפען זייערע לאַנגע ציטערדיגע שאָטענס.

געהענדיג דורך די גרינע אַלעען, געאַרעמט מיט זיין שענע ווייבעל אין פּאַריזער הוט, דערפיהלט פּלוצלינג דער „דייטשער בירגער יודישען גלויבענס“, ווי אַ בהיטע גאוה שפּאַרט איהם ביז צו האַלז.

ער איז שטאָלץ, וואָס צייטענווייז איז ער ניט ווייניגער ליעב און טייער, ווי אַן אַלטערטימליכער הפץ, וואָס זיין יחוס ציהט זיך ביז צום הענגלייכטער אין טיטוס-צייטען, וואָס ער איז ימים-נוראים-טעג צוגלייך אַ דייטשער בירגער און אַ זעלטענער אַנטיק, וואָס ווינקט זיך שוין איבער מיט די ערשטע גרינדער פון דער קייזערליכער האָהענצאָלערן-משפחה. ער דערמאָהנט זיך אָן היינע'ס ווערטעל: דאָס ווען פון יודען וואָלט נור איבערגעבליבען איין מענש אויף דער וועלט, — וואָלט מען דאָך ניט געשוינט קיין מיה און קאָסטען צו פאָהרען זעהן דעם איינציגען יורש פון אַלטען פאָלק. און ער פיהלט, אַז ביי זיך איז איטליכער איינער, אַז אויך ער האָט געמעגט זיין דער איין-איינציגער יוד, צוליעב וועלכען מען וואָלט אויסגעפאָהרען אַ וועלט, נור איהם צו זעהן.

די גאַנצע גאוה פון אַ קינד פון אַן אַלטער דינאַסטיע קלייבט זיך אַריין אין הערצען פון בערלינער יודען, דעם קאָמערציען-ראַטה; ער דריקט פעסטער דעם אָרעם פון זיין ווייבעלע — און ער האָט אַ גרויסען גייסטיגען פערגעניגען פון זיין יודענטום...

מיט אַמאָל פאַלט זיין בליק אויף אַ יונגען מאַן אין אַ שוואַרץ העמדעל און אַ טיפישען יודישען נאָז, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ „הייפליין עלענד", — ווי די דייטשען רופען אַ רוסישע קורסיסטקע, — פון אַ באַנק און אויך זיך געלאָזען געהן שפאַצירען. ער האָט באַלד דערקענט אין איהם אַ רוסישען „גלויבענס-גענאָסען". „אויך ער איז אַזאַ מוזעאומס-אַנטיק, ווי איך" — האָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטהון און ס'איז איהם געוואָרען פינסטער אין די אויגען — „אויך ער איז אַ קינד פון אַן אַלטער דינאַסטיע. אויך ער האָט געקאָנט זיין דער איינער, צו וועמען מען וואָלט געפאָהרען פון דער גאַנצער וועלט".

און זיין ברייטע גאוה איז שנעל צעקראָכען, ווי שוים.

ער האָט זיך פלוצלינג ענטשלאָסען אַריינצוגעהן אַ ווייל'ע מיט דער פרוי אין אַ קאַפע.

אינהאלט,

I קריטישע אַרטיקלען:

דריי שטעדטלעך 5
שלום יעקב אַבראַמאָוויטש 30
אַנ'אייניקעל דעם זיידען 39
מעמואַרען־ליטעראַטור 58
צו דער יודישער טעאַטער־פראַגע . . . 71
די סכנה פון היינטיגער יודישער דראַמא . 79

II ליטעראַרישע געשפרעכען:

ה. צייטלין 87
אַברהם רייזען 92
דר. נתן בירנבוים 97
ל. קאָברין 103

III נאָטיצען פון אַ קריטיקער:

ל. שאַפּירא 113
דוד איינהאָרן 118
ז. ליבין 122

IV שטריכען און געדאַנקען:

I די יודישע נאַס 129
II מען לייזט נישט 132
III אויף בין הזמנים 135
IV יודישער יתום 138

V בר מצוה 141

VI אַ שמועס 144

VIII אַ גאַסט איז געקומען 149

VII די אויסלענדער 146

IX מען איז זיך מתעסק 152

X אַ יודישער באַל 155

XI אַ יודיש בוך 158

XII דאָס פינטעלע יוד 161

XIII עקביה בן מהללאל 164

XIV דער פובליציסט פון אַ קעז בלעטעל . 167

XV ביים ברעג ים 170

XVI אין די שטילע צימערען . . . 172

XVII אונטערן סכך בוים 175

XVIII אַנ׳אַלטער העגגליילטער . . . 178